STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00641

# OYFN SHVEL FUN YENER VELT

## Daniel Charney

*Permanent preservation of this book was made possible by*
*James D. Silverman*
*in memory of*
*Harry (The Barber) Feldman*

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org




דניאל טשאַרני




אַרבעטער רינג סאַנאַטאָריע אין ״ליבערטי״

# אויפן שוועל
# פון יענער וועלט

מיין ליבער הארציקער
בנימין (ניאָמקע) ראָסעקער.

שרעק זיך ניט פאַר דעם
נאָמען פון בריוו. ווען דו
וועסט לייענען, איז, איך
מיין, יאָרן – וועסט !
ערשט דערבעטן, אַז מע קען
זיין צווייען געטערט
אפילו „אויפן שוועל פון
יענער וועלט":
לייען געזונטערהייט
און דערמאָן מיך צום
גוטן. דיין ליבער
בנימין [illegible]

דניאל טשארני

# אויפן שוועל פון יענער וועלט

טיפן, בילדער

עפיזאָדן

ניו־יאָרק, 1947

DANIEL CHARNEY

# OFFEN CHWELL FON YENNER WELT

NEW YORK 1947

PRINTED IN U.S.A.
BY MARSTIN PRESS, NEW YORK 17, N.Y.
438

„שווינדזוכט טוט איר צעשטערערישע אַרבעט שטיל, בהדרגה־דיק, כמעט ווי מיט זיידענע פינגער, פאַנאַנדערשפּינענדיק דיניג־קע, צאַרטע געוועבן.“

„שווינדזוכט הילט זיך איין אין אַ מיסטיש־פילאָסאָפישער חופּה און טראָגט אין אירע הענט דעם טויט, ווי מען טראָגט לעקאַך אויף אַ יום טוב׳דיקן טאָץ.“

„זייער ווייניק קרעבצן הערט מען אין אַ טובערקולאָז־סאַנאַ־טאָריע. אויב יע — זיינען די קרעבצן שעמעוודיקע, אינערלעכע.“

**ה. לייוויק.**

„מיט דער שארית הפליטה“, ז. 185.

# ערשטער טייל

## אַ שמועס מיט אַ לונגען־דאָקטאָר

איך האָב שוין אַזאַ אַ טבע, אַז ביים באַשרייבן געוויסע איבערלעבונגען — אפילו ניט אייגענע — לעב איך זיי איבער נאָך אַמאָל, ווי זיי וואָלטן געווען אַקאָרשט פּאַסירט מיט מיר אַליין.

דעריבער מוז איך ביים שרייבן אַ סך רויכערן און זויפן קאַווע. די דאָקטוירים זאָגן, אַז ס'איז ניט גוט פאַר מיר.

אמת, ווען איך פאָלג די דאָקטוירים — וואָלט איך שוין לאַנג געווען אויף יענער וועלט. זינט איך לעב — האַלטן זיי אין איין אָפּזאָגן מיר מיין לעבן. און וואָס איז דען מיין לעבן, אויב ניט אָן אויפהער צו רויכערן, זויפן קאַווע און שרייבן?

איך בין זיך מודה, אַז איך האָב שטאַרק הנאה פון דעם עצם פּראָצעס פון שרייבן. ניט נאָר דערפאַר אַליין, וואָס ביים שרייבן לעב איך איבער נאָך אַמאָל דאָס איבערגעלעבטע, נאָר אויך טאַקע דערפאַר, וואָס דורך מיין שרייבן האָב איך געוואונען אַזויפיל פריינט און חברים, וואָס זיינען געוואָרן שטיקלעך שותפים צו מיין לעבן.

און וויבאַלד מיינע לייענער זיינען אויך געוואָרן שטיקלעך שותפים צו מיין לייב־און־לעבן — האָב איך באַשלאָסן זיי צוליב טאָן און אָוועקפאָרן אויף אַ זומער אין די בערג, וואו איך וואָלט געקאָנט גוט אויסלופטערן מיינע ניקאָטין־לונגען און באַרואיקן אַביסל מיין קאַפעאין־האַרץ.

אַזאַ מין פּלאַץ — האָב איך געטראַכט — קאָן זיין נאָר אַ לונגען־סאַנאַטאָריע, וואו די פּאַציענטן זיינען בטבע האַלב־קראַנק און האַלב־געזונט, פּונקט ווי איך.

כדי אָבער אַריינצופאַלן אין דער לונגען סאַנאַטאָריע פון דעם אַרבעטער־רינג, וואָס איז, זאָגט מען, די בעסטע אין גאַנצן לאַנד — מוז מען צוערשט דורכמאַכן דעם מעדיצינישן עקזאַמען פון דעם דאָקטאָר, וואָס אָן זיין דערלויבעניש קאָן מען אהין ניט אַריינקומען.

איז צווישן מיר מיטן דאָקטאָר פאָרגעקומען אַזאַ מין שמועס:

— ווי אַלט זייט איר?
— 57.
— ווי לאַנג זייט איר קראַנק?
— 57.

האָט שוין דער דאָקטאָר אַ קוק געטאָן אויף מיר מיט אַ געוויסן חשד און ער האָט ווייטער געפרעגט:

— אויף וואָס קרענקט איר?
— אויף וואָס ניט?
— פאַרוואָס זייט איר געקומען דווקא צו מיר?
— ווייל כ'וויל אַריינקומען אין אייער סאַנאַטאָריע, הער דאָקטאָר.
— איר הוסט?
— יעס.
— ווי לאַנג הוסט איר?
— אַזוי לאַנג, ווי איך רויכער.
— ווי לאַנג רויכערט איר?
— שוין באַלד אַ יאָר פופציק — הער דאָקטאָר.

האָט שוין הער דאָקטאָר ווידער אַמאָל מיך אָנגעקוקט איבער די ברילן מיט גרויס חשד און ער האָט מיך נייגעריק איבערגעפרעגט:

— צו וויפיל יאָר האָט איר אָנגעהויבן רויכערן?
— נאָך ייִנגלווייז, אין חדר.
— וויפיל רויכערט איר אַ טאָג?
— אַרום דרייסיק־פערציק, הער דאָקטאָר.
— צוליב וואָס רויכערט איר אַזוויפיל?
— כ'האָב אַזאַ מין באַרוף, וואָס צוליב אים מוז איך אַ סך רויכערן און טרינקען קאַווע אַ סך.
— וואָס איז אייער באַרוף?
— שרייבערייַ.
— וואָס שרייבט איר?
— איך באַשרייב מיינע אייגענע קרענק, הער דאָקטאָר.
— און דערפון לעבט איר?
— יעס, הער דאָקטאָר, כ'מאַך אַ לעבן פון מיינע קרענק.
— איר ווילט דאָך אָבער געזונט ווערן! — האָט מיך שוין דער דאָקטאָר געוואָלט פאַקן ביי אַ ווידערשפרוך.
— משוגע, ווער וויל געזונט ווערן! — האָב איך זיך אַרויסגעכאַפּט מיט אַ נאַרישקייט.
— און צוליב וואָס ווילט איר אין סאַנאַטאָריע?

— ווייל כ'וויל אנטלויפן פון ניו־יארק, הער דאקטאר.

— איך געפעלט נישט ניו־יארק?

— אדרבא, ניו־יארק איז א וואונדערלעכע שטאט, אבער איך קאן שוין מער נישט אויסהאלטן פון די באנקעטן מיט די לויות, הער דאקטאר.

— ווער צווינגט אייך דען צו גיין אויף די באנקעטן מיט די לויות?

— ווען כ'זאל נישט גיין צו די באנקעטן און לויות פון מיינע קאלעגן — וועלן זיי דאך ניט קומען צו מיין אייגענעם לויה־באנקעט, הער דאקטאר.

— איר זייט א טשיקאווער טיפ! — האט שוין דער דאקטאר א זאג געטאן צו מיר אין א מער פריינטלעכן טאן.

— כ'מיין אויך אזוי! — האב איך תיכף מסכים געווען מיטן דאקטאר.

— ווילט איר אריינקומען אין סאנאטאריע, ווי א פאציענט צי ווי א שרייבער? — האט מיך דער דאקטאר פלוצלונג א פרעג געטאן גאנץ ערנסט.

— א שרייבער איז אויך א פאציענט! — האב איך פרובירט איינשטעלן זיך פאר דעם שרייבערישן בארוף.

— ניט אלע שרייבער זיינען קראנק! האט שוין דער דאקטאר פארפירט מיט מיר א דיסקוסיע.

— כ'מיין, הער דאקטאר, אז ווען א יידישער שרייבער קרענקט ניט דורך די טראגעדיע פון זיין פאלק — איז ער קיין שרייבער נישט.

— אבער א סאנאטאריע איז דאך ניט קיין רעדאקציע! — האט מיך דער דאקטאר איבערגעשלאגן.

— אט צוליב דעם טאקע, הער דאקטאר, ציט מיך אזוי צו אייער סאנא־טאריע. די רעדאקציעס האבן מיך קראנק געמאכט!

— איז גוט! — האט דער דאקטאר פלוצלונג נאכגעגעבן — כ'וועל אייך אריינעמען אויף אבזערוואציע, אבער איך ווארן אייך אין פאראויס, אז איר וועט אין דער סאנאטאריע ניט קאנען שרייבן און ניט קאנען רויכערן...

— מסכים, הער דאקטאר! — האב איך תיכף געענטפערט, ווייסנדיק אין פאראויס, אז איך וועל דארפן סיי רויכערן און סיי שרייבן...

ווען כ'זאל, חלילה, מוזן ווירקלעך אויפגעבן די דאזיקע צוויי שלעכטע געוואוינהייטן (ד. ה. רויכערן און שרייבן) — בין איך דאך בכלל אוים מענטש און ס'איז טאקע ניט כדאי צו לעבן מער אויף דער וועלט!

מיט די דאזיקע געדאנקען בין איך אוועק פון דאקטאר אהיים איינצו־פאקן מיין ביסל באלעבאטישקייט און זיך אוועקלאזן אין די קעטסקיל־בערג, וואו ס'געפינט זיך די וואונדערלעכע לונגען־סאנאטאריע.

צווישן מיינע פאדזשאמעס, ביכער און שטעק־שיך האב איך, פארשטייט זיך, פארשטעקט, ווי קאנטראבאנדע, א גאנצן שאכטל סיגארעטן (200 שטיק) און א דיקן פעקל שרייב־פאפיר (500 בויגן), טראכטנדיק דערביי, אז סוף כל

סוף וועט דאָך ביי מיין בעט ניט שטיין אַ גאַנצן מעת־לעת די קראַנקן־שוועסטער און היטן מיין לייב און לעבן!

צו מיין גליק האָב איך אין סאַנאַטאָריע באַקומען אַ באַזונדערן צימער. ס'איז געווען אַ גרויסער טאָפּל־צימער, ד. ה. אַ צימער מיט צוויי בעטן. האָב איך געבעטן גאָט, אַז די לײַדיקע בעט זאָל קיינמאָל נישט פאַרנומען ווערן.

צו וואָס, אַן ערך, דאַרף איך האָבן אַ שכן אין צימער, וועלכער קאָן גאָר שטערן מיינע געהיימע רויך־און שרייב־פּלענער?

לאָזט זיך אָבער אויס, אַז אַ ליידיקע שפּיטאָל־בעט קאָן דיך אַמאָל נודיען און נערווירן אַ סך מער, ווי דער חולה, וואָס וואָלט אין איר געלעגן.

בפרט נאָך, ווען די אַמעריקאַנער שפּיטאָל־בעטן זיינען אויסערגעוויינלעך־הויך און ווען מען קלעטערט אין זיי אַריין איז שוין גאַנץ שווערלעך פון זיי אַרויסצוקלעטערן.

צוליב וואָס מען מאַכט אין אַמעריקע אַזעלכע הויכע שפּיטאָל־בעטן? — איז נאָך מיר ביז היינט אַ רעטעניש. אייניקע זאָגן, אַז ס'איז צוליב די דאָק־טוירים — זיי זאָלן זיך ניט דאַרפן צופיל איינבויגן ביים אויסהערן די פּאַצי־ענטן. אַנדערע זאָגן, אַז ס'איז צוליב דעם, כדי די פּאַציענטן זאָלן ווערן נעענ־טער צום הימל און אַזוי אַרום זאָלן זיי זיך באַצייטנס צוגעוואוינען צו יענער וועלט.

ווי עס זאָל ניט זיין — האָב איך זיך דערפילט זייער „דערהויבן", ווען איך האָב אַן אַ לייטער זיך אַרויפגעכאַפּט אויף דער הויכער שפּיטאָל־בעט מיט די דריי קישענס צוקאָפּנס.

איך האָב געהאַט דעם געפיל, ווי איך וואָלט זיך אַוועקגעלאָזט רייטנדיק אויף אַ זשיראַף אין אַן אומבאַקאַנטער ריכטונג.

ערשט רייטנדיק אויף אָט דער זשיראַפן־בעט — האָב איך נאָך בעסער געקענט באַטראַכטן די פּוסטע בעט אין צווייטן עק צימער, וואָס האָט ביינאַכט באַקומען דעם אויסזען פון אַ מיטה אין אַ טהרה־שטיבל.

מיר האָט זיך שוין אפילו אָנגעהויבן צו דוכטן, אַז כ'זע דעם פּנים פון אַ מת אויף דעם נאַקעטן מאַטראַץ. ס'איז אָבער געווען די לבנה, וואָס האָט זיך אויסגעלייגט אין דער ליידיקער בעט, ווי אַ געלע הון, וועלכע מוז אָט־אָט לייגן אַן איי.

וועל איך, הייסט עס, האָבן צום פרישטיק אַ פרישע איי.

# ערשטע נאַכט אין סאַנאַטאָריע

א סאַנאַטאָריע פאַר לונגען־קראַנקע קאָן מען גיכער פאַרגלייכן מיט א מושב זקנים פאַר יינגערע, איידער מיט א שפּיטאָל.

אין א שפּיטאָל קומען אַריין חולאים מיט א געוויסער קרענק, וואָס אָדער מען ווערט פון איר פּטור, אָדער מען שטאַרבט פון איר, בעת אין לונגען־סאַנאַטאָריע קומט מען אַריין לכתחילה אויף לאַנגע־לאַנגע חדשים. שווינדזוכט, אָדער די „דער" איז אַזאַ מין קרענק, וואָס ניט מען קאָן פון איר פּטור ווערן און ניט מען קאָן פון איר גיך שטאַרבן, ווי מען שטאַרבט, למשל, פון א האַרץ־אַטאַקע, צי פון אַן אויטאָ.

שווינדזוכט איז איינע פון די לאַנגוויילִיקסטע קרענק. זי נודיעט דעם מענטשן אַזוי לאַנג ביז ער גייט אויס פון די כחות. אָבער שווינדזוכט מאַכט דעם חולה איידעלער, צאַרטער און אפילו יינגער. די אויגן גלאַנצן שטענדיק מיט עפּעס א באַהאַלטענער גלוסטעניש, די באַקן זיינען ראָזעווע פון דער גע־העכערטער טעמפּעראַטור און די באַוועגונגען זיינען זייער אַריסטאָקראַטיש און גראַציעז, ווי ביי מענטשן פון די העכערע קלאַסן.

פאַרשטייט איך ניט לחלוטין, פאַרוואָס האָט מען שווינדזוכט א נאָמען גע־געבן „די פּראָלעטאַרישע קרענק"? אַזאַ מין איידעלע קרענק פּאַסט זיך א סך מער פאַר דעם בורזשואַזן קלאַס, וואָס האָט גענוג צייט זיך אָפּצוגעבן מיט איר.

ווי עס זאָל ניט זיין — האָט די מאָדערנע מעדיצין נאָך ביז היינט ניט אויסגעפונען קעגן שווינדזוכט דעם ריכטיקן הייל מיטל.

אמת, נאָך מיט א יאָר פופציק־זעכציק צוריק האָט דער דייטשישער פּראָ־פעסאָר ראָבערט קאָך געהאַט אַנטדעקט דעם טובערקולאָז־באַציל, וואָס זעט אויס צו זיין ווי א שטעקעלע, אָבער אָט די דאָזיקע מיקראָסקאָפּישע באַצילן־שטעקעלעך קאָן מען נאָך ביז היינט ניט פאַרטרייבן מיט קיינע שום שטעקנס.

מיט אַן אַטאָמישער באָמבע וואָלט מען די דאָזיקע באַצילן יע געקענט פאַר־ניכטן, אָבער סע דראָעט דערנסטמאָל די סכנה, אַז אינאיינעם מיט די באַצילן זאָל אויך אומקומען דער טרעגער זייערער, ד. ה. — דער מענטש, און דעריבער האַלט זיך דערווייל אָפּ די מעדיצין פון דעם דאָזיקן ראַדיקאַלן „הייל־מיטל".

באַנוגנט מען זיך דערווייל מיט די אַלטע שאַבלאָנע הייל־מיטלען, ווי גוטע דערנערונג, פרישע לופט, אַבסאָלוטע רו און זאָרגלאָזיקייט.

אַזוי ווי אָבער די דאָזיקע הייל־מיטלען (ס'רעדט זיך אַזוי!) זיינען צו־גענגלעך נאָר פאַר מענטשן, וואָס פאַרמאָגן די נויטיקע געלט־מיטלען — האָט מען צוליב דעם, אפשר, שווינדזוכט א נאָמען געגעבן „די פּראָלעטאַרישע קרענק" און זי ווערט אויך, זאָגט מען, איבערגעגעבן בירושה פון איין פּראָ־לעטאַריער צו א צווייטן.

אמת, איך אליין געהער ניט אפיציעל צום פּראָלעטאַרישן קלאַס, ווייל פּאַ־טען, זאָגט מען, זיינען בכלל קלאַסנלאָזע באַשעפענישן, אַזוי ווי אָבער איך סימ־פּאַטיזיר שטענדיק מיטן פּראָלעטאַריאַט — האָב איך זיך אויך פאַראינטערעסירט מיט דער אַזוי־גערופענער „פּראָלעטאַרישער קרענק" און אַזוי אַרום בין איך פּלוצלונג אַריינגעפאַלן אין אַ וואונדערלעכער סאַנאַטאָריע פאַר לונגען־קראַנקע, וואָס איז טאַקע אויסגעבויט געוואָרן דורך די גוט־אָרגאַניזירטע יידישע פּראָ־לעטאַריער פון אַמעריקע.

די סאַנאַטאָריע געפינט זיך אויף אַ שפּיץ באַרג ערגעץ־וואו אין די קעטס־קיל־בערג מיטן פּנים צו דער זון. צופוסנס דער סאַנאַטאָריע ציען זיך ברייטע גראָז־לאַנקעס, וואָס זעען אויס ווי גלאַטע גרינע טעפּיכער מיט פיין־קאָלירטע בלומען־בוקעטן אין דער מיט. די ברייטע גרינע גראָז־טעפּיכער זיינען פון אַלע זייטן אַרומגעצאַמט מיט נידעריקע, אָבער גאַנץ ברייטע ווענט פון אַזעלכע שטיינער און שטעכיקע קוסטעס, ווי זיי וואָלטן געמאַכט געוואָרן פון שטעכל־דראָט. די דאָזיקע דראָט־קוסטעס האָבן אָבער זומער־צייט אַ טבע אַרויסצושיסן פון זיך שטיפערישע צווייגלעך מיט בלעטער, וואָס רייסן זיך צו דער זון, אָבער אַזוי ווי די דאָזיקע אומגעריכטע אַרויסשפּראָצונגען שטערן די אַלגעמיין־פּראָ־לעטאַרישע גלייכהייט און ברידערלעכקייט צווישן די קוסטעס — מוז דער גערט־נער יעדן ערב שבת זיי אַרומשערן און אויסגלייכן זיי, ווי אַ ברעט, איבער וועלכע סע גלוסט זיך צו כאַפּן אַ שפּאַציר.

אויך דער וואַלד, וואָס רינגלט אַרום די סאַנאַטאָריע און די סאַזשעלקע צופוסנס דעם וואַלד פאַרגאַנצן דאָס אַלגעמיינע קונסט־בילד, וואָס גאָט אַליין האָט באַשאַפן, נאָכמאַכנדיק אַ ביסל דעם באַרימטן יידיש־רוסישן פּייזאַזשיסט לעוויטאַן.

ביז איך, הייסט עס, אַריינגעפאַלן אין דעם ריכטיקן „שוים פון דער נאַ־טור". אַזוי ווי אָבער דער דאָזיקער „שוים" געפינט זיך אויף אַ באַרג — האָב איך געהאַט דאָס געפיל, אַז איך בין אַריינגעפאַלן דירעקט אין בוזעם פון דער נאַטור.

מער נישט איין קעגנשטאַנד שטערט מיר שרעקלעך צו באַוואונדערן די אַלגעמיינע נאַטור־אידיליע און דאָס איז דער זייער הויכער און רויטער פאַב־ריק־קוימען, וואָס וואַקסט אַרויס דירעקט פון דער ערד.

קאָן איך ניט פאַרשטיין צו וואָס אַזאַ פרידלעכע און שטילע אינסטיטוציע, ווי אַ לונגען־סאַנאַטאָריע דאַרף האָבן אַזאַ הויכן קרעמאַטאָריום־קוימען?

ווען איך וואָלט זיך ניט געווען אָנגעלייענט מיט די גרויל־געשיכטעס פון מיידאַנעק און טרעבלינקע—וואָלט מיר, אפשר, דער דאָזיקער הויכער קוימען ניט געהאַט אַזוי איבערגעשראָקן. אַ גרויס־שטאָטישער מענטש איז דאָך שוין געוואוינט געוואָרן צו די פאַרשיידענע מינים קוימענס, אָבער צו וואָס דאַרף מען

„אין שוים פון דער נאַטור" אַזאַ מין לײמענעם גולם, װעלכער האָלט אין אײן אַרײנקוקן אין מײנע שפּיטאָל־פענצטער?

אמת, די קראַנקן־שװעסטער האָט מיך געהאַט באַרואיקט, אַז דער קומענ־געהערט צו דער װעשערײ פון דער סאַנאַטאָריע, אָבער בײנאַכט איז דער סילו־עט פון דעם לײמענעם גולם געװאָרן נאָך מער פאַנטאַסטישער און שרעקעװ־דיקער. ס׳איז גראָד געװען אַ פולע לבֿנה־נאַכט. די לבֿנה אין די בערג זעט אויס צו זײן אַ סך נידעריקער, װי זי איז אין ניו־יאָרק, װאו מען זעט זי בכלל קײן־מאָל נישט.

זי האָט טאַקע אויסגעזען, די לבֿנה, װי דאָס זילבערנע „טעלערל פון הימל", כאַטש נעם און עס פון איר קאָמפּאָט! אָבער אַט־אַט האָט זי דערגרײכט דעם שפּיץ פון דעם קומען און איך האָב אָנגעהויבן צו ציטערן, אַז זי קאָן נאָך, חלילה, אַרײנפאַלן אין זײן אָפענעם שװאַרצן פּיסק און דענסטמאָל װעט פון איר װערן אין דער װעשערײ נישט מער, אַ שטיק „יודן־זײף."

האָב איך פאַר גרויס שרעק זיך אַרויפגעדראַפּעט אויף מײן הויכער שפּי־טאָל־בעט מיט אירע זשיראַפן־פיס און איך האָב באַלד דערזען פּונקט אַנט־קעגן מיר די צװײטע שפּיטאָל־בעט די לײדיקע...

ס׳איז ניטאָ קײן אומהײמלעכערע זאַך אויף דער װעלט, װי פאַרבלײבן אין אַ לבֿנה־נאַכט אױג־אױף־אױג מיט אַ פּוסטער שפּיטאָל־בעט.

זי איז געװען, די בעט, אַ בעטגעװאַנט, מער נישט אַ װײסע לײלעך האָט פאַרדעקט איר מאַטראַץ. מיט אַזאַ מין לײלעך דעקט מען אויך איבער אַ מת. האָט זיך מיר אָנגעהויבן צו דוכטן, אַז אונטער דער לײלעך באַװעגט זיך װאָס, אַז אונטער דער לײלעך אָטעמט עמיצער.

דאָס האָבן, זעט אויס, די לבֿנה־שטראַלן געשפּילט זיך אויף דער לײדי־קער שפּיטאָל־בעט, און כאַטש איך גלויב, אַז איך בין בטבע ניט קײן לונאַ־טיקער — דאָך אָבער האָט מיך אָנגעהויבן שרעקלעך צו ציען צו דער פּוסטער בעט, װי עמיצער װאָלט מיך פון דאָרטן גערופן. איך האָב געװאוסט, אַז אַזאַ מין שפּיטאָל־בעט קאָן מיר זײער אַ סך דערצײלן. נישט אײן חולה האָט שוין, מסתמא, אויסגעהוסט אויף איר זײנע לונגען און — װער װײס — אפשר טאַקע איז שוין װער אויך געשטאָרבן אויף דער דאָזיקער בעט?

צוליב װאָס, פרעגט זיך, זאָל איך שלאָפן אין אײן צימער מיט אַ מת?

איז מיך פּלוצלונג באַפאַלן אַזאַ מין פּחד, אַז איך האָב געמוזט אָנצינדן דעם לאָמפּ און פאַרטרײבן פון צימער אַלע לבֿנה־געשפּענסטער.

בטבע בין איך גראָד ניט קײן שרעקעװדיקער, ניט איך שרעק זיך פאַר דעם לעבן (װײל איך האָב אים שוין לאַנג הינטער זיך) און ניט איך שרעק זיך פאַר דעם טויט (װײל כ׳האָב געשלאָסן מיטן מלאך המות אַזאַ מין „דזשענ־

טלמען - אגרימענט", לויט וועלכן איך קאן שטארבן, ווען איך וויל און ניט, ווען ער וויל).

יע, מיינע פריינט, מען קאן אויך דעם טויט ארגאניזירן פונקט אזוי גוט, ווי דעם לעבן! (איר זעט דאך!).

אבער די איינציקע שרעק, וואס לויערט איבער מיר א לעבן לאנג — איז די שרעק פון פארגעסן ווערן לעבעדיקערהייט. די דאזיקע שרעק האט מיך גע־מאכט פאר א ליידנשאפטלעכן בריוו־שרייבער, די דאזיקע שרעק האט מיך אויך געמאכט פאר א שרייבער אין די צייטונגען און זשורנאלן און אזוי ארום האב איך זיך דערווארבן אין אלע עקן וועלט א סך אומבאקאנטע פריינט, חברים און קאלעגן.

אבער אט האב איך באקומען פון איינעם א קאנצענטראציע־לאגער א בריוו פון מיין איינציק־פארבליבענעם קרוב אין גאנץ אייראפע.

ער שרייבט מיר, אז איידער די נאצים האבן אים פארטריבן קיין דייטש־לאנד האט ער נאך באוויזן צו זיין אויפן מינסקער בית עולם.

אויף דעם דאזיקן בית עולם — שרייבט מיר דער קרוב, געפינט זיך א בארג.

„אונטער דעם דאזיקן בארג ליגן 45 (פינף און פערציק) טויזנט דער־שאסענע יידן. דאס איז אויך דער קבר פון מיינע טאטע־מאמע, פון מיינע צוויי שוועסטער און פון נאך א סך פאר אונדז זייער נאענטע מענטשן".

ווייס איך שוין, אז אונטער דעם דאזיקן קבר־בארג ליגט אויך מיין איינ־ציקע שוועסטער מיט אלע אירע קינדער און קינדס־קינדער און קיינער פון זיי וועט שוין מער נישט ווארטן אויף מיינע בריוו און אויף מיינע פעקלעך.

אזוי ארום איז דאך אינאיינעם מיט זיי אפגעמעקט געווארן מיין אייגענער נאמען אין גאנץ אייראפע.

מיט אנדערע ווערטער, הייסט עס, אז אינאיינעם מיט מיין ברייט־פאר־צווייגטער משפחה בין איך אויך דערמארדעט געווארן און אויך מיין סקעלעט געפינט זיך איצטער אונטערן בארג אויפן מינסקער בית עולם.

האט מיר אויסגעזען צו זיין זייער קאמיש, וואס איך וואלגער זיך איצטער אין אזא ציכטיקער און רחבותדיקער בעט מיט דריי קישנס צוקאפנס און אנט־קעגן מיר שטייט נאך איינע א בעט — אינגאנצן א פוסטע, בעת מיין איינציק־געראטעוועטער קרוב אין גאנץ אייראפע וואלגערט זיך נאך עד־היום אין א קאנצענטראציע־לאגער אויף א פאליצע־בעט, ווארטנדיק אויף עפעס א ישועה פון „דזשאינט", צי פון דער „אונרא"...

אבער די נאכט־שוועסטער האט, זעט אויס, באמערקט ליכט אין מיין צימער. איז זי אריין צו מיר שטיל און פאוואליע, ווי א געשפענסט פון יענער וועלט, און זי האט צו מיר אזוי געזאגט:

— לויט די תקנות פון דער סאַנאַטאָריע מוז מען האַלב נאָך נײַן אויס־לעשן דעם לאָמפּ און איצטער איז שוין האַלב נאָך עלף...

האָב איך דער נאַכט־שוועסטער דערציילט דעם אמת, אַז איך האָב זיך איבערגעשראָקן פאַר דער ליידיקער בעט, וואָס שטייט אַנטקעגן מיר, ווי אַ זשיראַף מיט אַ פאַרריסענעם קאָפּ צו דער לבנה. האָב איך אָנגעצונדן דעם לאָמפּ, כדי צו זען, אַז די בעט איז ניט קיין זשיראַף, און דער רייטער איז נישט קיין מת.

— אויב די בעט שרעקט אײַך — קאָן איך זי אַרויספירן! — האָט די שוועסטער פּרובירט מיך צו באַרויִקן.

— ניין, פּירט בעסער אַרויס די לבנה פון דער גענפּאַר. זי קאָן נאָך, חלילה, אַרײַנפאַלן אין דעם קרעמאַטאָריום־קוימען... האָב איך פּרובירט אַ וויצל טאָן זיך מיט דער נאַכט־שוועסטער.

האָט שוין די שוועסטער דערזען, אַז זי האָט צו טאָן מיט ניט קיין נאָרמאַלן פּאַציענט, האָט זי באַלד אָרונטערגעלאָזט די זשאַליוזשעס איבער די פענסטער און זי האָט מיך גאַנץ שטיל אַ פרעג געטאָן:

— איר זייט אַ „רעפיודזשי?"

— יעס, אַ „רעפיודזשי".

— אויב אַזוי וויל איך אײַך געבן אַ גלאָז וואַרימע מילך און איר וועט באַלד אײַנשלאָפן.

— איז גוט, שוועסטער, גיט מיר אַ גלאָז וואַרימע מילך און איך וועל טאַקע באַלד אײַנשלאָפן — האָב איך גלײַך מסכים געווען.

...ווען איך בין ווידער אַמאָל פאַרבליבן אײנער אַליין אין דעם פינסטער־געוואָרענעם שפּיטאָל־צימער מיט אַ וואַרימער גלאָז מילך אין דער האַנט — הט זיך מיר אָנגעהויבן צו דוכטן, אַז דאָס האָט מיר מײַן דערמאָרדעטע שוועס־טער פון יענער וועלט געבראַכט אַ גלאָז לבנה־מילך, און ווען איך האָב עס געהאַט אויסגעטרונקען מיט איין אָטעם, ווי אַ רפואה — בין איך טאַקע באַלד אַרײַנגעפאַלן אין דעם שוואַרצן פּיסק פון דעם הויכן קרעמאַטאָריום־קוימען.

ס'איז געווען, אַ שלאָף־טרונק...

## באַגעגעניש
## מיט אַן אַלטן אַפּיקורס

אַ שפּיטאָל־בעט איז געגליכן צו אַ פרוי. ס'מוז נעמען אַ היפּשע צײַט ביז מען געוואוינט זיך צו איר צו, אָבער אַז מען האָט זיך שוין צו איר צוגע־וואוינט — ווערט שוין נאָכדעם זייער שווער פון איר זיך אָפּצוגעוואוינען.

איך רעד דא, פארשטייט זיך, פון א שפיטאל־בעט, וואס געפינט זיך אין א לונגען־סאנאטאריע. אין אזא מין בעט לייגט מען זיך אריין לכתחילה אויף לאנגע־לאנגע חדשים מיט דער בעסטער כונה וואס גיכער געזונט צו ווערן.

די ערשטע פאר וואכן זעט אויס צו זיין זייער קאמיש, וואס מען נעמט כמעט א געזונטן מענטשן און מען לייגט אים אריין אין א בעט, ווי א קימ־פעטארין.

איך זאג „כמעט א געזונטן מענטשן", ווייל א לונגען־קראנקער איז פסיכיש קיינמאל ניט צוגעגרייט צו ווערן פלוצלונג א חולה, וואס מוז חדשים־לאנג וואלגערן זיך אין א שטאך מלאכה אין א שפיטאל־בעט.

די מעלה פון שווינדזוכט באשטייט טאקע אין דעם, וואס ערשטנס, פאר־שאפט זי נישט קיינע שום פיזישע ווייטאקן, ווי, למשל, בויכווייטאק, אדער צאנ־ווייטאק, וואס צערודערן דעם גאנצן ארגאניזם און, צווייטנס, האבן די טור־בערקולאז־באצילן די גוטע מידה ניט צו פארניכטן צו־שנעל דעם פלאץ, וואו זיי האבן זיך גאנץ געמיטלעך איינגענעסטיקט.

די „טי־בי" באצילן זיינען בטבע גרויסע דזשענטלמענער. זיי לעבן אליין א רואיקן לעבן און זיי לאזן אויך דעם אנדערן לעבן.

ס'נעמט געוויינלעך א לעבן־לאנג ביז א שווינדזוכטיקער שטארבט אוועק. דאס הייסט אבער ניט, אז יעדער שווינדזוכטיקער מוז שטארבן דווקא פון זיינע „טי־בי" באצילן. ער קאן אויך שטארבן, ווי אלע אנדערע לייטישע מענטשן, פון א קענסער, פון א הארץ־אטאקע, צי גאר פון א „האלד־אפ".

אמת, אויך צווישן די „טי־בי" באצילן זיינען פאראן אזעלכע אויס־ווארפן און „האלד־אפניקעס", וואס טראגן ניט קיין שום אחריות פאר זייער סאלידער ראסע און זיי באפאלן אפט א מענטשן אין סאמע בלי פון זיין לעבן. דאס הייסט אויף זייער לשון „בליץ־קריג", און דער קרבן פאלט באלד אוועק, ווי אן אונטערגעזעגטער בוים.

דאס פאסירט אבער, געוויינלעך, מיט גאנץ יונגע מענטשן, וואס גלויבן נאך צו־פיל אין זייערע אייגענע כוחות און זיי גיבן זיך אפ פיל מער מיט זייער געהעכערטער טעמפעראמענטור, איידער מיט זייער געהעכערטער טעמפעראטור.

(וועגן דער קרובהשאפט צווישן שווינדזוכט און ליבע וועלן מיר נאך שמועסן שפעטער אביסל.)

אמת, אין אונדזער ציוויליזירטן יארהונדערט האט שוין די יוגנט אנ־געהויבן צו שטארבן פון שווינדזוכט א סך ווינציקער און זעלטענער, ווייל שטארבן אויף באריקאדעס אדער שלאכטפעלדער איז א סך ראמאנטישער און אומשטערבלעכער...

דעריבער טאקע באגעגנט מען איצטער צווישן די „טי־בי" קראנקע פיל מער עלטערע מענטשן, איידער יינגערע; און אויף דעם גרונט האט די מא־

דערנע מעדיצין פעסטגעשטעלט, אז אויב עמיצער באקומט די „דער" אויף די עלטערע יארן — איז ער שוין ארויס פון ריזיקע. ער וועט שוין הייסט עס, יונגערהייט ניט שטארבן.

קיין אנדערע אנטדעקונגען אויף דעם שווינדזוכט־געביט האט נאך די מאדערנע מעדיצין דערוויילן ניט געמאכט. דעריבער טאקע האב איך אין דער לונגען־סאנאטאריע, וואוהין איך בין אריינגעפאלן (אויך שוין אין די מיטעלע יארן) געפונען עטלעכע צענדליק יידן פון דעם „מיטלאלטער" צווישן פופציק און זעכציק.

ווען די דאזיקע יידן וואלטן נאך געהאט געטראגן בערד און פאות, ווי אין דער אלטער היים — וואלטן זיי אויסגעזען אין מיינע אויגן, ווי זקנים, אבער אזוי ווי אין אמעריקע האבן די איינגעוואנדערטע יידן אראפגעווארפן פון זיך קודם־כל די בערד מיט די פאות — איז מיר שוין געווען גאנץ שווערלעך צו אונטערשיידן צווישן א פופציקער און א זעכציקער.

יעדנפאלס בין איך געווארן שטארק צופרידן, וואס איך בין אריינגעפאלן אין אזא מין פלאץ, וואו עס געפינען זיך עטלעכע צענדליק יידישע יידן, וואס שטאמען פון פארשיידענע לענדער אין דער אלטער היים און פון פארשיידענע שטאטן אין דער נייער היים.

אזוי ארום האב איך באקומען די גוטע געלעגנהייט צו באקענען זיך מיטן אמעריקאנער יידנטום פון אלע קרייזן און שיכטן, ניט מאכנדיק צוליב דעם קיין שום אנשטרענגדיקע שטודיר־רייזע איבער די יידישע קיבוצים פון אמעריקע.

שוין אויפן צווייטן טאג נאך מיין אנקום אין דער סאנאטאריע האבן אלע פאציענטן געוואוסט, אז ס'געפינט זיך צווישן זיי א יידישער שרייבער.

די לעזער פון „טאג" האבן שוין געוואוסט מיין אייגענעם שרייבערישן יחוס, אבער פאר די לעזער פון די אנדערע יידישע צייטונגען איז געווען גענוג דער יחוס צו זיין „וולאדעקס ברודער".

דער דאזיקער וולאדעק־יחוס באשטראלט מיך, אגב, א לעבן־לאנג, ווי א רעפלעקטאר, און כ'בין, פארשטייט זיך, שטאלץ אויף אים.

ערשט דא, אין דער סאנאטאריע, האב איך דערזען, ווי פאפולער און באליבט עס איז געווען מיין פארשטארבענער ברודער, ע"ה.

יעדער איינער פון די פאציענטן האט געהאלטן פאר זיין חוב זיך אויס־צובארימען פאר מיר, אז ער האט געזען און געהערט וולאדעקן.

דער ערשטער, וואס האט מיר אפגעגעבן א פערזענלעכן גרוס פון וולא־דעקן — איז געווען משה פון דעם ברענטש פיר, ארבעטער־רינג, צו וועלכן אויך וולאדעק האט געהערט.

משה אליין איז שוין נענטער צו אכציק, ווי צו זיבעציק, אבער ניט גע־

קוקט אויף זיין הויכער עלטער, איז ער געווען אין סאַנאַטאָריע דער סאַמע באַ־וועגליכסטער און דער סאַמע אומרואיקסטער צווישן אַלע פּאַציענטן. ער פלעגט זיך שטענדיק ארומפּלאָנטערן אין די קאָרידאָרן מיט זיינע פלינקע טריטעלעך און וואו נאָר צוויי — פלעגט ער שוין זיין דער דריטער.

דער אַלטער משה האָט געמוזט וויסן וועגן אַלץ, וואָס יידן שמועסן צווישן זיך, און אויב ס'פלעגן אים ניט געפעלן ווערן די רייד, וואָס יידן רעדן צווישן זיך — פלעגט זיי משה באַלד איבערשלאָגן מיט כעס, אַז ס'איז נישטאָ וואָס צו הערן, אַז זיי פלוידערן פּשוט!

ווען דער דאָזיקער זייער באַוועגלעכער זקן האָט מיך געהאַט דערזען צום ערשטן מאָל אינם קאָרידאָר פון דער סאַנאַטאָריע — איז ער צוגעשפּרונגען צו מיר מיט אַ יינגלישן אימפּעט און ער האָט מיך אָנגעהויבן צו טרייסטן אויף אַזאַ מין אופן:

— אַזאַ מין לויה, ווי וואָלאָדעקס, ניט פאַר אייך געדאַכט, איז נאָך ניט געזען געוואָרן אין גאַנץ אַמעריקע! כ'בין געגאַנגען לעבן דעם מעיאָר לאַ־גוואַרדיא, ווייל איך בין פון דעם זעלבן ברענטש. אָבער פאַרפאַלן, עלטערע מענטשן דאַרפן דאָך אַמאָל שטאַרבן און יינגערע מוזן שטאַרבן!

— פאַרוואָס עפּעס, ר' משה, מיינט איר, אַז יינגערע מוזן שטאַרבן? — האָב איך אַ פרעג געטאָן דעם טשיקאַווען זקן.

— איך זע דאָך, אַז די אַלע, וואָס שטאַרבן, זיינען שטענדיק יינגער פון מיר! — האָט דער אַכציק־יעריקער משה מיר תיכף אַן ענטפער געטאָן.

האָב איך שוין ניט געקענט קלוג ווערן, צי עס רעדט צו מיר אַזוי אַן אַלטער פילאָזאָף אָדער אַן עובר בטלדיקער זקן.

די קראַנקן־שוועסטער האָט באַלד דערהערט, אַז צוויי פּאַציענטן שמועסן זיך אין קאָרידאָר, ווען מען דאַרף שוין ליגן אין די בעטן, האָט זי אונדז גע־זאָגט אין ענגליש, אַז מען דאַרף גיין רוען.

משה אָבער האָט זיך געמאַכט ניט הערנדיק און געוואָלט מיט מיר ווייַ־טער שמועסן. זאָג איך צו אים אין מאַמע־לשון, אַז די שוועסטער הייסט גיין אין די בעטן אריין, ענטפערט מיר דער אַלטער משה, אַז ער קאָן ניט אויס־קומען מיטן שכן, וואָס ליגט מיט אים אין איין צימער.

— וואָס האָט איר צו אייער שכן? — בין איך געוואָרן נייגעריק צו וויסן.

— ער האַלט אין איין קלאַפּן זיין תהילים! — האָט זיך משה אָנגעהויבן צו באַקלאָגן.

— וואָס אַרט אייך, אַז אַ קראַנקער ייד זאָגט תהילים? — האָב איך זיך איינגעשטעלט פאַר משהס שכן.

— אַז ס'איז אַן אַרויסגעוואָרפענע אַרבעט! צו וואָס דאַרף ער דאָס? — האָט שוין דער אַלטער אַפּיקורס אָנגעהויבן צו קאָכן זיך.

— פון וואַנען ווייסט איר, ר' משה, אַז ס'איז אַז אַרויסגעוואָרפענע אַר־בעט? אַ קאַפּיטל תהילים קאָן שטענדיק צוניץ־קומען! — האָב איך זיך שוין אָנגעהויבן איינשטעלן אויך פאַר דעם תהילים.

— כ'וויס דאָך, אַז ס'איז ניטאָ קיין יענע־וועלט איז צו וואָס האָרעוועט ער אומזיסט! — איז משה אַריין נאָך אין אַ גרעסערער עקשנות.

— פון וואַנען ווייסט איר, ר' משה, אַז ס'איז ניטאָ קיין יענע־וועלט? — בין איך שוין געוואָרן ברוגז אויף דעם אַלטן יידן.

— עט, איר זייט אַ „גרינער", ווייסט איר נאָך ניט, אַז ס'איז ניטאָ קיין גאָט אויף דער וועלט! — האָט שוין דער אַלטער אַ זאָג געטאָן מיט ביטול.

— פע, ר' משה, פאַר אַז עלטערן יידן פּאַסט ניט צו ריידן אַזעלכע מיאוסע רייד! — האָב איך פּרובירט אַ מוסר טאָן דעם אַלטן נודניק.

— ווען איר וואָלט דאָ געוועזן מיט אַ יאָר פערציק־פופציק צוריק און זיך צוגעהערט צו די גאָלדענע רייד פון פייגענבוים'ען, וואָלט איר שוין אויך גע־וואוסט, אַז די גאַנצע מעשה מיט אַ יענער־וועלט איז ניט מער ווי אַז אויסטראַכ־טעניש פון גאָטס סטראַפּטשעס — האָט שוין דער אַלטער אָנגעהויבן צו אונטער־טענצלען אויף זיינע קורצע און דאַרע פיסלעך, ווי אַ געפּענטעטער האָן.

האָט אָבער די קראַנקן־שוועסטער ניט געקאָנט מער פאַרטראָגן, וואָס מיר פּלוידערן נאָך אין קאָרידאָר, בעת אַלע אַנדערע פּאַציענטן ליגן שוין לאַנג אין די בעטן, האָט זי אונדז צוגעטראָגן צוויי רויטע ביכלעך און אונדז געזאָגט, אַז אויב מיר פאַרשטייען ניט קיין ענגליש, קאָנען מיר אין די ביכלעך אויך אין יידיש געפינען די כללים ווי אַזוי אַ פּאַציענט דאַרף זיך אויפפירן אין דער סאַנאַטאָריע.

אַזוי אַרום האָב איך זיך באַפרייט פון דעם אַלטן אַפּיקורס און איך בין אַוועק אין בעט אַריין שטודירן די „עשרת הדברות" פון דער סאַנאַטאָריע.

איניקע פון די דאָזיקע געבאָטן איז כדאי דאָ איבערצודרוקן, ווייל זיי קאָנען זיין גילטיק אויך פאַר געזונטע מענטשן.

אָט זיינען זיי:

„באַנוצט זיך ניט מיט קיין מיאוסע רייד.

„באַנוצט זיך ניט מיט קיין שיינער אויפפירונג.

„באַנוצט זיך ניט מיט געמבלען אין אירגענד וועלכע שפּילן.

„וואַשט זיך אָפט און רעגלמעסיק. נעמט כאָטש צוויי וואַרעמע שאָוערס אַ וואָך, באַנוצנדיק זיך מיט זייף.

„מיידט אויס דאָס קושן זיך."

און אַזוי ווייטער.

דעם לעצטן געבאָט האָלט איך פאַר דעם וויכטיקסטן, ווייל פון די קושע־

רייען, ווייס איך, האבן זיך שוין א סך מענטשן אנגעשטעקט ניט נאר מיט שווינדזוכט, נאר אויך — מיט ליבע, הייראט, אייפערזוכט און זעלבסטמערדעריי.
וואס איז נוגע דעם פארבאט צו רויכערן אין דער סאנאטאריע, אדער שרייבן לידער, צי אנדערע פאעטישע זאכן — איז אין דעם רויטן ביכעלע קיין ווארט נישטא.
ווייבאלד אזוי, מעג איך דאך פאררויכערן א סיגארעטל און פארטראכטן עפעס א ניי ליד וועגן דער אומשטערבלעכקייט פון דעם יידישן פאלק.
גראד נאך מיין שמועס מיטן אלטן אפיקורס, משהן, האט זיך מיר נאך מער פארגלוסט צו דערשפירן אין זיך די אנגעהעריקייט צו א פאלק, וואס ווערט שוין טויזנטער יארן געברענט און געבראטן אויף אלע שייטערהויפנס און ווערט דאך ניט אינגאנצן פארברענט!
האב איך א נעם געטאן דעם תהילים מיט יהואשס איבערזעצונג און עס האט זיך גראד אויפגעבלעטערט דער קאפיטל מ"ט, וואס איז דער בעסטער ענטפער צו די אלע „בעזבאזשעניקעס" פון פערציק־פופציק יאר צוריק, וועלכע האבן געהאלפן אויסצולייזן די יידישע אימיגראנטן־מאסן פון אמעריקע פון יעטווידן יידיש־נאציאנאלן סענטימענט.
לייען איך אין דעם קאפיטל מ"ט:
„דאס איז דער וועג פון די, וואס זיינען בטוח ביי זיך, און פון זייערע נאכפאלגער, וואס קוועלן פון זייערע רייד....
„מען לייגט זיי ווי שאף אין דער אונטערערד. דער טויט טוט זיי פיטערן, און איין פרימארגן — טרעטן די רעכטפארטיקע איבער זיי, און זייער געשטאלט איז פאר דער אונטערערד צום פארפוילן. ניטא קיין וואוינונג פאר איר, אבער מיין זעל וועט גאט אויסלייזן פון דער אונטערערד, ווארעם ער וועט מיך ארויסנעמען!"
יע, גאט האט שוין טאקע אויסגעלייזט מיין זעל פון דער אונטערערד — האב איך א טראכט געטאן, פארציענדיק זיך מיט מיין אומלעגאלן סיגארעטל, ווייל אט האט מען מיך אין דער לעצטער מינוט ארויסגענומען פון אקופירטן פראנקרייך, וואו די געפאר פון טויט און אומקום איז שוין געווען געהאנגען איבער מיין קאפ!
האב איך זיך ווידעראמאל פארציגן מיט מיין סיגארעטל און ווייטער געלייענט:
„זאלסט נישט מורא האבן, אז עמיצער ווערט אז עושר, אז די רייכקייט פון זיין הויז ווערט געמערט. ווארעם ביי זיין טויט וועט ער גארנישט מיטנעמען, זיין רייכקייט וועט ניט נידערן נאך אים", און אזוי ווייטער א. אז. וו.
האב איך ניט־ווילנדיק א קוק געטאן אויף דער צווייטער שפיטאל־בעט, וואס איז געשטאנען אנטקעגן מיר אינגאנצן א ליידיקע, אבער דער איבער־

געדעקטער מאטראץ, וואס האט שוין אויסגעטראגן אויף זיך אזויפיל חולאים, האט מיט אלע זיינע ספּרוזשינעס געענטפערט, דוכט זיך מיר, „אמן" אויף יעטווידן פּסוק פון תנ"ך.

אך, ווען איך האב איצטער אין דער לייזיקער בעט דעם אלטן „בעזבאזש־ניק" ב. פייגנבוים, ע"ה, וואלט איך אים איבערצייגט, אז אויך די וועלט איז דאך א שטיק יענע־וועלט!...

# ימים נוראים
# אין א לונגען־סאנאטאריע

די עטלעכע צענדליק פּאציענטן פון דער סאנאטאריע פאר לונגען־קראנ־קע אין די קעטסקילס האבן שוין עטלעכע וואכן פאר ראש־השנה געהאט באַ־קומען דעם ימים נוראים פיבער.

ס'איז אזא מין עבט־יידישער פיבער, וואס די גוי'אישע „נוירסעס" האבן אים בשום אופן ניט געקאנט דערטאפּן, ווייל צו די טערמאמעטערס אין מויל איז ער ניט דערגאנגען.

אויך אפילו די דאקטוירים האבן ניט געקאנט באמערקן, אז זייערע פּאַ־ציענטן זיינען פונקט ערב ראש השנה געווארן עפּעס „ניט מיט אלעמען", ווייל ס'האט זיך זיי שטארק פארבענקט צו זיין דווקא מיט אלעמען!

יע, אט טאקע דערפאר, וואס מען איז געווארן, ניט פאר קיין יידן גע־דאכט, קראנק, מען הוסט, מען שוויצט, מען פיבערט — גלוסט זיך נאך שטאר־קער צו זיין אין די טעג פון גרויסן יום־הדין אינאיינעם מיטן פאלק און בציבור אויסבעטן ביים רבונו־של־עולם א כתיבה וחתימה טובה, דאס הייסט, — לכל־הפּחות, — אביסעלע מער געזונט און אביסעלע ווינציקער הוסטעריי.

פארשטייט זיך, אז קראנקע מענטשן, וואס זייער הויפּט־קוראציע באַ־שטייט אין ליגן 24 שעה פון מעת־לעת אין בעט, קאנען ניט אריינפּארן מיט זייערע שפּיטאל־בעטן, כאטש זיי זיינען אויף רעדלעך, אין בית־מדרש פון דעם שכנותדיקן שטעטל.

נאר ר' אמנון, דער מחבר פון דעם „ונתנה תוקף", האט זוכה געווען, מען זאל אים ברענגען א געפּערטלטן אום ראש־השנה אין שול אריין, וואו ער האט אויסגעהויכט זיין הייליקע נשמה.

האט מען זיך אן עצה געגעבן און מען האט אין שפּיטאל גופא אימ־פּראוויזירט א מנין.

מען האט אויסגעקליבן איינעם א לײדיקן שפּיטאָל־צימער, וואָס זיינע פענסטער גייען ארויס צום מזרח, יעדער איינער פון די חולאים, וואָס איז געווען פיזיש בכח צו פאַרלאָזן אויף עטלעכע שעה זיין בעט, האָט זיך אַנ־געשלאָסן אין דעם מנין.

ס'האָבן זיך, ווי פון זיך אַליין באַוויזן טליתים און מחזורים, און די עטלע־כע און צוואַנציק יידן, וואָס יעדער איינער פון זיי איז פריער געווען אַליין און פאַר זיך א מענטש, א „יאַ טעבע דאָם," א „גובערניע" א גאַנצע — ווער פון פוילן און ווער פון ליטע, ווער פון רומעניע און ווער פון אונגאַרן, ווער פון סאָוועט־רוסלאַנד און ווער אפילו פון אמעריקע גופא (ד. ה. שוין א געבוירע־נער אין אמעריקע) — זיינען זיי אַלע־אַלע געוואָרן פּלוצלונג איין פעסט־גע־שלאָסענע עדה, וואָס געפינט זיך אונטער איין און דעמזעלבן גורל — אונטער דעם גורל פון דעם גרויסן יום־הדין!

ס'האָט זיך באַלד געמאָלדן איינער א פּאַציענט, וואָס איז געווען בכח צו ווערן א שליח־ציבור, און ער האָט זיך אָװעקגעשטעלט מיטן טלית איבערן קאָפּ ביים „עמוד", וואָס איז גאָר קיין עמוד ניט געווען, נאָר א פּשוטער שפּי־טאָל־טיש.

איינער א פלינקער פאַרמער פון קאָנעטיקוט איז ווי פון זיך אַליין געוואָרן דער שמש, און דער אמעריקאַנער געבוירענער, וואָס קען אביסל די שוואַרצע פינטעלעך, איז ווי פון זיך אַליין געוואָרן דער גבאי.

עס האָט נאָר געפעלט די ספר־תורה און ס'האָט אויך געפעלט דער שופר.

אבער וואו איז דאָס געזאָגט געוואָרן, אַז מען מוז לייענען די תורה דווקא פון א ספר־תורה — איז דען אונדזער חומש ווינציקער הייליק ווי א ספר־תורה? מילא, וועט מען זיך באַגיין אָן הגבה און אָן גלילה...

און וואו איז דאָס געזאָגט געוואָרן, אַז קראַנקע מענטשן מוזן בלאָזן שופר דווקא פון א באַראַן־האָרן? צי קאָנען ניט די תקיעות, די תרועות און די שברימס פון קראַנקע לונגען שפּאַלטן הימלען פונקט אַזוי גוט ווי דאָס אמתע שופר־בלאָזן?

האָבן מיר גאַנץ געשמאַק געדאַווענט און עולה־תורה געווען איבער די חומשים און מחזורים, מער ניט, אין די ערטער, וואו ס'שטייט אין מחזיר, אַז „דאַ עפנט מען דעם אָרון־קודש" — האָבן מיר ניט געהאַט וואָס צו עפענען, א חוץ אונדזערע הערצער, וואָס האָבן אין דיביידע טעג ראָש־השנה מיטגע־קלאַפּט איינאיינעם מיטן גאַנצן פאָלק ישראל אין אַלע עקן וועלט.

נאָך ברייטער האָבן זיך געעפנט אונדזערע הערצער, ווען דער שליח־ציבור האָט צו אונדז געמאַכט אַז אפילו לטובת די געראַטעוועטע יידישע קינדער אין איראָפּע.

עפּעס האָט יעדער איינער פון אונדז פּלוצלונג דערשפּירט, אַז אַט יענע

ניצול־געוואָרענע יידישע קינדער זיינען דאָך אונדזער איינציקע טרייסט און האָפענונג אויף דער וויטערדיקער עקזיסטענץ פון אונדזער פאָלק אויף יענער זייט ים.

מיר האָבן דאָך אונדזערע אייגענע קינדער אוועקגעשיקט אויף יענער זייט ים, כדי צו ראַטעווען כאָטש אַ טייל פון אונדזער פאָלק. איז שוין גאָר איבגאַנצן פאַרשוואונדן געוואָרן די מחיצה צווישן אונדזערע קינדער און יענע קינדער. די לעבן־געבליבענע יידישע קינדער פון אייראָפּע זיינען אונדז געוואָרן פונקט אַזוי ליב און טייער ווי אונדזערע אייגענע, און ס׳האָט זיך געעפנט דער קוואַל פון טרערן, וואָס האָט אונדז ווידער אַמאָל פאַראייניקט און פאַרשמאָלצן אין איין עדה, וואָס געפינט זיך אונטער איין־און־דעמזעלבן גורל — אונטער דעם גורל פון דעם גרויסן יום־הדין.

„מי יחיה ומי ימות" — ווער ס׳זאָל לעבן און ווער עס זאָל שטאַרבן!

די דאָזיקע האַרבע פראַגע איז אין אַ שפּיטאָל באַזונדערס אַנגעווייטיקט.

איבערהויפּט נאָך ווען דער שפּיטאָל געפינט זיך אויף אַ הויכן באַרג, וואָס מאַכט דיך צום הימל נענטער ווי צו דער ערד.

און די שפּיטאָל־בעט מיט אירע הויכע זשיראַפן־פיס הויבט זיך ביי־נאַכט אַלץ העכער און העכער צום אויסגעשטערנטן הימל, כאָטש נעם און גנבע דאָרטן אַוועק „דעם טעלערל פון הימל" (די לבנה, הייסט עס).

אַ נס, וואָס אין די ביידע נעכט ראש־השנה איז נאָך די לבנה אַזוי דין־דין, ווי אַ מולדל, און ס׳איז ניט כדאי זי צו גנבענען.

אָבער וואונדער איבער וואונדער! פאַר דער גאַנצער צייט פון אונדזער דאַווענען, סיי מנחה און מעריב, סיי שחרית און מוסף — האָט נאָך קיין איינציקער חולה ניט אַ הוסט געטאָן!

ווי עס זעט אויס, זיינען די אַלע תפילות און יעלות אַ טייערע סגולה קעגן הוסטעריי.

אַ סברא, אַז מיר וועלן שוין איצטער, אין דער סאַנאַטאָריע, אָנהויבן דאַווענען יעדן טאָג.

די „נוירסעס" וועלן פאַרשפּאָרן צו באַזאָרגן אונדז יעדן טאָג מיט נייע שפּיי־קעסטעלעך. זאָלן זיי אויך געניסן פון אונדזערע „יעלות" און „פּיוטים".

אמת, איך בין זיך מודה, אַז זאָגנדיק די פּיוטים, וואָס זיינען דאָס רוב גע׳סדר׳ט לויטן אלף־בית, — האָב איך שטילערהייט מקנא געווען מיינע „קאָלעגן" פון מיטלאַלטער, וואָס האָבן זוכה געווען פאַראייביקט צו ווערן אין אונדזערע מחזורים און סידורים און מען זאָגט זיי, די פּיוטים, מיט אַזוי פיל טעם און האַרץ, כאָטש אַ סך, אַ סך פון די זאָגערס פאַרשטייען גאָר ניט דעם ריכטיקן טייטש זייערן!

וואָס וועט ווערן, האָב איך זיך שטילערהייט געפרעגט, מיט מיינע לידער?

וועט מען זיי דען וועז עס איז אויך אריינגעמען אין א נייעם מחזור, צי אין א נייעם סידור?

ווי עס זעט אויס, האט דער שליח־ציבור אונדזערער געהאט דערשפירט אונטער זיין טלית מיינע טרויעריקע געדאנקען און ער האט מיך פלוצלינג אויפגע־רופן צום מפטיר, אפגעבנדיק דורך דעם כבוד דעם נאך לעבעדיקן „פייטן" מיטן נאמען „דניאל בר' זאב."

די דאזיקע אומגעריכטע הויכע עליה האט מיך, ווירקלעך, דערהויבן צו עפעס א נייעם ראש־השנה אין מיין נע ונד'נעם לעבן, און מיר האט זיך אנגע־הויבן צו דוכטן, אז איך ווער שוין ווידער אמאל „בר־מצוה."

יע, כ'געדענק נאך גאנץ גוט מיין ערשטן מפטיר אין שטעטל, ווען איך בין געווארן 13 יאר אלט. די מאמע, ע"ה, האט ארויסגעקוקט „צאינה וראינה־דיק" פון די ווייבערשע שול־פענסטערלעך און זי האט זיך שטארק געפרייט, וואס איר מוזיניק־יתום זאגט אזוי גוט די הפטורה. אבער די מאמע מיינע האט געהאט א טבע צו וויינען ווען זי פרייט זיך... און זי פון מיין דעמאלטדיקן בר־מצוה־מפטיר אפגעגאסן געווארן מיט טרערן.

ווי עס זעט אויס, האב איך פון דער מאמען איבערגענומען בירושה די־זעלבע טבע און ביי יעדער דערהויבונג מיינער פארגלוסט זיך מיר וויינען.

האב איך ביי מיין צווייטן מפטיר (אין 45 יאר ארום נאך מיין ערשטן) זיך פלוצלונג פאנאנדערגעוויינט, ווייל כ'האב דערשפירט הינטער זיך מיין מאמען, ע"ה.

ניין, ס'איז ניט געווען די מאמע מיינע! ס'איז געווען איינע א פרוי, וואס איז געקומען באזוכן איר קראנקן מאן און, ווי עס זעט אויס, האט זי ניט געקאנט אויסהאלטן, וואס איר שוואכער מאן מוז איינער אליין אויסבעטן ביים רבונו של עולם א גוט יאר פארן גאנצן הויזגעזינט און פאר כל ישראל בכלל, האט זי פונקט צו קריאת התורה זיך אריינגעשלייכט אין אונדזער אימפרא־ווזירטן שפיטאל־מנין, און ווי נאר זי האט אריינגעקוקט אין איר מאנס מחזור, האט זי זיך תיכף באגאסן מיט טרערן, און אויף איר קוקנדיק האט שוין אויך דער קראנקער מאן אירער אנגעהויבן וויינען אין מחזור אריין.

איז מיר גלייך קלאר געווארן, אז דאס ווינט דאך עמיצנס א מאמע, און ווען א יידישע מאמע וויינט מוזן שוין אלע מיט איר מיטוויינען. האבן מיר אט אזוי ווינענדיק אריינגע'שנדר'ט פאר די יידישע יתומים אין אייראפע וויפיל ווער עס האט געקאנט. אבער אינמיטן דאווענען האט זיך דערהערט דאס שפיטאל־גלעקל. דאס האט די „נוירס" דערמאנט, אז מען דארף מעסטן די טעמפעראטור.

ס'האט אויסגעזען אזוי לעכערלעך צו גיין מעסטן די טעמפעראטור ווען מען האלט שוין ביים „ונתנה תוקף", וואו מענטשן קומען־אום דורך אזוי־

פיל פארשיידענע מינים טויטן, און ווען ר' אמנון אליין, דער מחבר פון דעם „ונתנה תוקף" ליגט שוין מיט אפגעהאקטע הענט און מיט אפגעהאקטע פיס ביים עמוד אין דער שול פון מאינץ און זאגט ודוי בפני כל עם ועדה אין דער פארם פון זיין אומשטערבלעכן „ונתנה תוקף".

ס'איז אזוי מאדנע צו אנהויבן מעסטן די טעמפעראטור אין א סאנאטאריע צווישן די קעטסקיל־בערג, ווען מען געפינט זיך גאר מיט לייב־און־לעבן אין מאינץ!

ס'איז עפעס אלץ אזוי מאדנע, ווען מען דאוונט אום ראש השנה אין אן אימפראוויזירטן שפיטאל־מנין, אן א ספר־תורה און אן א שופר, אבער די תקיעות און די שברימס פון די צעלעכערטע לונגען האבן זיכער געשפאלטן הימלען פונקט אזוי גוט ווי די אמתע תקיעה־גדולות פון א שופר.

אין אט אזא מין הימל־שפאלט האט זיך היינטיקע ימים נוראים אריינגע־כאפט אויך אייער פריינט דניאל בר' זאב און ער האט דארטן אויסגעבעטן א גוט, מזלדיק יאר פאר אלע זיינע געטרייע לעזערינס און לעזער און דעם גאנצן פאלק ישראל בכלל.

„לשנה טובה תכתבו ותחתמו!"

„גם אתם!"

אמן.

## שווינדזוכט און ליבע

אויך צום קרענקען מוז מען האבן טאלאנט, ווי צום שרייבן.

ניט יעדער שרייבער, וואס האט אפגעדרוקט א ליד, צי א דערציילונג ווערט שוין תיכף אומשטערבלעך, ווי ער גלויבט, און ניט יעדער מענטש, וואס איז באפאלן געווארן פון א וועלכער ניט איז קרענק, איז שוין פאראורטיילט צום טויט, ווי אים דוכט זיך.

און פונקט ווי צווישן שרייבער זיינען פאראן גראפאמאנען, אזוי זיינען אויך פאראן צווישן חולאים איינגערעדטע „קרענקס". עס דוכט זיך זיי שטענ־דיק, אז זיי זיינען געפערלעך קראנק און זיי נודיען אזוי לאנג וועגן זייערע איינ־גערעדטע קרענק ביז די אנדערע ווערן פון זיי קראנק.

ווען אזא איינער באקומט אמאל צאנווייטאק, טאקע אמתן צאנווייטאק — מיינט ער שוין, אז די וועלט גייט אונטער און ער קריכט אויף די ווענט!

ווען מען פארמאגט אבער אביסעלע מוט און לאגיק — ווייס מען דאך,

אַז ווי נאָר מען רייסט אַרויס דעם קראַנקן צאָן — ווערט דאָך די וועלט ווידער אַזוי ליכטיק און מעשי־בראשיתדיק, כאַטש נעם און מאַך איבער איר „שהחינו"!

דאָס געמליכע איז אויך מיט אַלע אַנדערע קרענק! מען דאַרף נאָר האָבן געגוג צייט און געדולד די קרענק צו באַזייטיקן, אָדער זי, לכל הפחות, צו צוימען. דענסטמאָל, איז די פרייד פון געזונט ווערן מכפר פאַר די אַלע שרעק און ווייטאָקן, וואָס זי האָט געהאַט פאַרשאַפט!

סוף־כל־סוף איז אַ קרענק געגעבן געוואָרן צו אַ מענטשן ניט זיין לעבן צו פאַרקירצן, נאָר אים צו פאַרלענגערן!

אויך די באַקטעריעס אָדער באַצילן, וואָס פאַראורזאַכן די אָדער יענע קרענק, האָבן דאָך די אַמביציע, וואָס לענגער צו לעבן און צו פּרוכפּערן זיך. דאַרף מען זיי באַהאַנדלען, די באַצילן, ניט מיט רציחה און גאַזלאַ־וואַיסטווע, וואָס מאַכט זיי ווילד, נאָר דווקא זייער איידל און קאָרעקט. דענסטמאָל זעען זיי, אַז דער נפש, אין וועלכן זיי האָבן זיך אַריינגעכאַפּט, איז אַ דזשענטלמאַן און אַ בר־דעת, דענסטמאָל קאָן מען שוין מיט זיי שליסן אַזאַ מין שלום־בית, לויט וועלכן די ביידע צדדים וועלן זיך שטיל און פּאַוואָלע אויסלעבן אינאיינעם זייערע הונדערט מיט צוואַנציק יאָר.

איך רייד דאָ ניט, פאַרשטייט זיך, פון אַזעלכע עפּידעמיעס, ווי טיפוס, כאָלעריע, מלחמות און רעוואָלוציעס, וואָס מיט זיי קאָן מען ניט שליסן קיין שום „דזשענטלמען־אַגרימענטס", ווייל זיי ברעכן סיי־ווי אַלע שלום־טראַקטאַטן.

איך האָב דאָ דער עיקר אין זינען אַזעלכע שטילע, כראָנישע קרענק ווי שווינדזוכט, געלזוכט, אייפּערזוכט, שרייבזוכט און ענלעכע „זוכטן", וואָס מען מוז זיך מיט זיי איינלעבן, כדי מיט זיי אינאיינעם צו שטאַרבן אַ בכבודיקן טויט.

אַ מענטש, וואָס פאַרשטייט די גרויסע קונסט זיך איינצולעבן מיט אַ געוויסער קרענק, לעבט אַ טאָפּלטן לעבן. ער לעבט דעם לעבן פון די באַצילן, צו וועלכע ער מוז זיך שטענדיק צופּאַסן, און ער לעבט אויך זיין אייגענעם לעבן.

אַזאַ מין מענטש געפינט זיך שטענדיק אין אַ געהויבענעם צושטאַנד, ווי אַ פאַרליבטער, וואָס לעבט אויך אַ טאָפּל־לעבן (ער און זיין געליבטע!). דערפאַר טאַקע זיינען פון אַזעלכע כראָנישע חולאים אַרויסגעקומען אַ סך וועלט־באַרימטע שרייבער, קינסטלער, דיפּלאָמאַטן און אַפילו דאָן־זשואַנען.

אַ באַזונדערס גרויסע צאָל באַגאַבטע מענטשן האָט אַרויסגעגעבן פון זיך דער טובערקולאָז־באַציל.

אין דער באַצילן־וועלט געהערט דער טובערקולאָז־באַציל צו דער אַקאַדעמיע פון די „אומשטערבלעכע". די דאָקטוירים מיט די פּאַטענטן האָבן שוין לאַנג פעסטגעשטעלט, אַז שווינדזוכט איז פונקט אַזוי אומשטערבלעך, ווי ליבע.

די קרובהשאפט באשטייט אין דעם, וואס די ביידע מחלות האבן א טבע צו באפאלן מענטשן אומגעריכטערהייט, און וואס צו די ביידע מחלות איז נאך ביז היינט ניטא קיין שום תרופה.

אויך די סימפטאמען זייערע זיינען שטארק ענלעך איינע צו די אנדערע.

סיי ביי די שווינדזיכטיקע און סיי ביי די פארליבטע איז די טעמפעראטור (אדער „טעמפעראמענטור") שטענדיק געהעכערט, די אויגן בליצן מיט באהאלטענע גלוסטעניש און מען שוויצט אונטער.

דער דאזיקער מיסטעריעזער צוזאמענהאנג צווישן שווינדזוכט און ליבע איז פאר די מעדיצינער נאך ביז היינט א גרויסע רעטעניש. מען ווייס נאר, אז צווישן די טי־בי־קראנקע מענטשן איז די צאל אומגליקלעך־פארליבטע, אדער אומגליקלעך־חתונה געהאטע געוואג גרויס, און מען ווייס אויך, אז שווינדזיכטיקע מענטשן האבן א באזונדער שוואכקייט צו פארשיידענע מינים ליבע־אוואנטיורעס. דעריבער טאקע האלט מען אין די לונגען־סאנאטאריעס די פרויען באזונדער און די מענער באזונדער.

דער צוזאמענהאנג צווישן שווינדזוכט און ליבע איז מיר געווארן נאך קלערער, ווען איך האב אין דעם סאנאטאריע־„בענטשערל" פאר די פאציענטן געפונען אזא מין באשרייבונג פון שווינדזוכט:

„טובערקולאז איז א כראנישע קראנקהייט. די קערענדלעך, וועלכע זיינען פארזייט געווארן אין די קינדער־יארן, קאנען אמאל ניט ברענגען קיין פרוכט, אזוי צו זאגן, ביז דער מענטש ווערט עלטער. די קראנקהייט קאן אמאל זיין באהאלטן פאר פיל יארן ביז וואנען זי דערוואכט און מען געפינט אוים וועגן איר."

פונקט דאס נעמלעכע לאזט זיך דאך אויך זאגן וועגן דער ליבע!

אויך די ליבע איז א כראנישע קראנקהייט. אויך די קערנדלעך פון דער ליבע, וואס זיינען פארזייט געווארן אין די קינדער־יארן, קאנען געבן זייער פרוכט, אזוי צו זאגן, ווען דער מענטש ווערט עלטער, און אויך די ליבע קאן אמאל זיין באהאלטן פאר א סך יארן (איבערהויפט — די לינקע ליבעס!) — ביז מען געפינט אוים וועגן זיי...

דער דאזיקער טשיקאווער צוזאמענהאנג צווישן די ביידע אנשיקעניש האט מיך שטארק פאראינטערעסירט און כ'האב נאך בדעה אנצושרייבן וועגן דעם א שטרענג־וויסנשאפטלעכע ארבעט פון פסיכאאנאליטישן שטאנדפונקט.

דערווייל אבער בין איך נאר אויסן אויפצוקלערן מיינע ליבע לעזערינס און לעזער, אז די שרעק פאר די ביידע מחלות, ד. ה. פאר שווינדזוכט און פאר ליבע, איז שטארק איבערגעטריבן געווארן סיי פון די דאקטוירים און סיי פון די פאעטן...

ווי א מענטש, וואס האט געוואג דערפארונג אויף די ביידע געביטן, קאן

איך אייך פאַרזיכערן, אַז אין אַמעריקע קאָן מען אַ סך גיכער אומקומען פון אַן אויטאָ, צי פון אַ „האָלד־אַפּ" איידער פון שווינדזוכט, צי פון אייפּער־זוכט (אָדער „ליבע", ווי מען רופט עס פאַרשטעלטערהייט).

לויט די סטאַטיסטיקס פון איינער אַ גרויסער פאַרזיכערונגס־געזעלשאַפט, באַקומט זיך, אַז אין אַמעריקע שטאַרבט מען איצט פון טובערקולאָז מיט 85 פּראָצענט ווינציקער ווי מיט 35 יאָר צוריק.

„דאָס מערקווירדיקסטע דערביי," ווערט געזאָגט אין דער דאָזיקער סטאַ־טיסטיק, „וואָס טובערקולאָזיס איז איינע פון יענע קראַנקהייטן, מיט וועלכער עס גייט אַן אַ קאַמף אַזוי לאַנג און אַזוי איינגעשפּאַרט, און דאָך האָט מען ביז איצטער קיין מיטל קעגן דער דאָזיקער קראַנקהייט נאָך ניט געפונען.

„מען האָט אַנטוויקלט מעדיצינען צו היילן דיפטעריט, לונגען־אָנצינ־דונג, סיפיליס און אַ לאַנגע רייע אַנדערע קראַנקהייטן, וואָס ווערן פאַראור־זאַכט פון באַקטעריעס, אָבער ניט קעגן טובערקולאָזיס. און דאָך איז די שטערבלעכקייט פון אָט דער קראַנקהייט איצטער מיט פולע 85 פּראָצענט קלע־נער, ווי ס'איז געווען מיט 35 יאָר צוריק. אָט די רעזולטאַטן," ווערט ווייטער געזאָגט אין דער סטאַטיסטיק, „זיינען דערגרייכט געוואָרן הויפּטזעכלעך דורך די פאַרשיידענע היגיענישע סאַניטאַרישע מיטלען, אָבער ניט דורך דער מעדי־צין!"

מיט אַנדערע ווערטער, הייסט עס, אַז די פאַרבעסערטע לעבנס־באַדינ־גונגען פון דער באַפעלקערונג האָבן פאַר די לעצטע 35 יאָר פאַרקלענערט די שטערבלעכקייט פון טובערקולאָז אויף גאַנצע 85 פּראָצענט.

און ווער, פרעגט זיך, האָט אויסגעקעמפט די בעסערע לעבנס־באַדינ־גונגען, אויב ניט דער גוט־אָרגאַניזירטער פּראָלעטאַריאַט?

אַזוי אַרום באַקומט זיך, אַז די יוניאָנס האָבן אין קאַמף קעגן דער אַזוי־גערופענער „פּראָלעטאַרישער קרענק" אויפגעטאָן פיל מער ווי די מעדיצין!

דער דאָזיקער פאַקט איז פאַר דעם ברייטן עולם נאָך ווייניק באַקאַנט, און דעריבער האַלט איך פאַר מיין חוב צו אַרויסטראָגן אים אין דער עפנט־לעכקייט.

איצטער איז מיר שוין אויך פאַרשטענדלעך די פראַגע, וואָס די פּאַציענטן פון דער לונגען־סאַנאַטאָריע האָבן מיר געשטעלט שוין ביי דעם ערשטן „שלום עליכם," און נעמלעך: — צו וועלכן ברענטש איך „באַלאַנג"?

ווען איך האָב די נייגעריקע פּאַציענטן געזאָגט דעם אמת, אַז איך „באַ־לאַנג" צו קיינעם נישט — האָבן זיי מיך אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן און מיך אָנגעהויבן צו איבערצייגן, אַז אין אַמעריקע מוז יעדער איינער „באַלאַנגען".

— און אַז מען „באַלאַנגט" שוין איז וואָס? — האָב איך תמ'עוואַטע אַ פרעג געטאָן.

— ווען מען „באלאנגט" צו א וועלכער ניט איז ארגאניזאציע, אדער לאנדסמאנשאפט, — האט מיר איינער א בארעדעוודיקער פאציענט מסביר געווען, — קאן מען דענסטמאל א געוויסע צייט קרענקען אומזיסט, און ווען איינער גיט, ניט פאר אונדז געדאכט, א שטארב אוועק — באקומט ער א פיינע לויה און די „מנחם־אבל־קאמיטע" קומט טרייסטן די אלמנה מיט א טשעק...

— און וואס טוט מען פאר די יתומים, נעבעך? — האב איך ווידער אמאל תמ'עוואטע א פרעג געטאן.

— זעט איר, וואס איז שייך צו די קינדער — איז ווי נאר זיי ווערן א ביסל דערוואקסן — „באלאנגען" זיי שוין מער ניט צו די עלטערן! — האט דער בארעדעוודיקער פאציענט שווער א זיפץ געטאן.

— צו וועמען יע „באלאנגען" זיי? — האב איך נייגעריק פארגעזעצט דעם שמועס, כדי צו לאזן דעם פאציענט אויסצוזיפצן פון זיך דעם גאנצן „צער גידול בנים" אין אמעריקע.

— זיי „באלאנגען", זאגן די קינדער, צום אנקל סעם און „דאטסאל!"

— און וואס איז מיט „כיבוד אב" און „כיבוד אם," ווי אין פסוק שטייט? האב איך אים ווייטער געצויגן פאר דער צונג.

— פון אזעלכע פסוקים ווייס מען ניט אין אמעריקע! — האט זיך דער פאציענט פארהוסט מיט א שווערן, לאנגן הוסט, און די אלע אנדערע פאציענטן האבן אים שטארק מיטגעפילט.

איז מיר שוין באלד געווארן קלאר, אז צווישן די פאציענטן פון דער סאנאטאריע איז די קינדער־פראגע נאך מער אנגעווייטיקט ווי ביי די געזונטע עלטערן.

א קראנקער טאטע נויטיקט זיך דאך פיל מער אין דער אויפמערקזאמקייט און צוגעבונדנקייט פון קינדער, און ווען כ'האב פאר זיי אויפגעהויבן די פראגע פון קינדער — האבן זיי אלע באקומען אזעלכע אומעטיקע פנימער, ווי „בעזדיעטניקעס", חלילה...

איינער א פארמער פון ניו דזשוירזי האט מיר אבער באלד געבראכט א פיינעם משל פון זיין אייגענער דערפארונג.

— מיין ווייב, — זאגט ער מיר, — האט איינמאל אוועקגעזעצט א הון אויף ענטעלשע אייער. א הון, זאגט זי מיר, קאן אויסזיצן מיט איין מאל א סך מער אייער ווי אן ענטל, און די ווייב מיינע, — זאגט מיר דער פארמער, — האט געוואלט האבן וואס מער ענטלעך אויפן הויף. האט טאקע די הון אויסגעזעסן א גאנצן טוץ ענטלעך, אבער ווען די ענטלעך זיינען אונטערגעוואקסן — זיינען זיי אוועק צום וואסער. די הון איז זיי נאכגעגאנגען, ווי א געטרייע מאמע, אבער ווען די ענטלעך האבן זיך אוועקגעלאזט שווימען אין וואסער אריין — איז די הון שטיין געבליבן אויפן ברעג א צעטומלטע און

איבערגעשראָקענע. זי האָט אומזיסט געקוואַקעט און געקוואַקעט. די ענטע־לעך האָבן זיך אויף איר אַפילו ניט אומגעקוקט. זיי זיינען געשוואומען ווייטער...

ס'איז געווען פשוט אַ צער־צעלי־חיים צו קוקן אויף דער הון! — האָט דער פאַרמער פאַרענדיקט זיין משל.

צום נמשל איז ער שוין ניט געקומען, ווייל די קראַנקען־שוועסטער האָט אָנגעהויבן צו קלינגען מיטן גלעקל — אַ סימן, אַז מען מוז גיין אין די בעטן מעסטן די טעמפּעראַטור.

# שווינדזוכט און אייפּערזוכט

וויבאַלד שווינדזוכט און ליבע זיינען ענלעך איינע אויף דער אַנדערער — זיינען במילא שוין אויך שווינדזוכט און אייפּערזוכט, ווי צוויי לייבלעכע שוועס־טער. זייער ענליכקייט באַשטייט אין דעם, וואָס צו די ביידע קרענק האָט מען נאָך ביז היינט ניט אויסגעפונען קיין שום הייל מיטל. מען ווייס נאָר, אַז די שווינדזוכט־באַצילן זעען אויס, ווי מיקראָסקאָפּישע שטעקעלעך, בעת די אייפּערזוכט־באַצילן זעען שוין אויס ווי די אמתע שטעקנס... מען ווייס אויך, אַז שווינדזוכט פרעסט, דער עיקר, די לונגען, בעת אייפּערזוכט פרעסט דאָס האַרץ. אויף שווינדזוכט ליידן דאָס רוב מענער בעת אייפּערזוכט איז כמעט דורכאויס אַ ווייבערשע קרענק, אָבער ניט געקוקט אויף אָט די קליינע אונטערשיידן — זיינען די ביידע מחלות אומהיילבאַר ביזן טויט.

ווי אַ באַווייז צו דער דאָזיקער פעסטשטעלונג — קאָן דינען די פאָלגנ־דיקע געשיכטע, וואָס איינער אַ פּאַציענט פון דער לונגען־סאַנאַטאָריע האָט מיר דערציילט.

ער האָט מיר דערציילט, אַז די געשיכטע האָט כלומרשט פּאַסירט מיט זיי־נעם אַ פריינט, אָבער לויט זיינע צעבליצטע אויגן, ווי אויך לויט די צו־פיל איינצלהייטן, וואָס אַ פרעמדער מענטש קאָן זיי גאָר ניט באַנעמען — האָב איך זיך באַלד אָנגעשטויסן, אַז די מעשה האָט טאַקע פּאַסירט מיט אים גופא, מיט דעם פּאַציענט... האָב איך זיך, פאַרשטייט זיך, געמאַכט תמ'עוואַטע און אים געלאָזט דערציילן די מעשה וועגן שווינדזוכט און אייפּערזוכט, ווי זי וואָלט געווען פּאַסירט מיט אַן אַנדערן...

— „ווען דער פריינט מיינער — האָט דער פּאַציענט אָנגעהויבן צו דער־ציילן שטיל און פּאַוואָליע — האָט באַשלאָסן אָוועקצושיקן זיין קראַנק גע־

װאַרענע פֿרױ אין אַ לונגען־סאַנאַטאָריע — האָט שױן די פֿרױ געשפּירט, אַז אירע טעג זײַנען געצײלטע. ער, דער פּרײַנט מײַנער, האָט נישט געװאוסט, אַז זײַן יונגע פֿרױ איז שװער קראַנק. ער פֿלעגט זעלטן זײַן אינדערהײם, װײַל ער איז געװען אַ רײַזנדיקער אַגענט פֿון אַ גרױסער װעלט־פֿירמע, אָבער די ליבע צװישן זײ בײדן איז געװען זײער שטאַרק.

האָט זיך דעם יונגן װײַבל פֿאַרגלוסט איבערצולאָזן דעם געליבטן מאַן אירן אַזאַ מין אָנדענק, װאָס זאָל אים האַלטן מיט איר געבונדן כּל זמן ער לעבט.

איז זי בגנבֿה פֿון דעם מאַן אװעק אין אַ גראַמאַפֿאָן־געשעפֿט און האָט דאָרטן אַרײַנגעזונגען אױף אַ פּלאַטע צװײ לידער, װעלכע דער מאַן אירער האָט באַזונדערס ליב געהאַט.

אײן ליד איז געװען דאָס ייִדישע, „דודקעלע“, און דאָס צװײטע — די רוסישע „האידא טראיקא“.

מיט אָט די דאָזיקע צװײ לידעלעך האָט זי אַמאָל מײדלװײַז, געפֿאַנגען זײַן בחור־האַרץ.

װען זי װעט אין סאַנאַטאָריע שטאַרבן, — איז דעם װײַבל אײַנגעפֿאַלן, — װעט אים כאָטש פֿאַרבלײַבן די שטימע אירע צום אָנדענקען.

אין אַ פּאָר חדשים אַרום איז זי טאַקע געשטאָרבן.

איר מאַן איז אַפֿילו נישט געלונגען צו זײַן אױף איר לוויה, װײַל גראָד דענסטמאָל איז ער צוליב ביזנעס געװען אַװעקגעפֿאָרן קײן אױסלאַנד.

דער יונגער אַלמן האָט צוערשט געהאַט באַשלאָסן צוצופֿאָרן אַ קוק טאָן כאָטש אױף איר קבֿר; אָבער נאָכדעם האָט ער חרטה געהאַט, װײַל כּל־זמן ער האָט מיט די אײגענע אױגן נישט געהאַט געזען איר קבֿר, קען זיך אים נאָך אַלץ דוכטן, אַז זי לעבט נאָך דאָרטן אין סאַנאַטאָריע, אַז זי קען נאָך אַמאָל צו אים צוריקקומען.

ער װאָלט אַפֿילו געװען גליקלעך, דער אַלמן, װען די סאַנאַטאָריע שיקט אים אױך װײַטער יעדן חודש אַ נײַע רעכענונג.

דאָס פּעקל מיט דעם װײַבס זאַכן, װאָס די סאַנאַטאָריע האָט אים צוריקגעשיקט איז אַ לענגערע צײַט געלעגן בײַ אים ניט פֿאַנאַנדערגעפּאַקט.

אָבער אײנמאָל, װען דער אַלמן האָט זיך געהאַט שטאַרק פֿאַרבענקט נאָך זײַן יונג־פֿאַרשטאָרבענעם װײַבל — האָט זיך אים פֿאַרגלוסט אַ קוק צו טאָן, כאָטש אױף אירע קלײדער און װעש. ער װאָלט דענסטמאָל צעקושט אַלע אירע העמדער און זאָקן.

פֿאַנאַנדערפּאַקנדיק מיט גרױס האַרצקלאַפּעניש די זאַכן אירע — האָט ער זיך פּלוצלינג אָנגעשטױסן אױף אַ גראַמאַפֿאָן־פּלאַטע. איז ער געװאָרן נײַ־געריק צו זען, װאָס איז דאָס פֿאַר אַ גראַמאַפֿאָן־פּלאַטע, װעלכע זײַן פֿרױ האָט

אין סאַנאַטאָריע געהאַט פֿאַרשטעקט צווישן אירע קליידער? האָט ער אָנגע־שטעלט זיין גראַמאַפֿאָן און ער האָט באַלד דערהערט:

— „רבונו של עולם, כ'וועל פֿאַר דיר אַ דודקעלע שפּילן. אויבן דו, אונטן דו, מזרח דו, מעריב דו, רק דו, נאָר דו!"...

מיין פֿריינט איז געפֿאַלן אין חלשות.

ווען זיין שוואַרצע דינסט האָט אים געהאַט אָפּגעמינטערט—האָט ער ווי אַ משוגענער אָנגעהויבן צו איר צו שרייען!

— הער נאַר, הער! מיין ווייב פֿון יענער וועלט איז ווידער דאָ! אָט זיי־נען אירע קליידער, אָט איז איר שטים! און ווי אַ צעדרייטער האָט ער גע־געבן אַ כאַפּ אָן די גראַמאַפֿאָן־פּלאַטע און זי ווידער געלאָזט אין גאַנג. האָבן דיביידע — מיין פֿריינט און די דינסט — דערהערט פֿלוצלינג דאָס רוסישע ליד! „היידאַ, טראָיקאַ, סניעג פּושיסטי, נאָטש מאַראָזנאַיאַ קרוגאָם!"

— סע שטימט, ס'איז ריכטיק! — האָט די שוואַרצע אָנגעהויבן צו שריי־ען — ס'איז דאָך טאַקע איר שטים! און זי האָט זיך דריי מאָל איבערגעצלמט.

דענסטמאָל ערשט איז שוין דעם פֿריינט מיינעם קלאָר געוואָרן, אַז ס'ווייבל זיינס האָט אים פֿאַרן טויט געמאַכט אַ סיורפּריז און ער וואָלט איר פֿאַר דעם גליקלעכן איינפֿאַל צעקושט אַלע גלידער!

ווען ער איז שפּעטער אַביסל איינגעקער אַליין אַוועק שלאָפֿן אין דער צוויי־פּאַכער בעט — האָט ער ערשט דענסטמאָל דערשפּירט, אַז ער איז טאַקע פֿאַר־בליבן אַן אַלמן. אַ וויסטער אַלמן און ער האָט אָנגעהויבן צו וויינען אין דער קאַלטער קישן אַריין, ווי ער וואָלט זיך ערשט איצטער געהאַט געכאַפּט, אַז דאָס ווייב זיינס איז אים געשטאָרבן, אויף אייביק געשטאָרבן.

אין אַ יאָר אַרום איז מיין פֿריינט געטרייסט געוואָרן. ער האָט צום צווייטן מאָל חתונה געהאַט מיט אַ חברטע פֿון זיין ערשטער פֿרוי, וואָס האָט געוואוסט ווי צו שעצן דעם אָנדענק פֿון איר פֿאַרגענגערין.

זי פֿלעגט אים דערלויבן אַפֿילו פֿון צייט צו צייט אָנצושטעלן דעם גראַמאָ־פֿאָן מיט דער פּלאַטע פֿון זיין טויטן ווייב און מכבד זיין דערמיט זייערע געסט.

זי איז געווען זיכער, דאָס צווייטע ווייבל זיינס, אַז ווייבאַלד דער מאַן אירער קען אַזוי גוט שאַנעווען דעם אָנדענק פֿון דעם ערשטן ווייב, וועט ער אוודאי און אוודאי שאַנעווען אויך דאָס לעבעדיקע ווייב זיינס.

אָבער ניט אַלע אירע חברטעס זיינען מיט איר געווען איינשטימיק. איינע, אַן עלטערע מויד, האָט מיט איר אָנגעהויבן איינצוטענה'ן, אַז זי וואָלט בשום אופֿן נישט דערלויבט דעם מאַן אירן זיך צו עסק'ן מיט דעם פֿאַרשטאָרבענעם ווייב.

— וואו איז דאָס געהערט געוואָרן, — פֿלעגט די אַלטע מויד פֿון צייט צו צייט אַריינדרעלעווען מיט איר גרילצנדיקער שטים גלייך אין האַרצן אַריין צו

איר חברטע. — וואו איז דאס געהערט געווארן, אז א טויט ווייב זאל האלטן אין איין ארײנשרייען צו איר מאן, וואס האט שוין ווידער חתונה געהאט: „רק דו, נאר דו, אויבן דו, אונטן דו, דו, דו!". — פע, חלשות!

פון דענסטמאל אז האט דאס צווייטע ווייבל זיינס אנגעהויבן צו ווערן אייפערזיכטיק צו דער גראמאפאן־פלאטע.

ווען א פרוי ווערט אייפערזיכטיק, איז זי פעאיק צו באגיין דעם גרעסטן פארברעכן!

האט דאס צווייייטע ווייבל זיינס צוערשט בגנבה צוקראצט אביסל די פלאטע — עס זאל זיך באקומען, אז דאס טויטע ווייב איז געווארן הייזעריק.

„אלע לונגען־קראנקע ווערן הייזעריק", — האט זי זיך אליין צוגעגעבן מוט. באלד, אבער, האט זי זיך געכאפט, אז זי האט אפגעטאן א גרויסע נארישקייט. דער מאן אירער וועט דאך גלייך פארשטיין, אז א שטימע פון א פארשטארבענעם קען דאך שוין נישט ווערן הייזעריק.

איז זי נישט פויל געווען, די אייפערזיכטיקע, און זי איז אוועק אין א גראמאפאן־געשעפט צו לאזן די פלאטע איבערזינגען אויף א צווייטער, א נייער, אויב נאר די הייזעריקייט וועט פארשווינדן.

האט מען איר דערקלערט, אז די הייזעריקייט וועט שוין מוזן אריבערגיין אויך אויף דער נייער פלאטע.

איז זי אזוי צעטומלט געווארן, דאס צווייטע ווייב זיינע, אז זי האט גאר איינגאנצן באשלאסן די פלאטע צו פארניכטן און א סוף זאל עס נעמען.

נעמט זי און ווארפט אריין די פלאטע אין ברענענדיקן אייוועלע אריין.

זי האט, הייסט עס, פארברענט דאס ערשטע ווייב זיינע, ווי מען פאר־ברענט א מת אין קרעמאטאריע.

ערשט דאן האט זיך די אייפערזיכטיקע פרוי דערשפירט, ווי אן אמתע מערדערין. ווען דער מאן אירער האט זיך געהאט צוריקגעקערט פון אויס־לאנד אהיים, איז זי פאר אים געפאלן אויף די קני און היסטעריש אנגעהויבן צו שרייען:

— שים מיך, קוילע מיך, — איך בין א מערדערין!

דער מאן אבער, וואס איז געווען בשבע א גוטמוטיקער מענטש, האט דאס היסטעריש־געווארענע ווייב זיינע נישט געשאסן און נישט געקוילעט.

ער האט זי נאר אריינגעבראכט אויף אייניקע חדשים אין א סאנאטאריע פאר נערוון־קראנקע, און אליין איז ער אוועקגעפארן אויף קבר־אבות צו זיין ערשטער פרוי שטעלן איר א מצבה.

די מצבה, וואס ער האט איר געשטעלט, איז געווען פון שווארצן גראניט און קיילעכדיק, ווי א גרויסע, גאר גרויסע גראמאפאן־פלאטע. אויף איין זייט האט ער געלאזט אויסקריצן מיט גאלדענע אותיות די ערשטע פאר שורות פון

„האידא טראיקא", און אויף דער צווייטער זייט די ערשטע פּאָר שורות פון דער „דודעלע".

די דאָזיקע מערקווירדיקע מצבה ווערט איצטער געוויזן צו אַלע טוריסטן, וואָס קומען אין יענעם פּלאַץ, וואו די סאַנאַטאָריע געפינט זיך.

אַבערגלויבישע מענטשן דערציילן אַפילו, אַז שפּעט ביינאַכט הערט מען די דאָזיקע צוויי לידער אַרויסזינגען פון קבר אַרויס.

איך, אַבער, גלויב נישט אין דעם.

— אַבער וואָס איז געוואָרן מיט דער צווייטער פרוי פון אייער פריינט?

— בין איך געוואָרן נייגעריק צו וויסן.

— די צווייטע פרוי, די אייפערזיכטיקע, איז נאָך ביז היינט אין אַ משוגעים־אַנשטאַלט. זי הערט דאָרטן ניט אויף צו זינגען: „מזרח דו, מערב דו, אויבן דו, אונטן דו!" ווי ס'וואָלט אין איר אַריין דער דיבוק פון דער ערשטער...

# אַ בריוו פון בערלין

אַ לונגען־שפּיטאָל איז כמעט ענלעך צו אַ תפיסה, מער נישט וואָס אין אַ תפיסה זיצט מען און אין אַ שפּיטאָל ליגט מען.

ס'איז פאָראַן נאָך אַ שטיקל אונטערשייד צווישן אַ שפּיטאָל און אַ טורמע: אין אַ טורמע ווייסט מען אין פאָראויס, ווי לאַנג מען וועט דאַרפן זיצן, בעת אין אַ לונגען־שפּיטאָל ווייסט מען קיינמאָל נישט אין פאָראויס, ווי לאַנג מ'וועט דאַרפן ליגן.

דאָך אַבער איז, פאַרשטייט זיך, אַ סך אַנשטענדיקער און אַפילו באַקוועמער צו ליגן אין אַ סאַנאַטאָריע, איידער צו זיצן, חלילה, אין סינג־סינג.

ווי ס'זאָל ניט זיין, פילט זיך אָבער דער פּאַציענט די ערשטע צייט, ווי אַ שטיקל אַרעסטאַנט. ער ווערט פּלוצים איזאָלירט פון דער געזעלשאַפט, אָפּגעריסן פון דער משפחה, און ער מוז אויך אויפגעבן אַלע זיינע ביזנעס.

פּאָר אַזאַ איינעם איז זייער גוט, ווען מען קומט אים עפּעטערם מבקר חולה זיין און ווען מ'שרייבט אים אָפטע בריוועלעך.

דעמאָלט דערפילט דער חולה, אַז ער איז נאָך פאַר עמיצן נויטיק, אַז דרויסן בענקט מען נאָך אים, זאָרגט מען זיך פאַר אים. דאָס הייבט זיין שטימונג. דאָס העלפט אים אויך גיכער געזונט צו ווערן.

דעריבער טאַקע איז ביי יידן די מצוה פון ביקור חולים איינע פון די גרעסטע מצוות.

אויב איך האָב קיין טעות ניט, האָט נאָך ר' עקיבא געזאָגט, אַז דער

מענטש וואס איז נישט מקיים די מצוה פון ביקור חולים, איז געגליכן צו א מערדער: ער דערהרגעט ביים חולה דעם צוטרוי צו פריינט און דעם גלויבן אין זיין פאלק.

פארשטייט זיך, אז מען קאן אויך „מבקר חולה" זיין א קראנקן דורך א בריוו, אויב דער שפיטאל געפינט זיך ערגיץ־וואו אין די הרי חושך. ווער קאן דאס ווינטער־צייט שלעפן זיך, זאגן מיר, אזש אין די קעטסקיל־בערג, וואו ס׳איז זייער קאלט און גליטשיק... אבער אויף איין פאסט־קארטל קאן מען אנשרייבן אזויפיל גוטע רייד, וואס פערזענלעך וואלט מען זיי גאר ניט גע־קאנט ארויסברענגען. אזוי ארום קאן מען שוין פאר איין סענט שריפטלעך מקיים זיין די מצוה פון ביקור חולים.

אדרבה, דורך א ביקור־חולים קארטל — ווער רעדט נאך דורך א בריוו פאר פולע דריי סענט — קאן מען דעם קראנקן אויפמונטערן נאך פיל מער, ווי דורך א פערזענלעכן באזוך.

ווען מען קומט פערזענלעך צו א חולה, דערשפירן זיך די ביידע צדדים אין א גרויסער פארלעגנהייט. דער חולה פילט זיך שלעכט, וואס ער קאן נישט אויפנעמען דעם גאסט, ווי עס באדארף צו זיין. ער טאר ניט אפילו, לויט די תקנות פון דער סאנאטאריע, צעקושן זיך מיטן אורח; אויב דער אורח געהערט צום צווייטן מין, איז דער פארדראס, פארשטייט זיך, נאך גרעסער.

דער ביקור־חולימניק, פון זיין זייט, דערפילט זיך אביסעלע שולדיק לגבי דעם חולה שוין צוליב דעם אליין, וואס דער גאסט איז דאך א סך פריווילע־גירטער פון דעם חולה. דער גאסט קאן קומען, ווען ער וויל, און אוועקגיין, ווען ער וויל, בעת דער חולה מוז, נעבעך, ווייטער בלייבן ליגן מיט א גע־זונטן קאפ אין א קראנקן־בעט.

אזוי ארום ווערט צווישן די ביידע צדדים (דעם געזונטן מיט דעם חולה) געשאפן אזא מין געשפאנטע שטימונג, וואס נאר פסיכאאנאליטיקער קאנען זיך אין איר פאנאנדערקלייבן. דעריבער זאג איך, אז ס איז א סך געזינטער און באקוועמער מבקר חולה צו זיין א קראנקן פריינט דורך א פאסט־קארטל אדער דורך א בריוו.

אט, למשל, האבן מיך היינט „מבקר חולה" געווען דורך בריוו דריי פריינט פון דריי פארשיידענע שטעט אין אייראפע: פון מינסק, פון ווארשע און פון בערלין.

די אלע דריי הויפט־שטעט ליגן איצטער אונטער די חורבות פון דער צווייטער וועלט־מלחמה.

די חורבות פון מינסק און פון ווארשע האבן ביי אונדז ארויסגעריסן שטיקער הארץ, אבער פון די חורבות אין בערלין קומט אונדז צו שטיקער געזונט.

וועל איך זיך היינטיקן מאָל אָפּשטעלן אויף דעם ביקור חולים בריוו פון בערלין.

עס רעדט זיך אין דעם בריוו וועגן דעם באַרימטן „ראָמאַנישן קאַפע" אין בערלין, דורך וועלכן עס איז פאַר די יאָרן 1920—1935 דורכגעגאַנגען כמעט די גאַנצע יידישע ליטעראַטור און כמעט די גאַנצע יידישע געזעלשאַפטלעכ־קייט פון אַלע עקן וועלט!

אין „ראָמאַנישן קאַפע" איז אויפגעקומען דער גוטער געדאַנק צו גרינדן דעם יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט („איוואָ"), וואָס האָט לעצטנס שוין געפייערט זיין 20־יעריקע עקזיסטענץ.

אין „ראָמאַנישן קאַפע" איז אויך געבוירן געוואָרן דער גוטער געדאַנק צו שאַפן אַן אַלגעמיינע יידישע ענציקלאָפּעדיע, וואָס אַכט פון אירע צוואַנ־ציק בענד זיינען שוין דערשינען אין פּאַריז און אין ניו יאָרק.

דאָס „ראָמאַנישע קאַפע" איז געווען, קאָן מען זאָגן, די טראַנזיט־קיבע־צאַרניע פונם גאַנצן יידיש־לאַנד, און ניט איין שרייבער האָט אין איר געשעפּט פולע הויפנס אומשטערבלעכקייט און אַפילו פודן געזונט.

— פאַר מיר איז דאָס „ראָמאַנישע" אַן אמתע סאַנאַטאָריע! — פלעגט נאָמבערג, ע"ה, גאַנץ אָפט זאָגן, אויסהוסטנדיק זיך איבער זיין קאַלט גע־וואָרענעם טעפּעלע קאַווע. — די לופט איז דאָ אַזוי געדיכט אָנגערויכערט, אַז די באַצילן פּגרן אַוועק...

און ווען משה ליטוואַקאָוו, ע"ה, האָט געוואָלט איינמאָל אַ שטאָך טאָן בערגעלסאָנען, האָט ער געשריבן אין „עמעס", אַז בערגעלסאָן האָט שוין, מיט מזל „געענדיקט דעם ראָמאַנישן", ווי מ'ענדיקט, למשל, אַן אוניווערסיטעט צי אַ קאָלעדזש.

כ'בין זיך מודה, אַז פאַר מיר פערזענלעך איז דאָס „ראָמאַנישע" טאַקע געווען אין משך פון אַ גוטן יאָרצענדליק סיי אַ „סאַנאַטאָריע" און סיי אַ „קאָלעדזש". איך האָב אין דעם „ראָמאַנישן" געהיילט מיינע לונגען מיט ניקאָטין און קאַפעאין און איך האָב אין דעם „ראָמאַנישן" זיך אויך אויס־געלערנט די וויכטיקסטע כללים פון שרייבעריי.

דער ערשטער כלל: נישט ווערן, חלילה, לאַנגווייליק פאַר דעם לעזער כאָטש דו קענסט אים נישט פערזענלעך... און דאָס איז אויך דער לעצטער כלל פון דער שרייב־קונסט!

אין „ראָמאַנישן קאַפע" פלעגט מען נישט טאָרן זיין קיין נודניק. ווי נאָר איינער פון די געסט פלעגט אָנהויבן צו נודען, פלעגט שוין זיין טישל באַלד ווערן פוסט, ווי אַ לאָקשן־ברעט.

זיינען טאַקע די אַלע, וואָס האָבן געענדיקט דעם „ראָמאַנישן קאַפע", ניט געוואָרן קיין נודניקעס אויך אַפילו ביי זייערע שרייב־טישן.

אבער זינט היטלער איז געקומען צו דער מאכט, האבן די נאצי־שמירערס באלד פארכאפט די פוסט־געוואָרענע שטאם־טישלער פון דער יידישער ליטע־ראטור, גלויבנדיק, אז אויך זיי וועלן זיך מיטן כוח פון פארגאסענעם יידישן בלוט זיך ארויפדראפען צו דער אומשטערבלעכקייט.

וועלן מיר טאקע איצטער א קוק טאן, ווי אזוי די דאזיקע נאצישע „אומ־שטערבלעכקייט" זעט אויס אין די אויגן פון מיינעם אן אלטן גוטן פריינט, וואס האט פונקט ווי איך „געענדיקט" דעם „ראמאנישן קאפע".

ניט אין יידיש ליד און ניט אין דערציילונג אדער ארטיקל זיינען אני־געשריבן געווארן אין „ראמאנישן קאפע".

דער פריינט מיינער איז א גוט־באקאנטער יידיש־רוסישער כלל־טוער און שריפטשטעלער. שוין א פערטל יאהרהונדערט, ווי ער פירט אן מיט דער יידי־שער עמיגראציע־ארבעט פון האיאס אין אייראפע. צען יאר אין בערלין, פינף יאר אין פאריז, דריי יאר אין מארסעי און אין ליסאבאן (פארטוגאל) און נאך אמאל דריי יאר — אין ניו יארק, פון וואנען ער איז טאקע פון האיאס דעלע־גירט געווארן צוריק קיין אייראפע, וואו ער איז געווארן דער האיאס־דירעקטאר פאר דער שארית הפליטה אונדזערער אין גאנץ דייטשלאנד און עסטרייך.

זיין נאמען איז א. דיזשור אדער „איליא מארקאוויטש", ווי מיר רופן אים אין אונדזערע יידיש־רוסישע קרייזן, אבער איך פערזענלעך רוף אים „איליושע" ווייל ער רופט מיך אויך ניט אנדערש, ווי „דאניע".

שרייבט צו מיר מיין פריינט דיזשור פון בערלין אט וואס:

„יעדעס מאל, ווען איך גיי פארביי די חורבות פון דעם „ראמאנישן קאפע", מוז איך אייך דערמאנען. א מענטש, וואס האט ניט פארבראכט עטלע־כע טויזנט נעכט אין „ראמאנישן", ווי איר און איך, וועט גאר ניט באגרייפן, וואס אזוינס די דאזיקע חורבות באטייטן פאר אונדז.

„די טישלעך, ארום וועלכע עס זיינען יארן־לאנג געזעסן בערגעלסאן און קוויטקא, דער נסתר און איר, נאמבערג און וו. לאצקי־בערטאלדי, י. עפרויקין און יעקב לעשטשינסקי, א. טשעריקאווער און נחום גערגל, אלעקסאנדער כא־שין און י. קלינאוו און נאך און נאך, — זיינען פארשאטן געווארן מיט עטלעכע טויזנט טאן שטיינער און ציגל. די איינגאנגס־טערראסע איז כמעט גאנץ גע־בליבן. מען קאן נאך זען אויף איר א טייל פון דער אויפשריפט „ראמאני־שעס קא..."

„דאס איז אלץ! קיין מענטשן זיינען דארטן נישטא... (כיבע אונטער דעם ברוכווארג...)

„זאל אייך דעריבער נישט וואונדערן", שרייבט מיר ווייטער דיזשור, „וואס שטייענדיק ביי די חורבות פון דעם „ראמאנישן", איז מיך באפאלן פלוצלונג א פאעטישע שטימונג, און איך האב אנגעשריבן אן אויסערגעוויינ־

לעבע זאך. איך האב אנגעשריבן א ליד! פאר אנדערע וואלט איך זיך געשעמט, אבער פאר אייך, דאניע, שעם איך זיך ניט, ווייל איך ווייס, אז איר האט שטענדיק מיטלייד מיט אזעלכע מענטשן, מיט וועמען עס פאסירט אזא מין אומגליק...״

ווען איך האב איבערגעלייענט דעם גוט־דיפּמירטן „אומגליק״ פון מיין פריינט און קאלעגע א. דיזשור, איז מיר גלייך קלאר געווארן, אז מען מוז דאס ערשטע יידישע ליד פון דעם חורבן־בערלין פאראייביקן.

דאס ליד איז גענוג בילדעריש און אקטועל, בפרט נאך ווען ס׳איז געשריבן געווארן פון ניט קיין דיכטער דירעקט ביי די חורבות פון דעם „ראמאנישן קאפע״ אין בערלין.

אגב, שילדערט מיר א. דיזשור אין זיין בריוו אויך נאך די חורבות פון דער בארימטער „קייזער ווילהעלם געדעכטנים־קירכע״, וואס איז געשטאנען פונקט אנטקעגן דעם „ראמאנישן קאפע״.

די מזרח־יידן אין בערלין פלעגן די דאזיקע „געדעכטנים־קירך״ רופן ניט אנדערש ווי די „קדחות־קירך״. אבער די דייטשן פלעגן די דאזיקע קירך רופן „טויפהויז דעם וועסטנס״, ווייל אין דער דאזיקער קירך פלעגן זיך שמדן די יידן פון וועסטן...

ניט ווייט פון דער „טויפהויז דעם וועסטנס״ איז אויך געווען די באַרימטע „קויפהויז דעם וועסטנס״, וואס האט געהערט צו דער יידישער וואַרענהויז־פאמיליע טיץ.

„איז שטעלט זיך פאר״, שרייבט מיר א. דיזשור, „אז אויפן פלאץ פון דער „קדחות־קירך״ שטייט עפּעס אן אומגעלומפּערטער געשפּענסט געמאכט פון לעבער מיט שטיינער, אדער — פון שטיינער מיט לעבער״...

און אזוי איז איצט גאנץ דייטשלאנד פארוואנדלט געווארן אין א פינסטערן געשפּענסט פון לעבער מיט שטיינער, אדער פון שטיינער מיט לעבער...

ביז איך געווארן אזוי שטארק באגייסטערט פון דיזשורס בריוו און ליד, אז איך האב זיך אוועקגעשטעלט ביים שפּיטאל־פענסטער אין די קעטסקילבערג קוקן אויפן חורבן — בערלין...

ווען עס איז אריינגעקומען די קראנקן־שוועסטער נעמען מיין טעמפּעראטור און טאפּן מיין דופק, האט זי באלד באמערקט, אז איך געפין זיך אין א געהויבענער שטימונג, און זי האט מיך א פרעג געטאן, וואס אזוינס עס האט מיט מיר פאסירט?

האב איך איר דערציילט, אז איך האב אקאַרשט באקומען א בריוו פון בערלין און מען שרייבט מיר, אז בערלין איז קאפּוט!

— א בריוו פון בערלין? — האט מיך די שוועסטער איבערגעפרעגט.

— יע, דירעקט פון בערלין, בערלין איז קאפוט! — האב איך נאכאמאל איבערגעחזרט די גדולה מיינע.

— אויב אזוי, טא גיט מיר דעם סטעמפ; איך זאמל דאך סטעמפס! — האט מיך די שוועסטער א בעט געטאן.

וואס א „נוירם" קאן איינפאלן! זי וויל כאטש האבן די סטעמפס פון חורבן — בערלין...

איצט זעט איר שוין, מיינע פריינט, וואס א ביקור־חולים־בריוו קאן אויפ־טאן?

אי כ'האב באפרידיקט מיין קראנקען־שוועסטער מיט פאסט־מארקעס פון דעם חורבן־בערלין, אי איך האב ארייגעפירט א נייעם דיכטער אין דער יידי־שער ליטעראטור!

זאל זיין אין א גוטער שעה!

## בערלין 1946

**פון א. דיזשור**

„בערלין, בערלין, דו גרויסער יאמערטאל".
(היינדיך היינע דייטשלאנד, 1816)

בערלין — די הויפטשטאט פון קיסרים און יונים,
די קרוין פון וויסטן דריטן רייך,
אז אך און ווי איז צו דיין פנים —
דו ליגסט פאר מיר מיט בלאטע גלייך.

באזיגט, צעשטערט, באשמוצט, באשפיגן
נאך אלע דיינע גרויסע זיגן;
א בארג מיט ברוכווארג אן שום זין —
וואו ביזטו, אלטע „גרוים־בערלין"?

נישטא! אוועק! פארביי! פארשוואונדן!
קיין שפור פון טויזנטיארנדיקן רייך!

די חיה ליגט און לעקט די וואונדן
מיט אלע ווילדע חיות גלייך!

די בעסטיע ליגט ביי מיר צעפוסנס,
ביי מיר — דעם יידן פון פאלטאווע;
פון „בראנדענבורגער טויער" פעלן שוין די סוסים
און אין „ראמאנישן קאפע" נישטא קיין קאווע!

עס פעלן אויך די לינדעז אויף „אונטער דען לינדען"
און אויפן „גרויסן שטערן" איז נישטא קיין שטערן.
ס'איז אלץ צעשמעטערט, ס'איז אלץ פארשוואונדן —
בערלין, פון דיר וועט שוין קיין לייט נישט ווערן!

איך קוק איצט אן דאס גרויסע הערן־פאלק,
די „אויסדערוויילטע" בלאנדע ראסע —
נישטא קיין ראטע מער, נישטא קיין פאלק,
נאר א צעשטויבטע, וויסטע מאסע
פון טעמפע, הונגעריקע הינט —
זיי פילן אן בערלינער גאסן,
זיי מאכן זיך ווי שטום און בלינד,
זיי ווילן פרעסן נאר און פרעסן!

א, בלאנדע בעסטיע פון בערלין!
ס'וועט קיינער קיינמאל ניט פארגעסן
טרעבלינקע, דאכאו, לובלין...

איז גוט אזוי צו זען די בלאנדע ראסע
אין א צעשטויבטער כלבים־מאסע,
און גוט איז איצט צו הערן היינעס ווידערקול:
„בערלין, בערלין, דו גרויסער יאמערטאל!...

בערלין, יאנואר, 1946.

# אויך די נאַטור
# איז פול מיט רציחה

ווען מען פאַרבריינגט אַ לענגערע צייט אין שויס פון דער נאַטור, דער־זעט מען באַשיימפּערלעך, אַז אויך אין דער נאַטור קומען פאָר אַ סך עוולות און רציחות, פּונקט ווי צווישן מענטשן. אָט, למשל, באַטראַכט איך דעם וואַלד, וואָס רינגלט אַרום מיין סאַנאַטאָריע. מען דאַרף ניט זיין קיין מאַרקסיסט, כדי צו קאָנען באַלד באַמערקן דעם פאַרביטערטן „קלאַסן־קאַמף", וואָס קומט פאָר צווישן די ביימער און קוסטעס.

איינעם אַ בוים איז געלונגען צו פאַרכאַפּן אַ בעסער שטיקל באָדן, האָט ער זיך צעוואַקסן אין דער לענג און אין דער ברייט, ווי אַן אמתער קולאַק, וואָס צו אים געהערט דער גאַנצער מאַיאָנטיק. ער נעמט־צו פאַר זיך די גאַנצע זון, ער זאַפּט־איין אין זיך דעם גאַנצן רעגן, און די שכנים זיינע, די אָרעמע קוס־טעס און ביימעלעך, מוזן זיך שוין באַנוגענען מיטן ביסל שיריים, וואָס בלייבט איבער פון דעם בוים בעל־גוף. זעען טאַקע אויס די אָרומיקע קוסטעס און ביימלעך ווי שווינדזיכטיקע פּראָלעטאַריער, כאָטש נעם זיי אַריין אין סאַנאַ־טאָריע אויף קוראַציע.

פאַרשטייט זיך, אַז די ביימער אַלרייטניקעס קאָנען זיך דערלויבן אום זומער־צייט איינצופירן פייגעלעך צווישן זייערע גוט־באַבלעטערטע צווייגן. די פייגעלעך האַלטן אין איין באַזינגען די גאַסטפריינטשאַפט פון די רייכע ביימער און אַ פּיק־האַלץ קומט יעדן טאָג אויסצופּיקן בחינם די ווערעמלעך פון אונטער דער קאָרע — עס זאָל זיי, די ביימער, חלילה, ניט בייסן אויפן הוילן לייב.

דאָס איז נאָר גערעדט געוואָרן וועגן די בלעטער־ביימער, וואָס פירן צווישן זיך אַן אייביקן קאַמף צוליב מער רוים פאַר זייערע צווייגן און צוליב מער אונ־טערגרונט פאַר זייערע וואָרצלען.

מיט די נאָדל־ביימער איז עס נאָך ערגער. פון זייער גאווה איז פּשוט ניט אויסצוהאַלטן.

ערשטנס, נעמען זיי זיך איבער מיט דעם, וואָס זיי פאַרבלייבן גרין אַ קיילעכדיקן יאָר און וואו נאָר אַ טי־בי־קראַנקער, קומט ער צו זיי זומער־צייט געניסן פון זייער פיינעם סמאָלע־אַראָמאַט.

צווייטנס וואַקסן זיי אַזוי הויך און שלאַנק, אַז מען קאָן פון זיי בויען הייזער און מאַכן פון זיי טעלעגראַף־סלופּעס.

„ווען ניט מיר, די סאָסנעס," טענהן זיי, „וואָלטן מענטשן זיך קיינמאָל

ניט דערטראַכט צו עלעקטריע, טעלעפאָן און טעלעגראַף, ווייל זיי וואָלטן דאָך ניט געהאַט אויף וואָס אַנצוטאָן די פּאַרצעלייענע קריגלעך מיט די דראָטן".

צווישן אונדז גערעדט, זעען טאַקע אויס די סאָסנעס ווי די אַריסטאָקראַטן פון וואַלד, אָבער ווי אַלע אַריסטאָקראַטן זיינען זיי ניט צו־טיף פאַרוואָרצלט אין באָדן, און ווי נאָר עפּעס אַ שטיקל רעוואָלוציע אין דער לופט, אַ שטורעם־ווינט צי אַן אוראַגאַן, זיינען זיי די ערשטע קרבנות.

נאָך איינעם אַן אוראַגאַן אין די קעטסקיל־בערג האָב איך דערזען, אַז די צאָל אויסגעוואָרצלטע נאָדל־ביימער איז געווען פיל גרעסער פון דער צאָל אויס־געוואָרצלטע בלעטער־ביימער.

כ'בין זיך מודה, אַז יעדן מאָל ווען איך דערזע אַ געפאַלענעם בוים מיט די וואָרצלען אַרויף און מיט די צווייגן אַראָפּ, באַפאַלט מיך אַ שרעק פאַר דער אויסער־געוויינלעכער רציחה, וואָס בושוועט אין דער נאַטור גופא.

איך שטעל זיך פאָר ווי שווער עס קומט אָן דער מוטער־נאַטור אויסצו־האָדעווען אַ גאַנצן וואַלד מיט פאַרשיידענע מינים ביימער פון פאַרשיידענע קלאַסן און ראַסן, און פּלוצים גאָר פּליט אָן אַן אוראַגאַן פון וויטע און פרעמ־דע מקומות און אין געציילטע עטלעכע מינוטן מאַכט ער אָן אַ שרעקלעכן חורבן אין וואַלד.

ס'איז אַן אמתער בליץ־קריג, וואָס האָט ניט קיין זין און צוועק, ווי יעדער בליץ־קריג.

צוליב וואָס, פרעגט זיך, דאַרף די נאַטור אַליין חרוב מאַכן דאָס אַלץ, וואָס זי אַליין האָט אויסגעהאָדעוועט און אויסגעכאַוועט?

און אויב אין די מעשי בראשית גופא איז ניטאָ קיין שום יושר און קיין שום לאָגיק, איז ווי אַזוי קאָנען מיר פאָדערן יושר און לאָגיק ביי די מענטשן, וואָס זיינען ניט מער ווי נאָכמאַכערס און נאָכקרימערס פון גאָטס יצירה?

נאָך מער, כ'האָב אין וואַלד באַגעגנט איינעם אַ נאָדל־בוים, וואָס איז דורכאויס פאַרבלעטערט געוואָרן.

צוערשט האָט איך געהאַט געמיינט, אַז אין די וועלדער פון די קעטסקילס האָט פאַרבלאָנדזשעט אַזאַ מין עקזאָטישער בוים, וואָס אַפילו אויף זיין שטאַם וואַקסן בלעטער, אָבער ווען איך בין צוגעקומען נענטער, האָב איך דערזען, אַז פּאַראַזיטישע בלעטער־פלאַנצן האָבן פּראָסט־פּשוט פאַרבלעטערט דעם בוים פון סאַמע אונטן ביז דעם העכסטן שפּיץ זיינעם, און אַזוי־אַרום איז אַ נאָדל־בוים פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ בלעטער־בוים.

(אויך אין דער פּאָעזיע באַגעגנט מען אָפטמאָל אַ גאַנץ פיין ליד, געשריבן פון עפּעס אַ נייעם דיכטער, אָבער עס לאָזט זיך אויס, אַז עס איז היינעס...)

צוליב וואָס, פרעגט זיך, פּראָדוצירט די נאַטור אַזעלכע פּאַראַזיטן־פלאַנצן,

וואס פארמאגן ניט קיין אייגענעם זכות הקיום און וואס מוזן שטענדיק לעבן אויפן חשבון פון זייערע קרבנות, וואס זיי באפאלן?

דאס אלץ איז גערעדט געווארן וועגן די שטומע, אומבאהאלפענע געוויקסן, וואס האבן ניט קיין שום מעגלעכקייט צו שטעלן וועלכן ניט איז ווידערשטאנד, אדער גאר אינגאנצן צו אנטלויפן פון די שונאים, וועלכע באפאלן זיי אין סאמע מיטן פון זייער וואוקס און אויפבלי.

ווען מען גיט אבער א קוק אויף די פארשיידענע מינים שרצים און אנדערע מינים בעלי־חי, וועלכע פויזן, שפרינגען אדער פליען ארום צווישן די גראזן און ביימער פון וואלד — דערזעט מען נאך מער באשיימפערלעך ווי די גאנצע נאטור איז איינגעשטעלט אויף גנבה, גזילה און רציחה. איין שרץ פרעסט דעם צווייטן, איין חיה טשאטעוועט שטענדיק אויף דער צווייטער און איין פויגל רייסט ארויס דעם לעצטן ביסן ביים צווייטן פויגל.

צוקוקנדיק זיך צו דעם אלעם אין איינעם א וועלדל פון די קעטסקיל־בערג, איז מיר שוין געווארן קלאר פארוואס די מענטשן, וועלכע זיינען דאך סוף כל סוף אויך ניט מער ווי קינדער פון דער נאטור, באזיצן אין זיך אזוי פיל שנאה, קנאה און רציחה, וועלכע מוזן פריער אדער שפעטער עקספלאדירן דורך מלחמות, רעוואלוציעס און פאגראמען, וועלכע האבן ניט קיין שום זין און צוועק, ווי די אומגעריכטע שטורעם־ווינטן, אוראגאנען און טייפונען ביי דער מוטער־נאטור.

ווער פון אונדז געדענקט נאך ניט דעם מלחמה־אוראגאן, וואס האט גע־בושעוועט אין די יארן 1914־1918? אלע זיינען דאך דאן געווען זיכער, אז נאך אזא מין וועלט־מלחמה וועט שוין די מענטשהייט פארזאגן א צענטן ניט צו פירן מער קיין מלחמות. די דעמאלדיקע סטאטיסטיקער און סך־הכל־מאכערס האבן דאך אויסגעחשבונט, אז פאר דעם געלט, וואס די ערשטע וועלט־מלחמה האט געהאט פארפולווערט וואלט מען געקאנט באזארגן אלע לעבן־געבליבענע מענטשן פון גאר דער וועלט מיט אייגענע הייזקעס און גערטנדלעך, וואו מען וואלט געקאנט גאנץ גוט פארברענגען די „וויק־ענדס" אפילו אין א מיטן מיטוואך.

אזוי ווי איך בין דעמאלט נאך געווען יינגער אויף א גאנצן פערטל יאר־הונדערט, בין איך געווען נאך מער ווי זיכער, אז ווען עס וועט קומען צו א צווייטער וועלט־מלחמה, וועט די פעלקער־ליג אין זשענעווע אויסרעכענען גאנץ גענוי וויפיל א צווייטע וועלט־מלחמה וואלט געקאנט אפקאסטן אין מזומן געלט (שוין ניט גערעדט פון מענטשן־לעבנס) און פאר דעמדאזיקן געלט וואלט מען פאר דער גאנצער מענטשהייט אויסגעבויט וואונדערשיינע וויק־ענד־הייזקעס מיט אלע מאדערנע באקוועמלעכקייטן און איך וואלט אין א מיטן מיטוואך געקאנט

פון מיין גאניקל באוואונדערן דעם גאנג פון די שטערן מיט דער לבנה, אדער שפילן שאך מיט מיין שכן אונטער א צעבליטן עפל־בוים.

צוליב דעם טאקע בין איך ערב דער צווייטער וועלט־מלחמה אוועקגעפארן קיין פאריז, ווייל מיר האט זיך זייער שטארק געגלוסט צו באקומען מיין וויק־ענד הייזל ערגעץ־וואו אין פראנקרייך, וואו אפילו די הענער מיט די הינער פליר־טעווען אויף פראנצויזיש.

האט מיך אבער די פעלקער־ליג אפגענארט, און עס איז ממש א נס, וואס מיר איז נאך געלונגען זיך אפצוטראגן באצייטנס פון פראנקרייך קיין אמעריקע, וואו הענער מיט הינער דארפן שוין ניט מער פלירטעווען, ווייל עס זיינען דאך פאראן אינקיובעיטארס.

ליג איך איצטער אין איינער א אינקיובעיטאר־סאנאטאריע פון די קעטס־קיל בערג און איך ווארט מיט אומגעדולד אויף די נייע סטאטיסטיקערס און סך־הכל־אונטערפירערס פון דער צווייטער וועלט־מלחמה.

איך בין זייער נייגעריק צו וויסן וואס יעדער לעבן־געבליבענער מענטש נאך דעם צווייטן מלחמה־אורגאן וואלט געקאנט באקומען פאר דעם געלט, וואס מען האט פארפולוועדט אין משך פון די יארן 1939־1945?

ס'איז זייער מעגלעך, אז פאר די צעשאסענע מלחמה־הוצאות וואלט יעדער איינער פון אונדז געקאנט באקומען אן אייגענעם ראדאר־אפאראט, וואס זאל אים קאנען פארבינדן ניט נאר מיט דער לבנה און מיט די פלאנעטן, נאר אויך אפילו מיט דער אייגענער ווייב און מיט די אייגענע קינדער.

פאר די יידן פון אמעריקע איז אזא מין ראדאר־פארבינדונג מיט דער אייגענער משפחה באזונדערס אקטועל.

דער מהלך צווישן עלטערן און קינדער איז געווארן אין אמעריקע כמעט פונקט אזוי ווייט, ווי דער מהלך צווישן דער ערד און דער לבנה. זיי זיינען טאקע באזונדערע פלאנעטן — די עלטערן מיט די קינדער.

אט, למשל, קלאגט זיך פאר מיר איינער א פאציענט פון דער לונגען־סאנאטאריע, וואס קוקט אוים יעדן זונטיק די אויגן אויף זיינע קינדער, וועלכע קלייבן זיך שוין חדשים־לאנג קומען אים מבקר חולה צו זיין, אבער זיי קלייבן זיך קיינמאל ניט אוים...

„מיינט איר דען, אז מיינע קינדער זיינען, חלילה, שלעכטע קינדער?" זאגט מיר דער פאציענט מיט אומעטיקע „בעזדעטנע" אויגן, „אדרבא, זיי זיי־נען טייערע קינדער! איינער פון זיי איז א דאקטאר, דער צווייטער איז א „לאיער", אבער ווי נאר איך האב זיי געמאכט פאר שטיקלעך מענטשן, האבן זיי זיך אנגעהויבן צו שעמען מיט זייער טאטן דעם „גרינהארן" און מיט דער קענדי־סטאר, וואו איך האב זיי ביידן אויסגעהאדעוועט.

„פאסט זיך דען פאר א דאקטאר, צי פאר א „לאיער" אריינצופארן מיט

זיין אייגענער קאַר אין אַ קענדי־סטאָר, וואו זייער טאַטע האָט אויסגעהוסט די לונגען מיט די אַלע יענטע־טעלעבענדעס פון קאָני־איילאַנד?״ האָט שוין דער עלנדער פאָטער אַנגעהויבן זוכן זכות־אבות אויף די אויסגעשטודירטע קינדער זיינע.

און אַ צווייטער פּאַציענט, אַ ייִנגערער און אינטעליגענטערער פון דעם ערשטן, האָט רעדנדיק מיט מיר וועגן זיין פרוי פּלוצלונג אַרויסגעפּלאַפּלט:

„איך וועל אייך זאָגן דעם אמת, מיין ווייב איז מיר געוואָרן אַזוי פרעמד און ווייט, אַז איך גלוסט צו איר אַפּטמאָל ווי צו אַן אשת־איש״...

„פאַרוואָס איז זי אייך געוואָרן אַזוי ווייט און פרעמד?״ בין איך געוואָרן נייגעריק צו וויסן.

„ווייל זי האַלט אין איין באַלאַנגען״, האָט מיר דער פּאַציענט דערקלערט. וואו נאָר ערגעץ אַ „ליידים אַקזילערי״ אָדער אַ „רעליף־פּאַרטי״, באַלאַנגט זי דאָרט, איז במילא שוין האָט זי אויפגעהערט „באַלאַנגען״ צו מיר!״...

האָב איך דעם באַווייבטן אַלמן געגומען טרייסטן מיט דעם, וואָס אפילו אין דער נאַטור פּאַסירן אַפּט אַזעלכע זאַכן.

„אָט, למשל, זאָג איך אים, האָב איך אין אונדזער סאַנאַטאָריע־וואַלד באַגעגנט אַ נאָדל־בוים, וואָס איז פאַרבלעטערט געוואָרן פון קאָפּ ביז די פיס דורך אַזאַ מין פּאַראַזיטישן קלעטער־פלאַנץ. ער זעט אויס, דער נאָדל־בוים, ווי אַן אמתע יענטע־טעלעבענדע.

„איז וויבאַלד אין דער נאַטור גופא, טרייסט איך אים, פּאַסירן אַזעלכע נבלות און רציחות, איז וואָס קאָן מען פאָדערן פון אַ זינדיקן מענטשן?

„בפרט נאָך פון אַ פרוי, וואָס וויל שטענדיק „באַלאַנגען״! — האָב איך שוין צוגעגעבן פון פּריילעכקייט וועגן.

איז דער יונגערמאַן געטרייסט געוואָרן פון מיינע רייד און ער איז אַוועק אַ באַרואיקטער מעסטן זיין טעמפּעראַטור.

## די סיסטעם פון „באַלאַנגען״

פון די אַלע נייע ווערטער, וואָס האָבן זיך איינגעבירגערט אין דעם אַמעריקאַנער ייִדיש איז מיר אַמבעסטן געפעלן דאָס וואָרט „סיסטעם״ (מיטן טראַפּ אויף דעם ערשטן זילב).

וואו נאָר איך גיי און שטיי (און לעצטנס — וואו נאָר איך זיץ און ליג) — הער איך דאָס וואָרט „סיסטעם״!

— ווען אייראָפּע וואָלט געלעבט מיט אַ סיסטעם, — האָט מיר געזאָגט איינער אַ פּאַציענט פֿון מיין לונגען־סאַנאַטאָריע, — וואָלטן דאָרטן ניט געווען אַזוי פֿיל מלחמות און רעוואָלוציעס!

— אַ מענטש אַן אַ סיסטעם זאָל שוין בעסער גאָר ניט געבוירן ווערן! — האָט באַלד אונטערגעכאַפּט אַ צווייטער פּאַציענט.

— ווען מען לעבט מיט אַ סיסטעם — שטאַרבט מען מיט אַ סיסטעם און מען איז אַפֿילו מנחם אָבל מיט אַ סיסטעם! — האָט זיך אַריינגעמישט אַ דריטער פּאַציענט.

— אַז מען קאָן לעבן מיט אַ סיסטעם — פֿאַרשטיי איך נאָך, אָבער ווי אַזוי קאָן מען דען שטאַרבן מיט אַ סיסטעם? — האָב איך אַ פֿרעג געטאָן דעם „סיסטעמאַטישן" טי־בי־פּאַציענט.

— ווען מען וויל שטאַרבן, ניט פֿאַר אונדז געדאַכט, מיט אַ סיסטעם — נעמט מען אַרויס באַצייטנס אַ „פּאָליסי" אין אַ פֿאַרזיכערונגס־געזעלשאַפֿט — האָט מיר דער פּאַציענט אָנגעהויבן צו דערקלערן דעם שטאַרב־סיסטעם אין אַמעריקע.

— מען קאָן זיך פֿאַרזיכערן קעגן אַ קרענק ביז צו אַ געוויסער עלטער און מען קאָן זיך אויך פֿאַרזיכערן קעגן טויט. ווען איינער, למשל, ווערט צו זעכציק יאָר ניט אַרבעטס־פֿייאיק — באַקומט ער פֿון דער פֿאַרזיכערונגס־געזעלשאַפֿט יעדע וואָך אַ טשעק, ווי ער וואָלט געווען אַן אָנגעשטעלטער פֿון דער געזעלשאַפֿט, ביזן סוף פֿון זיינע טעג, אָבער דאָס רוב מענטשן שטאַרבן אַוועק פֿון אַ האַרץ־אַטאַקע אַ סך פֿריער, נאָך איידער זיי ווערן אינוואַלידן — און דאָס איז גוט פֿאַר ביידע צדדים, ד. ה. סיי פֿאַר דעם מאַן און סיי פֿאַר דער ווייב. דער מאַן פֿאַרשפּאָרט צו קרענקען און צו מוטשען זיך, וואָס אין אַמעריקע קאָסט עס אָפּ אַ שלל מיט געלט און די אלמנה באַקומט דענסטמאָל אויסגעצאָלט די פֿולע טויט־פּרעמיע פֿאַר איר מאַן און זי קאָן זיך ווייטער לעבן גאַנץ רואיק, לויט איר אייגענעם סיסטעם.

— אָט, למשל, — האָט ווייטער דערציילט דער באַריידעוודיקער פּאַציענט, וואָס זעט אויס צו זיין אַ פֿאַרזיכערונגס־אַגענט, — איז מיין שכן פֿון דער קענדי־סטאָר פּלוצלונג געשטאָרבן, ניט פֿאַר אונדז געדאַכט, פֿון אַ האַרץ־אַטאַק. זיין אומגעריכטער טויט האָט אויפֿגערודערט, קאָן מען זאָגן, די גאַנצע גאַס און מיר זיינען אַלע געגאַנגען מנחם־אָבל זיין די אומגליקלעכע אלמנה. ווי געווינלעך, האָט יעדער מנחם־אָבל'ניק אָדער מנחם־אָבל'ניצע מיטגעבראַכט, לויט דעם אָנגענומענעם סיסטעם, אַ שאַכטל שאָקאָלאַד, אָדער אַ פּודעלע קענדי — האָט זיך פֿאַר דער שבעה־וואָך אָנגעקליבן ביי דער אלמנה, ניט פֿאַר אונדז געדאַכט, אַזוי פֿיל שאַכטעלעך און פּודעלעך, אַז זי האָט זיי ביסלעכווייז

אריבערגעטראגן אין איר קענדי־סטאָר, וואָס זי האָט באַלד נאָכן אָפּזיצן שבעה ווידער געעפנט.

— ס'איז מסתם אַ צוגעטראַכטע מעשה! — האָב איך פּרובירט איינ־שטעלן זיך פאַר דער אַלמנה.

— כ'וואָלט אין דעם אויך ניט געגלויבט, — האָט זיך דער פּאַציענט אָנ־געהויבן צו פאַרענטפערן, — אָבער מיין פרוי איז לעצטנס געגאַנגען אָפּגעבן מזל טוב אונדזערער אַ קוזינע, וואָס האָט געהאַט אַ יינגעלע, האָט זי פאַר דער קימפּעטאָרין געקויפט, ווי געוויינלעך, אַ שאַכטל שאָקאָלאַד ביי דער אַלמנה. לאָזט זיך אויס, אַז ס'איז געווען דאָס זעלבע שאַכטל וואָס זי האָט איר געהאַט געבראַכט ביים מנחם אָבל זיין זי.

— גייט שוין, גייט! ווי קאָן מען דערקענען אַ שאַכטל שאָקאָלאַד ווען אַלע יונים האָבן איין פּנים? — האָט איינער פון די פּאַציענטן אַ זאָג געטאָן מיט ביטול.

— זאָג איך אייך, אַז מיין ווייב האָט אַ סיסטעם אַזאַ ווי איבערצובינדן די בענדלעך פון די שאַכטלעך! — האָט דער באַריידעוודיקער פּאַציענט ווידער אַמאָל אָנגעהויבן, ווי צו פאַרענטפערן זיך.

— ווען מען גייט מנחם אָבל זיין, זאָגט די ווייב מיינע, דאַרף דאָס שאָ־קאָלאַד־שאַכטל זיין איבערגעבונדן מיט אַ שוואַרצן בענדל, און ווען מען גייט צו אַ קימפּעטאָרין, ניט פאַר אונדז געדאַכט, דאַרף דאָס שאַכטל זיין איבערגע־בונדן מיט אַ בלוי בענדל, אויב ס'איז אַ יינגעלע און מיט אַ ראָזעווע בענדל, אויב ס'איז אַ מיידעלע. אַזוי האָט שוין מיין ווייב דערקענט דאָס שאַכטל שאָ־קאָלאַד לויט דעם בענדל, וועלכן זי אַליין האָט געהאַט איבערגעבונדן.

— ס'איז טאַקע אַ וואונדערלעכער סיסטעם! — האָב איך אַ זאָג געטאָן מיט התפּעלות. — מען קאָן, הייסט עס, מיט איין און דעם זעלבן שאַכטל שאָ־קאָלאַד אי מנחם אָבל זיין אַן אַלמנה, אי אָפּגעבן מזל טוב אַ קימפּעטאָרין. וואונדער איבער וואונדער!

ווען די פּאַציענטן האָבן באַמערקט, אַז איך האָב שטאַרק הנאה פון דעם אַמעריקאַנער „סיסטעם" און אַז איך „גלייך" בכלל אונדזער גאָלדענע מדינה, זאָל געזונט זיין — האָבן זיי אָנגעהויבן ווייטער צו פירן אַ פּאַראַלעל צווישן אייראָפּע און אַמעריקע.

— אין דער אַלטער היים, למשל, — האָט איינער פון די פּאַציענטן זיך דערמאָנט, — פלעגט דער אַפּטייקער זיין דער גרעסטער אַריסטאָקראַט פון שטעטל. ער פלעגט רעדן נאָר רוסיש און ער פלעגט זיך חברן מיטן גלח פון שטעטל, צי מיט די אַנדערע מלוכה־טשינאָווניקעס, בעת דאָ אין אַמעריקע מוז דער אַפּטייקער אויך קאָנען מאַכן אַ פיינעם סענדוויטש און אַ געשמאַקן פיינ־

קאכן, ווייל א דראג־סטאר אן א בופעטל איז ווי אן אויטא אן רעדער — מען וועט ווייט ניט פארפארן!

— ווי קאן דאס איין מענטש מאכן אי רפואות און אי סענדוויטשעס? — האב איך מעשה „גרינהארן” א פרעג געטאן.

— ווען דער געשעפט גייט גוט — נעמט מען א פארטנער! — האט מיר א צווייטער פאציענט אויפגעקלערט אט דעם שכל פון דעם נייעם דראג־סיסטעם.

— און בכלל איז אין אמעריקע שטארק אנגענומען די סיסטעם פון פארטנעריי! — האט אן אנדער פאציענט איבערגעשלאגן.

— ווען איך האב ניט, למשל, קיין פארטנער צו מיינע ביזנעס, וואלט איך זיך דען געקאנט דערלויבן צו וואלגערן זיך חדשים־לאנג אין אט דער סאנא־טאריע? אמת, דער פארטנער האט מיך טאקע ארייננעטריבן אין דער „דער” אריין! — האט זיך דער פאציענט באלד פארכאפט, — ער איז, צווישן אונדז גערעדט, א גרויסער דריי־קאפ און ער נעמט אן געשעפטן, וואס זיינען איבער אונדזערע כוחות, אבער אן אים וואלט מיר געווען נאך ערגער! — האט דער פאציענט זיך אליין אנגעהויבן צו טרייסטן.

— א פארטנער איז געגליכן צו א ווייב. עס איז אפטמאל גאנץ שווער מיט איר אויסצוקומען, אבער אן איר איז נאך ערגער! — האט באשטעטיקט דער בארעדעוודיקער פאציענט, וואס זיין פרוי האט אויסגעפונען אזא מין סיס־טעם ווי צו פארוואנדלען מנחם־אבל מתנות אין מזל טוב פרעזענטן.

נאך דערמדאזיקן שמועס מיט מיינע שכנים־פאציענטן איז מיר געווארן קלאר, אז סוף־כל־סוף מוז איך אויך צוטראכטן עפעס אזא מין סיסטעם, לויט וועלכן איך זאל קענען מאכן א לעבן אפילו ליגנדיק אין שפיטאל.

איך האב אבער אזא מין אומגעלומפערטן בארוף, וואס קיין שום פארט־נער קאן מיך ניט פארבייטן. ווען כ׳וואלט געשריבן נאר לידער אדער דער־ציילונגען, וואלט איך שוין אין א נייטפאל געקאנט אמאל אויסבארגן א ליד, זאגן מיר, ביי היינען און א דערציילונג זאגן מיר, ביי טשעכאוון, וועלכע זיינען מיר שטענדיק נאענט צום הארצן.

האב איך זיך אבער ספעציאליזירט אין מעמוארן־שרייבעריי, ד. ה. אין אזא מין ליטעראטור, וואס האט צו טאן מיט ריין־פערזענלעכע איבערלעבונגען און דערפארונגען. קאן איך דען עמיצן דינגען, אז ער זאל פאר מיר איבערלעבן דאס אלץ, וואס איך מאך דורך, און ער זאל עס נאכדעם באשרייבן אזוי תמ׳־וואטע־אביעקטיוו, ווי דאס וואלט געווען פאסירט מיט עמיצן א צווייטן, א פרעמדן?

און וועלכער משוגענער וועט עס גיין דורכמאכן פאר מיר דאס אלץ, וואס איך האב שוין דורכגעמאכט פאר די ערשטע פינף־און־פערציק יאר פון אונד־זער משוגע־געווארענעם יאר־הונדערט?

מעגלעך, אז איך אליין וואלט שוין אויך לאנג משוגע געווארן, ווען מיר פאלט ניט איין דער גוטער געדאנק צו פארוואנדלען מיינע אייגענע איבערלע־בונגען אין ליטעראטור און ציען פון דעם חיונה. אויף דעם אמעריקאנער יידיש וואלט עס געהייסן, אז איך מאך סענדוויטשעס פון מיינע אייגענע רע־צעפטן, ווי א גוטער דראגיסט. עס איז אגב ניט קיין שלעכטער „דזשאב". עס איז א „דזשאב" אן שום מורא פאר קאנקורענץ. קיינער קאן ביי מיר ניט אויס־כאפן מיינע פערזענלעכע איבערלעבונגען אפילו ווען ער זאל דאס וועלן.

אמת, איוב האט יע געהאט אמאל פרובירט פארלויפן מיר דעם וועג, אבער ער האט זיינע פיינלעכע איבערלעבונגען גענומען צו־ערנסט און ער האט פארשאלטן דעם טאג פון זיין געבורט.

אט, למשל, לייענען מיר אין קאפיטל ג' (לויט יהואשעס איבערזעצונג), אז —

„אונטערגיין זאל דער טאג, וואס איך בין אין אים געבוירן געווארן, און די נאכט, וואס האט אנגעזאגט: א יינגל איז אנטפאנגען געווארן. יענער טאג זאל זיין חושך, ניט פרעגן זאל אויף אים גאט פון אויבן, און ניט שיינען זאל אויף אים קיין ליכטיקייט" און אזוי ווייטער.

איך האלט ניט, אז מ'דארף ארויס אין דער עפנטלעכקייט מיט אזעלכע וויסטע קללות צום טאג פון דעם אייגענעם געבורט.

דורך יאוש און פארצווייפלונג איז נאך קיינער ניט געהאלפן געווארן. דעריבער טאקע זאגן די חכמים אונדזערע, אז „איוב לא היה ולא נברא אלא משל היה", ד. ה. אז די איוב־טראגעדיע איז ניט מער ווי אזא מין משל, וואס יעדער איינער קאן צו אים צופאסן אן אייגענעם נמשל.

און עס איז גוט אזוי, וואס אונדזערע חכמים האבן אזוי געפסקנט, ווייל דער כוח פון דעם יידישן מענטשן ליגט דווקא אין זיין סבלנות און בטחון, אבער ניט, חלילה, אין יאוש און פארצווייפלונג.

דעריבער טאקע איז מיר שוין א סך בעסער געפעלן געווארן העגדיך הייַ־נעס צוגאנג צו זיינע פערזענלעכע לײַדן. ער האט ניט פארלארן זיין הומאר אפילו ביים שוועל פון טויט.

אט, למשל, לייענען מיר אין זיין נאכווארט צו זיינע „ראמאנצערא"־לידער די פאלגנדיקע דורכגעליטענע און דורכגעלייטערטע שורות:

„מיין צושטאנד" שרייבט היינע, „איז ווירקלעך א טרויעריקער. מ'האט שוין גענומען פון מיר א מאס אויף אן ארון און אויף א נעקראלאג... איך שטארב אבער אזוי לאנגווייליק פאר מיר אליין און פאר מיינע פריינט. אבער געדולד! אלץ האט דאך זיין סוף! איין איין שיינעם פרימארגן וועט איר גע־פינען מיין באלאגאן פארשלאסן. אין אט דעם באלאגאן מיינעם האט איר דאך

אזוי אפּט געקליבן נחת פון די מאַריאַנעטן־שפּילערייקעס, וואָס זיינען דיריגירט געוואָרן דורך מיין הומאָר״...

און ווייטער אַביסל ווענדט זיך שוין היינע דירעקט צו זיינע לייענער:

...„ווען איך טו אַ טראַכט, אַז אויך פון דיר, מיין טייערער לעזער, מוז איך באַלד נעמען אַפּשייד, ווער איך דערפון זייער געריהרט, ווייל איך שייד זיך מיט דיר ניט גערן. סוף־כל־סוף געוואוינט זיך צו דער מחבר צו זיינע לעזער!״ און אזוי ווייטער.

איבערלייענדיק אַט די רירנדיקע שורות, וואָס דער קראַנקער פּאָעט האָט געשריבן אויף זיין „מאַטראַצן־קבר״, האָב איך זיך דערמאָנט, ליגנדיק אויף מיין טי־בי מאַטראַץ אין דער לונגען־סאַנאַטאָריע, אַז אויך איך, כאָטש איך בין ניט היינע, האָב זיך שוין שטאַרק צוגעבונדן צו מיינע לעזער, וועלכע איך באַטראַכט שוין פון לאַנג ווי „פּאַרטנערס״ פון מיין גאַנצן לייב־און־לעבן, און וויבאַלד אזוי, פרעג איך ביי מיינע לעזער־שותּפים אַן עצה צו ווען איך זאָל „באַלאַנגען.״

אין אַמעריקע, זאָגט מען, מוז דאָך יעדער איינער „באַלאַנגען״, און וויבאַלד איך בין געקומען קיין אַמעריקע לכתחילה ניט „צו מאַכן אַ לעבן״, נאָר מיין לעבן צו פאַרענדיקן, איז די פראַגע פון „באַלאַנגשאַפט״ געוואָרן פאַר מיר באַזונדערס אַקטועל.

## ביקור־חולים בריוו

מיין ווייסער בלעכענער „שרייב־טיש״ אין סאַנאַטאָריע איז ניט גרעסער פון דעם טאַץ, אויף וועלכן מען סערווירט מיר מיינע מאָלצייטן.

אייגנטלעך איז דער דאָזיקער טיש־טאַץ, אָדער טאַץ־טיש, געווען פריער ניט מער ווי אַ פּשוטער נאַכט־טישל פאַר אַ פּאַציענט.

פאַר אַ נאַכט־טישל איז ער געווען גרויס און ברייט.

וואָס דאַרף דען אַ נאַכט־טישל אין אַ לונגען־סאַנאַטאָריע טראָגן אויף זיך? אַ טערמאָמעטער, אַ בלעכערנעם שפּייקעסטל, אַ שאַכטל פּאַפּירענע „נאָז־טיכלעך״ און אַ פלעשעלע אַלקאָהאָל (ניט צום טרינקען, פאַרשטייט זיך, נאָר צום וואַשן דעם גראַדוסניק).

האָב איך אַט אַזאַ בלעכענעם נאַכט־טישל דערהויבן צו דער מדרגה פון אַ שרייבטיש!

אַנשטאָט אַ שפּייקעסטל שטייט אויף אים אַ טינטער, אַנשטאָט אַ גראַדוס־ניק — מיין פאָונטען־פען, אַנשטאָט די פאַפּירענע נאָזטיכלעך — אַ דיקער פּאַפּיר־בלאָק, און אַנשטאָט דעם אַלקאָהאָל — מיין האַרץ.

יע, כ׳וועל אַפּטמאָל שיכור פון מיין אייגן האַרצן, ווי פון אַלקאָהאָל, און אַפּטמאָל געלינגט מיר אַפילו איבערצוגעבן די שיכרות מיינע צו די לעזער.

דאָס זע איך באַשיימפּערלעך פון דער מעננע ביקור־חולים־בריוו, וואָס שטראָמען צו מיר איצט פון אַלע עקן לאַנד און פון אַלע עקן וועלט.

דעם אמת געזאָגט, האָב איך זיך אַליין ניט געהאַט גערעכנט אויף אַזוי פיל פריינטשאַפט און גוטסקייט מצד מיינע האַרציקע לעזער, און דעריבער טאַקע מעסט איך מיין טעמפּעראַטור ניט מיטן גראַדוסניק, נאָר מיט מיין פּאָונ־טען־פען און איך זוף אַז אויפהער די שוואַרצע מילך פון מיין טינטער.

אמת, קיין געזונט קומט מיר ניט צו פון דעם „שוואַרצן מילך” אָבער ווי קאָן איך רואיק איינליגן אין מיין קראַנקן־בעט און זיך לאָזן וואָוילגיין, ווען האַרט ביי מיין בעט שטייט מיין ווייסער בלעכערנער טאָץ־טיש און מאָנט ביי מיר אַן ענטפער אויף די אַלע בריוו פון אַלע עקן וועלט.

יע, פון אַלע עקן וועלט דערטראָגן זיך צו מיין שרייבטישל דער גרויסער צער און דער נאָך גרעסערער עלנד פון דעם יידישן מענטשן, און אויב איך בין פון זיי נאָך ביז איצט ניט משוגע געוואָרן, איז עס נאָר אַ דאַנק דעם, וואָס איך באַפריי זיך טאָג־איין טאָג־אויס פון מיינע איבערלעבונגען דורך די בריוו און אַרטיקלען, וואָס איך האַלט אין איין שרייבן צו מיינע לעזער און פריינט.

אדרבה, זאָלן טאַקע די לעזער מיינע ווערן שותפים פון מיין לעבן און פאַרזוכן עפּעס פון מיין ווייסן בלעכענעם שרייב־טאָץ. איך האָב אויף אים כל־טוב! איך האָב אויף אים בריוו און מאַנוסקריפּטן פון פּאַריז און זשענעווע, פון בערלין און שאַנכאַי, פון וואַרשע און פון מינסק, פון בוענאָס־איירעס און פון וויניפּעג, פון האָליוואוד און מאָנטרעאָל, פון תּל־אָביב און יאָהאַנעסבורג, פון מעלבאָרן און די בראָנקס (איך אַליין בין אַ ברוקלינער...).

פון די אַלע בריוו און מאַנוסקריפּטן שרייט אַרויס צו מיר איין־און דער־זעלבער עלנט פון דעם יידישן מענטשן. אַן אונטערשייד צי ער געפינט זיך נאָך אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער ערגעץ־וואו אין דייטשלאַנד, צי ער לעבט אין אַ רחבותדיקער דירה ערגעץ וואו אין די בראָנקס.

קוקנדיק אויף אָט דעם באַרג ביקור־חולים־בריוו, ווערט מיר שוין קלאָר צו וועמען איך „באַלאָנג”.

איך „באַלאָנג” צו מיינע לעזער, וואָס העלפן מיך שטענדיק אַרויס סיי ביים שרייבן און סיי ביים קרענקען.

ווען איך וועל, אי״ה אַרויס בשלום פון דער לונגען־סאַנאַטאָריע, וועל איך אומבאַדינגט צונויפרופן אין אַטלאַנטיק סיטי אַ „קאָנווענשאָן” פון אַלע מיינע

געטרייע לעזערינס און לעזער, וואס האבן מיך מבקר חולה געווען דורך בריוו, און מיר וועלן דארט באשליסן ארויסצוגעבן — ניט חלילה מיינע אייגענע געזאמלטע ווערק, נאר — די געזאמלטע בריוו פון מיינע באקאנטע און אומבאקאנטע לעזער, וואס האבן געפונען פאר נויטיק ניט נאר מיך צו מינטערן און צו מונטערן אין די שווערע חדשים פון מיין לעבן, נאר אויך נאך אויסצוגיסן פאר מיר זייערע הערצער ווי פאר נאר א נאענטן פריינט.

יעדער בריוו איז, אגב, א שטיקל אויטאביאגראפיע פון א געראטעוועטן יידישן מענטשן אין אייראפע, צי אין אמעריקע. און כ׳ווייס, אז פאר דעם יידישן וויסנשאפטלעכן אינסטיטוט (איווא) וואלט אזא מין זאמלונג פון לעזער־בריוו געהאט א גאר גרויסן ווערט.

זאמל איך פארשטייט זיך דידאזיקע אלע בריוו, און נאך די הונדערט מיט צוואנציק יאר מיינע וועל איך זיי אוועקליינן, די בריוו, פאר דעם כסא הכבוד — און זאל אדרבה דער אלמעכטיקער אליין זען ווי גרויס עס איז געווארן דער עלנט פון דעם יידישן מענטשן אויף דער זינדיקער ערד!

אט, למשל, שרייבט מיר א וויכטיקער טוער פון דעם יידישן קאמיטעט אין פוילן:

„ס׳איז מיר באמת שווער צו שרייבן. פון וואס זאל איך אנהויבן? נאך אזא שרעקלעכן פאלקס־אומגליק! פון מיין ברייט־פארצווייגטער פאמיליע בין איך אייגער געבליבן. ווי אזוי זאל איך אייך איבערגעבן מיינע איבערלעבענישן, ווען קיין שפראך האט נאך ניט אויסגעקלערט אזעלכע ווערטער, וועלכע זאלן זיין בכוח צו אילוסטרירן כאטש א ברוכטייל פון דעם, וואס מיט אונדז איז געשען. קיין שום נארמאלער מענטש, וואס האט דאס אליין ניט געזען, וועט דאס קיינמאל ניט גלויבן, און איך פארשטיי אים גוט, ווייל איך אליין וואלט אויך ניט געגלויבט! און דאך איז עס געשען! דאס שרעקלעכסטע, וואס עס האט געקאנט געשען מיט א פאלק, און דאס גראד מיט אונדזער פאלק!

„קיינע שום אינקוויזיציעס און פאגראמען קאנען ניט אין קיין שום פאל אפשפיגלען דאס, וואס דאס „קולטור־טרעגערישע" פאלק האט זיך דערלויבט אין הארץ פון אייראפע אין פארלויף פון זעקס יאר, טאג־איין און טאג־אויס צו מארדעווען, ברענען, הענגען און שיסן!

...„ווי אזוי, פרעגט זיך, קאן איך שרייבן וועגן מיין פערזענלעכן אומגליק, ווען די נאענטסטע מיינע, מיין פלייש און בלוט, איז מער ניטא".

(איך ברענג ניט דעם גאנצן בריוו, ווייל איך שאנעווע די נערוון פון מיינע לעזער און, אפשר, אויך מיינע אייגענע).

ווי א פאראלעל צו אט דעם בריוו פון ווארשע וועל איך דא ברענגען אייניקע אויסצוגן פון א בריוו, וואס איך האב באקומען פון די בראנקס.

ס'איז א בריוו פון א געוועזענעם יידישן לערער, וועלכער פילט זיך ניט ווינציקער פארצווייפלט ווי מיין פריינט פון ווארשע.

אט הערט דא עטלעכע אויסצוגן:

„פינף און דרייסיק יאר האב איך אין דער שטיל געטאן מיין געזעלשאפט־לעכע ארבעט אלס יידישער לערער אין די וועלטלעכע שולן. די שול־יארן אין מיין לעבן רעכן איך פאר די בעסטע, ווייל פעדאגאגיק איז מיין בארוף, און אין דער קינדער־וועלט האב איך זיך אויסגעלעבט. פאר מיר איז גענוג געווען די אויפריכטיקע ליבע פון די קינדער צו מיר. איך בין געקומען צו דער איבער־צייגונג, אז אויב איך האב עפעס געגעבן די קינדער אלס לערער, האבן זיי מיר געגעבן פיל מער! ניט געקוקט אויף די גוטע רעזולטאטן, וואס איך האב דער־גרייכט, בין איך אבער גאר ווייניק געווען באליבט ביי די שול־טוער. זיי האבן ניט געוואוסט וואס און ווער איך בין? די לינקע האבן מיך געהאלטן פאר א רעכטן און די רעכטע — פאר א לינקן. דער סוף איז געווען, אז מען האט מיך גאנץ איידל באזייטיקט. איצט בין איך אזוי פיל פריי, אז איך ווייס ניט וואס צו טאן מיט זיך. דאס טרייבט מיך צו פארצווייפלונג. און שטעלט זיך פאר, מיין ליבער פריינט, אז א גרויסע מאס פון טרייסט געפין איך אין אייערע אר־טיקלען, וועלכע קאנען איבערראנדערשן דעם גרעסטן פעסימיסט און דעם גרעסטן מיזאנטראפ". (די ווייטערדיקע קאמפלימענטן פאר מיינע שרייבערייען וועל איך שוין מיטנעמען אויף יענער וועלט, וואו עס איז, האף איך, ניטא „קיין „רעכטס און „לינקס").

ווען איך דערהער, אגב, די ווערטער „רעכטס" אדער „לינקס", שווידערט אויף מיין גאנצער לייב־און־לעבן, ווייל דורך דער דאזיקער שווידער־לעכער „רעכטס" אדער „לינקס" סיסטעם זיינען דאך אין די טרעבלינקעס און מיידא־נעקס אומגעבראכט געווארן זעקס מיליאן יידישע נפשות!

איז צוליב וואס, פרעגט זיך, זאלן נאך די יידן אליין פארטיילן זייערע מחנות אויף „רעכטס" און „לינקס"? צי דען ווייסן מיר נאך ניט, אז דער וועג צו יושר און גערעכטיקייט ליגט ניט „רעכטס" און ניט „לינקס", נאר פונקט אין דער מיט!

ווי אן אילוסטראציע צו דעם אמת וועל איך דא ברענגען א משל פון איינעם א לעזער אזש פון אינדיאנאפאליס.

דער לעזער ענטפערט מיר אויף דער פראגע, צו וועמען איך זאל „באלאנ־גען", מיט דעם פאלגענדיקן פאלקס־משל:

„צוויי יידן האבן זיך אמאל שטארק געקריגט פאר א שטיקל ערד. איז פארבייגעגאנגען א קלוגער מאן און דיביידע יידן האבן באשלאסן, אז דער קלוגער מאן זאל אויסהערן זייערע טענות און פסקענען צו וועמען עס דארף געהערן דאס שטיקל ערד, פאר וועלכן זיי רייסן זיך. ווען דער קלוגער מאן האט

אויסגעהערטביידנס טענות, האט ער צוגעלייגט זיין אויער צום שטיקל ערד, כדי צו הערן וואס די ערד אליין זאגט. און דאס שטיקל ערד האט אזוי געזאגט: ניט איך באלאנג צו זיי, נאר זיי באלאנגען צו מיר"...

ווי אין פסוק שטייט: „אדם יסודו מעפר וסופו לעפר", און וויבאלד דער מענטש, באזונדערס נאך דער יידישער מענטש וויס דאך שוין פון דעם אלעמען, איז פארוואס זאל אין יידישע מחנה מארשירן „רעכטס" און די צווייטע יידישע מחנה — „לינקס", און די נייטראלע, די אזוי גערופענע אומפארטייאישע, זאלן מוזן צעריבן ווערן צווישן דיביידע קעגנגעזעצטע שטראמען?

אט דידאזיקע הארבע פראגע שרייט צו מיר ארויס פון מיין ווייסן בלעבענעם שרייבטישל, וואס טראגט אויף זיך, ווי אויף א טאץ, דעם גאנצן אומזין פון אלע אונדזערע קאמפן און שלאכטן פאר דער דערמארדערטער גאולה אונדזערער, סיי אין גלות און סיי אין ארץ־ישראל.

איך ווייס, אז ניט איינער פון מיינע פריינט און קאלעגן, וואס געהערן צו „רעכטס" אדער צו „לינקס" וועלן, לייענדיק די דאזיקע שורות, א טראכט טאן, אז איך בין פשוט א שוטה, אדער איך מאך זיך כלומרשט תמ'עוואטע. פארזיכער איך מיינע לעזער פון אלע לאגערן, אז היינטיקן מאל בין איך לחלוטין ניט פאראינטערעסירט צו זיין א שוטה אדער צו מאכן זיך כלומרשט תמ'עוואטע.

איך ווייס פון מיין אייגענער דערפארונג, אז גאט אליין האט געגעבן דעם מענטש' צווייי הענט און צוויי פיס, צוויי לונגען און צוויי אויערן ניט, חלילה, צוליב דעם, כדי די רעכטע האנט זאל האלטן אין איין פאטשן די לינקע, און די לינקע פוס זאל גיין פונקט קאפויר ווי די רעכטע, נאר זיי זאלן זיך איינע די אנדערע שטענדיק ארויסהעלפן.

ווען איין האנט ווערט, ניט פאר אונדז געדאכט, פאראליזירט, טוט די צווייטע האנט די ארבעט פאר די ביידע, און ווען איין לונג ווערט, ניט פאר אונדז געדאכט, שווינדזיכטיק, דאן אטעמט די צווייטע לונג פאר ביידע.

אזוי איז עס ביי איינצלנע מענטשן און אזוי איז עס אויך ביי פעלקער. באזונדערס נאך ביים יידישן פאלק, וואס גאנץ אפט ווערן געוויסע טיילן זיינע פאראליזירט אדער גאר אינגאנצן אפגעשניטן, ווי עס האט פאסירט לעצטנס מיט די זעקס מיליאן קדושים און מארטירער אין אייראפע, און דענסטמאל מוזן מיר, יידן פון אמעריקע, איבערנעמען אויף זיך די פונקציעס פון די פארניכטעטע אברים אונדזערע.

איך ווייס, אז די יידן פון אמעריקע וואלטן געווען בכוח דאס צו טאן, ווען מען וואלט זיי ניט רייסן פאר די פאלעס סיי פון „רעכטס" און סיי פון „לינקס".

בטבע איז דער ייד אין אמעריקע א גוטער און גוטמוטיקער מענטש, מער ניט, וואס ער איז שטענדיק צו „ביזי" און ער האט פשוט קיין צייט ניט צו

זיין גוט. בפרט נאך ווען מען צעטומלט אים מיט דער שרעקלעכער פושקע־קלאפעריי פון אלע זייטן.

אט, למשל, האבן מיר די פאציענטן פון דער לונגען־סאנאטאריע געגעבן לעצטנס א נייעםביישפיל. די דאזיקע פאציענטן זיינען דאך איצט דאפלט עלנט און איינזאם. ערשטנס, זיינען זיי ארויסגעריסן געווארן פון זייער משפחה־קרייז אין אמעריקע און, צווייטנס, האבן זיי דאך, ווי מיר אלע, פארלארן זייערע נאענטסטע משפחה־לייט אין דער אלטער היים. האבן זיי דאך געווגג גרונט צו זיין פארביטערט אויף דער גאנצער וועלט. האב איך זיי אבער פארגעלייענט עטלעכע בריוו פון מיינע געראטעוועטע פריינט און קאלעגן אין אייראפע, כדי זיי צו באווייזן, אז אונדז, אין דער סאנאטאריע, איז דאך גוט ווי דער וועלט (דער פאר'מלחמהדיקער, פארשטייט זיך). עס איז אונדז ווארעם און ליכטיק, מען שפייזט אונדז מיט די בעסטע מאכלים און מ'האלט אונדז אין זויבערקייט, ווי נייגעבוירענע קינדער, בעת „יענע" אין אייראפע הונגערן און פרירן און גייען ממש אוים נאך א גוט־ווארט פון עפעס אן אייגענעם מענטשן.

האבן די פאציענטן מיט גרוים נייגעריקייט אויסגעהערט די בריוו „פון יענער וועלט" און פלוצלונג האבן זיך אנגעהויבן שיטן אויף מיין טישל דא־לארן אויף צו שיקן פעקלעך פאר די געראטעוועטע פריינט און קאלעגן מיינע אין אייראפע.

אזוי ארום איז ווי פון זיך אליין געשאפן געווארן אין דער סאנאטאריע א קליינער „דזשאינט".

טראכט איך אפטמאל, קוקנדיק אויף מיין ווייסן בלעכענעם שרייבטישל מיט די צענדליקער בריוו פון אלע עקן לאנד און פון אלע עקן וועלט, אז אויב די קראנקע זיינען „ניט קראנק" צו געבן, זיינען דאך די געזונטע אוודאי „ניט קראנק צו געבן"...

## א מעשה מיט א בהמה

כ'האב היינט באקומען א פרישן גרוס פון מיין געבורטס־שטעטעלע דוקאר.

מיינע לעזער ווייסן שוין געווים, אז כ'האב צו דעם דאזיקן שטעטעלע א גרויסע שוואכקייט ניט נאר צוליב דעם אליין, וואס איך פערזענלעך בין דארטן געבוירן געווארן, נאר אויך צוליב דעם, וואס פון דעם דאזיקן שטעטעלע אין וויים־רוסלאנד זיינען אויך ארויסגעקומען אזעלכע צוויי וויכטיקע יידישע מענטשן, ווי ב. וולאדעק, ע"ה, און אים צו לאנגע יאר — ש. ניגער.

איז שוין דעריבער קיין וואונדער ניט, וואס איך בין צו דעם דאזיקן שטע־טעלע באזונדערס נייגעריק.

האבן מיינע ליבע גוטע לאנדסלייט פון דוקאר מיר געבראכט לעצטנס א בריוו, א מין ביקור חולים־בריוו, וואס איז געשריבן געווארן דירעקט פון דו־קאר שוין נאך דער באפרייאונג פון ווייס־רוסלאנד.

ביז איך געוועזן נאך מער ווי זיכער, אז כ׳וועל אין דעם דאזיקן בריוו גע־פינען א וועלכן ניט איז גרוס פון מיינע פארפייניקטע ברידער און שוועסטער אין דוקאר. בפרט נאך, ווען דעם דאזיקן בריוו האט געשריבן אן אינטעלי־גענטע פרוי און נעמלעך: די לערערקע פון דער סאוועטישער שול אין דוקאר.

אין דער דאזיקער שול האבן זיך געווים געלערנט אויך יידישע קינדער און פאר א סאוועטישער לערערקע זיינען דאך יידישע און ניט־יידישע קינדער אלע איינס.

לאזט זיך אבער אויס, אז דער דאזיקער ערשטער בריוו פון דוקאר איז א רייך־פערזענלעכער, א פריוואטער. אמת, דא און דארט ווערט דערציילט אין בריוו, אז די פאשיסטן האבן געהאלטן אין איין שיסן און הענגען. זיי האבן אפילו גאנצע דערפער אוועקגעלאזט מיטן רויך אינאיינעם מיט די מענטשן, אבער זי אליין — די לערערקע — מיט אירע עלטערן און אירע הריי קינדער, מיט אירע ברידער און שוועסטער, שוואגערס און שוועגערינס, פלימעניקעס און פלימעניצעס זיינען, דאנקען גאט, אלע־אלע געבליבן לעבן און זיינען געזונט און מונטער.

אמת, אין דער צייט פון דער דייטשישער אקופאציע האט אויך זייער הויז אפגעברענט, אבער ס׳איז זיי געלונגען אונטער דער דייטשישער אקופאציע אויפ־שטעלן א נייע הויז מיט א נייעם שטאל און ס׳איז זיי אפילו געלונגען אויסצו־באהאלטן פון די דייטשן זייער בהמה!

האט שוין ווער פון אונדז, יידישע מענטשן אין אמעריקע, באקומען פון דער אלטער היים אזעלכע פריילעכע און מונטערע גרוסן?

דאס הייסט אבער גיט, פארשטייט זיך, אז מיר דארפן זיך נישט פרייען מיט דעם, וואס די ווייס־רוסישע לערערקע פון דער דוקארער שול מיט אלע אירע משפחה־לייט זיינען בשלום אריבערגעקומען די עטלעכע יאר פון דער מערדערי־שער אקופאציע אינאיינעם מיט זייער בהמה.

מיר פארדריסט נאר, פארוואס די אינטעליגענטע קריסטלעכע פרוי האט אין איר בריוו מיט קיין איינציקן ווארט נישט דערמאנט די גרויל־סצענע, ווי מען האט אומגעבראכט אלע דוקארער יידישע מענער, פרויען און קינדער.

וואו איז געוועזן דענסטמאל די לערערקע פון דער דוקארער שול? האט זי דענסטמאל געמאלקן בגנבה איר בהמה, וואס איז געוועזן אויסבאהאלטן פון די דייטשן?

און נאָך איינע אַ פראַגע עגבערט מיין מוח. וויבאַלד ס'איז מעגלעך געווען אויסצובאַהאַלטן פון די נאַציס אַ בהמה — האָט מען דען נישט געקאָנט אויך אויסבאַהאַלטן כאָטש איין יידישן קינד פון דוקאָר?

ווען די לערערקע באַהאַלט־אויס אין איר ניי־אויסגעבויטן שטאַל כאָטש איין יידישן קינד פון דוקאָר — וואָלט זי, אפשר, אויך באַקומען דערפאַר אַ מעדאַל פון דער סאָוועט־רעגירונג, ווי דאָס האָט געהאַט באַקומען די זעכציק־יעריקע יידישע פרוי פון דוקאָר, ליפשע, וועלכע האָט זיך אַנגעשלאָסן אין די פּאַרטיזאַנער־מחנות פון ווייס־רוסלאַנד און געהאָלפן באַפרייען נישט נאָר די לערערקע מיט איר בהמה, נאָר גאַנץ ווייס־רוסלאַנד, וואָס איז שוין געווען דענסטמאָל כמעט „יודן־ריין."

בין איך שטאָלץ אויף דער זעכציק־יעריקער יידישער פרוי פון דוקאָר, וואָס איז געוואָרן די מאַמע פון אַ פּאַרטיזאַנען־מחנה אין ווייס־רוסלאַנד שוין נאָך דעם, ווי מען האָט אירע אייגענע משפחה־לייט, איר אייגענעם בלוט און פלייש עפנטלעך אומגעבראַכט אין דוקאָר.

איך בין ניט שטאָלץ אויף דער ווייס־רוסישער לערערקע פון דער דוקאָרער שול, וואָס שרייבנדיק איר ערשטן בריוו פון דוקאָר צו אירער אַ מומען קיין ניו יאָרק — האָט זי גאָר אינגאַנצן פאַרגעסן צו דערמאָנען כאָטש מיט איין וואָרט, אַז די נאַצי־רוצחים האָבן אומגעבראַכט אַלע יידן פון דוקאָר און אַז פון די פיר אָדער פינף הונדערט יידישע נפשות האָבן זיך לעצטנס אומגעקערט קיין דוקאָר נישט מער, ווי דריי יידישע משפחות, וועלכע האָבן זיך, מסתמא, באַטייליקט אין די פּאַרטיזאַנען־קאַמפן פאַר דער באַפרייאונג פון ווייס־רוסלאַנד.

איך געדענק, אַז אין די אַלטע גוטע צייטן פלעגן די יידן מיט די ווייס־רוסן לעבן שטענדיק בשלום און גאַנץ גערן אַרויסהעלפן איינע די אַנדערע.

דער פּראַוואָסלאַוונער גלח סימאַנאָווסקי פלעגט מיין מאַמען, דער אַלמנה, גאַנץ אָפט אויסלייען אַ גמילת חסד אַז פּראָצענט, און מאַטרונע די וואַסער־טרעגערקע פלעגט ריידן יידיש פּונקט אַזוי גוט ווי ווייס־ רוסיש און זי האָט געוואוסט אַלע יידישע ימים־טובים און מנהגים אַ סך בעסער, ווי, זאָגן מיר, אַ רעפאָרמירטער ראַבאַי אין דער אַמעריקאַנער פּראָווינץ.

און ווי אָפט פלעגן קריסטלעכע פרויען, וואָס זיינען געווען אין קלעם, שענקען זייערע אַליין־געמאַכטע האַנטיכער פאַר די צווייי בתי־מדרשים פון דו־קאָר, כדי די יידן זאָלן אויסבעטן ביים יידישן גאָט אַ רפואה שלמה פאַר זייערע קראַנקע קינדער אָדער מענער.

דאָס איז אָבער אַלץ געווען אין די אַלטע גוטע צייטן, ווען די יידן מיט די גויים האָבן נאָך געלעבט בשלום און פלעגן גאַנץ גערן אַרויסהעלפן איינע די אַנדערע.

יענע אַלטע גוטע צייטן זיינען שוין לאַנג פאַרביי!

די היטלער־אקופּאציע אין אייראָפּע האָט שוין אויף אַזוי ווייט פאַרסמט די מוחות און די הערצער אויך אפילו פון די אינטעליגענטע קריסטן, אַז ס'איז שוין גאָר קיין פראַגע נישט, אַז דער ווערט פון אַ בהמה איז פיל גרעסער פאַר דעם ווערט פון אַ יידישן מענטשן.

בין איך דאָ, פאַרשטייט זיך, לחלוטין נישט אויסן צו באַשולדיקן די ווייס־רוסישע לערערקע פון דוקאָר, אלימאַי זי האָט זיך אויך נישט באַמיט אויסצו־באַהאַלטן אינאיינעם מיט איר בהמה אויך נאָך אַ יידישן קינד! אַ סך גרעסערע און וויכטיקערע מענטשן פון איר האָבן זיך נישט באַמיט דאָס צו טאָן.

אמת, מיר האָבן געהערט, אַז אַ סך פראַנצויזן, בעלגיער און אפילו פּאָ־ליאַקן האָבן יע אויסבאַהאַלטן ביי זיך יידישע מענטשן און יידישע קינדער.

מיר ווייסן אָבער אויך, אַז אָט די אַלע גוטהאַרציקע קריסטן (מיט גאַנץ קליינע אויסנאַמען) האָבן זיך געלאָזט דערפאַר גאַנץ גוט באַצאָלן!

אָבער פון אָקופּירטע שקלאַפן קאָנען מיר ניט פאָדערן קיין שום מסירת־נפש און קיין שום קידוש־השם פאַר אַנדערש־גלויביקע און פאַר פרעמדע.

און ווי, פרעגט זיך, קאָנען מיר בכלל האָבן טענות צו די אומות־העולם, ווען מיר אַליין — די גרעסטעוועטע אין אַמעריקע — האָבן נאָך ביז היינט נישט ארויסגעוויזן קיין שום מסירת־נפש לטובת דער שארית־ הפליטה אונדזערער אין אייראָפּע.

יעדער יידישער מענטש, וואָס האָט זיך ארויסגעראַטעוועט פון די קאָלד־אויוונס און גאַז־קאַמערן, איז דאָך געווען זיכער, אַז די יידן פון אַמעריקע און אַרגענטינע, פון אַפריקע און אויסטראַליע וועלן זיך מיט אים צאַצקען, ווי מיט אַן אבן־טוב, ווי מיט אַ גרויסן געווינס, און מען וועט אים פאַרשיטן נישט נאָר מיט עסנזאַכן, קליידער און שיך, נאָר אויב נאָך — מיט אַ סך האַרציקער ליב־שאַפט און צערטלעכקייט, וואָס יעדער איינער פון זיי האָט עס כשר פאַרדינט. לאָזט זיך אָבער אויס, אַז מען האָט די געראַטעוועטע יידן פאַרוואַנדלט אין אָביעקטן פון פאַרשיידענע מינים פּאַרטיי־קאַמפן און קלייזל־פּאָליטיקס.

אָט דאָס אַלץ דערציילט מיר מיין ווייסער, בלעכענער שרייב־טישל פון דער לונגען־סאַנאַטאָריע און איך דערצייל דאָס איבער צו מיינע געטרייע לע־זערינס און לעזער, כדי אויך איך זאָל מיט אַ רואיקערן געוויסן קאָנען פאַרצערן די פּרעכטיקע מאָלצייטן פון דער סאַנאַטאָריע און וואַלגערן זיך נאָכדעם שעה'ן־לאַנג אויף דער ווייכער זויבערער שפּיטאָל־בעט מיט אירע הויכע זשיראַפן־פיס, וועלכע מאַכן מיך נעענטער צום הימל, ווי צו דער ערד.

און ווייל איך בין געוואָרן לעצטנס אַ סך נעענטער צום הימל, ווי צו דער ערד — בין איך שוין אויך געוואָרן אַ גאַנצער מחותן מיט דער לבנה: זי קומט צו מיר, די לבנה, כמעט יעדע נאַכט. זי שטעלט זיך אוועק אנטקעגן מיין

פענצטער און זי קוקט אויף מיר מיט אירע בהמה׳יש־תמ׳עוואטע אויגן, ווי זי וואלט געווארט — איך זאל זי אויסמעלקן!

צי איז ניט אריין אין איר דער דיבוק פון דער דוקארער בהמה, וואס האט איבערגעלעבט די נאצים?

## א לבנה־נאכט אין די בערג

זינט די מיליטער־לייט זיינען דורך דעם ראדאר־אפאראט געקומען אין קאנטאקט מיט דער לבנה — האט די לבנה פארגרעסערט איר קאנטאקט מיט מיר און זי איז מיר געווארן איינגעבאקן אין הארצן נאך מער ווי געווען.

מיינע סענטימענטן צו דער לבנה ציען זיך נאך פון די חדר־יארן אן, ווען כ׳פלעג אינאיינעם מיט די חשובסטע באלעבאטים פון מיין שטעטעלע דוקאר יעדן חודש מחדש זיין די לבנה, כאטש איך בין נאך נישט געווען קיין בר־מצוה.

ס׳פלעגט מיר בכלל געפעלן ווערן דער גאנצער ענין, וואס עלטערע חשובע יידן לאזן זיך ארויס נאך מעריב אויפן שול־הויף, פארריסן די קעפ צו דער לבנה און נישט געפינענדיק אויף איר קיין שום פנימה — הויבן זיי אן פאר פרייד אונטערצוטענצלען, ווי חדר־יינגלעך, און אריינשרייען איינע צו די אנדערע:

— שלום עליכם!

—עליכם שלום!

— שלום עליכם!

— עליכם שלום!

מען האט געקאנט מיינען, אז די דאזיקע יידן האבן זיך ניט געזעהן גע־זען איינע מיט די אנדערע ווער ווייס ווי לאנג, וויבאלד זיי האלטן אין איין אפ־געבן זיך „שלום עליכם" דריי מאל נאכאנאנד!

אין דער אמתן אבער פלעגן זיך די זעלביקע קידוש לבנה־יידן באגעגענען דריי מאל א טאג אין בית המדרש און נאך עטלעכע מאל א טאג — אויפן מארק, צי אין די קרעמלעך.

אמת, ס׳זיינען געווען אויך אזעלכע יידן, וואס פלעגן יארן־לאנג פירן צווישן זיך ברוגזן (צוליב אן אויסגעבאפטן מפטיר, צי צוליב א ניט־דערצאלטן

נדן), אבער איין מאל אין חודש פלעגט די לבנה זיי צענויפפירן אין איין גע־זעמל און אויך אפילו די ברוגזע יידן פלעגן גאנץ געשמאק ארייננזאגן איינע די אנדערע:

— שלום עליכם!

— עליכם שלום!

פאר אונדז, חדר־יינגלעך, פלעגט אזא מין קידוש־לבנה אונגט זיין איינער פון די פרייליכסטע אוונטן אין חודש. מיר פלעגן קאנען פראנק און פריי אונטערשפרינגען אויף איין פוס צו דער לבנה און פארטרייבן פון מארק די אלע כלבים, וואס אויף אונדז קוקנדיק — פלעגן זיי אויך פאררייסן זייערע מארדעס צו דער לבנה און סקאוואוטשען אויף איר, ווי די אמתע שונאי ישראל.

מיר, יינגלעך, האבן שוין דענסטמאל געוואוסט, אז די לבנה געהערט נאר צו אונדז אליין, צו די יידן, הייסט עס (א נים — וואלט זיך דאך יהושע בן נון נישט באזעצט אויף איר!), און דעריבער טאקע האלטן די כלבים פון דער גוי'אישער גאס אין איין סקאוואוטשען אויף אונדזער לבנה.

מיר האבן אויך געוואוסט, אז אשר דער מלמד, ע"ה, קאן אין א לבנה־נאכט אפשפרעכן צאן־ווייטיק און מיך פלעגט אפט פארדריסן, הלמאי איך האב נאך נישט קיין צאנ־ווייטיק און איך קאן נים זען, ווי אזוי ער טוט דאס?

אויך די מאמע מיינע, ע"ה, האט שטארק געהאלטן פון דער לבנה, כאטש פרויען דארפן זי נישט מחדש זיין.

די מאמע פלעגט יעדן ראש חודש אנבאקן פאר אירע זעקס יתומים פולע סקאווערדעס מיט בולבע־לאטקעס און כדי מיר זאלן נישט פארברענען די העלזער שלינגענדיק זיי הייסערהייט — פלעגט אונדז די מאמע געבן פולע שיס־לעך מיט קאלטן זויערמילך.

אין די גבירישע הייזער פלעגט מען דעם זויערמילך באדעקן געווייגלעך מיט א ביסל סמעטענע און ס'פלעגט הייסן „פאדסמעטענע". ווען כ'פלעג דער־ציילן וועגן דעם דער מאמען — פלעגט שוין די מאמע זיך אנשטויסן אויף מיין באהאלטענער כוונה און זי פלעגט מיך א מוסר טאן: — ווילסט נאך, אפשר, דאס טעלערל פון הימל אויך?

האב איך שוין געוואוסט, אז צו דעם ביסל סמעטענע איז פונקט אזוי ווייט, ווי צו דער לבנה, דאך אבער פלעג איך יעדן סוף־חודש טשאטעווען דעם מולד, ווייל גלייך נאכן מולד פלעגט אין די אמאליקע יארן קומען דער ראש חודש מיט פולע סקאווערדעס בולבע־לאטקעס.

אזוי ארום האט זיך די לבנה איינגעגעסן אין מיין גאנצן לייב־און־לעבן נאך פון קינדהייט אן.

שפעטער אביסל, ווען איך בין שוין געווארן כלומרשט א דערוואקסענער

און אוועק קיין ווילנע — איז מיר די לבנה ווידער אריינגעקראכן אין דיביינער אריין, כאטש אויך אין ווילנע האב איך געהאט פיל מער זויערמילך איידער סמעטענע.

דערפאר אבער פארמאגט ווילנע א גאנץ הויכן שלאסבארג פון וועלכן מען קאן די לבנה שיעור נישט מיט די הענט דערלאנגען.

פלעג איך זיך גאנץ אפט אוועקלאזן מיט א גרופע חברים און חבר׳טעס אויפן ווילנער שלאסבארג מחדש צו זיין די לבנה (אויפן שלאסבארג פלעגן אויך מיידלעך קאנען מקיים זיין די מצוה פון קידוש-לבנה).

יעדער איינער, וואס האט כאטש איין מאל געהאט מחדש געווען די לבנה אויפן ווילנער שלאסבארג — האט שוין געמוזט ווערן א פאעט.

דערפאר טאקע איז אין ווילנע אויפגעקומען מיט א יאר פערציק צוריק די אזוי-גערופענע לבנה-תקופה אין דער יידישער ליטעראטור.

דוד איינהארנס „שטילע געזאנגען", ז. סעגאלאוויטשעס „שטילע טרוימען", א. י. גראדזענסקיס „איינזאמע קלאנגען", ב. לאפינס „אומעטיקע וועגן" און לייב ניידוסעס „ליריק" האבן אלע יידישע גימנאזיסטקעס פון ווילנע פארוואנדעלט אין לונאטיקערינס און אויף זיי קוקנדיק האב איך אויך אנגעהויבן צו זוכן מיין „בלאסע בת מלכה". צווישן די סודות׳פולע חורבות פון דעם קעניגלעכן געדימין-שלאס אויף דעם ווילנער שלאסבארג.

פלעג איך אין די שלאפלאזע און לבנה-לאזע נעכט טענהן צו זיך אליין:

„ווען די לבנה ז׳ניטא — איז די נאכט אן אן אויג, איז די ערד אן א סוד, און דער טייך איינזאם טראכט, ווי ר׳וואלט בלאנדזשען פון וועג, און דער וואלד, ווי די נאכט, ציט זיך לאנג אן א ברעג". און אזוי ווייטער און ווייטער, ביז דעם „מולד" פון א נייער קידוש-לבנה-ליבע...

האט אבער מיין וואנדער-גורל מיך אנגעהויבן ארומצושלייערן, ווי א פוטבאל פון איין גוישער שטאט צו דער צווייטער. אט בין איך אין דעם „קריסטער-סאציאלן" וויען און אט — אין דער דריי-שפראכיקער שווייץ. אט בין איך אין דער פערציק מאל פערציק באגלעקערטער מאסקווע און אט בין איך אין דעם רויט-ברוינעם בערלין. אט בין איך אין דעם קאסמאפאליטישן פאריז און אט בין איך שוין אין די אינקוויזיציע-שטעט מאדריד און ליסבאן!

ווען און וואו, פרעגט זיך, האב איך געקאנט מקיים זיין די מצוה פון קידוש לבנה, ווען כ׳בין געווען שטענדיק ארומגערינגלט מיט געצנדינער, וואס האלטן מיך אין איין פארפאלגן.

ראטעווענדיק זיך אט אזוי פון איין געטשקע-פאלק צו דעם צווייטן — האב איך ערשט ריכטיק פארשטאנען די תפילה פון מיינע אלטהיימישע קידוש לבנה-יידן, וואס האבן יעדן חודש פון יאר זיך געבעטן רחמים ביי דער לבנה:

„כשם שאני רוקד כנגדך ואיני יכול ליגע בך — כך לא יוכלו כל אויבי

ליגע בי לרעה", דאָס הייסט, אַז פּונקט ווי איך קאָן דיך קיינמאָל ניט דער־גרייכן שפּרינגענדיק צו דיר — אַזוי זאָלן מיך אויך קיינמאָל ניט דערגרייכן מיינע שונאים, וואָס ווילן מיר שטענדיק שלעכטס טאָן!

פיל איך זיך אָפּטמאָל גאַנץ אומהיימלעך, וואָס די דאָזיקע תּפילה איז טאַקע מקוים געוואָרן, אָבער נאָר לגבי מיר אַליין. אַלע אַנדערע לבנה־יידן פון דער אַלטער היים זיינען דורך די געצנדינערישע רוצחים דערגרייכט און פאַר־טיליקט געוואָרן.

אָבער נאָך אומהיימלעכער פיל איך זיך אָפּטמאָל אין דער לונגען־סאַנאַ־טאָריע, וואָס האָט זיך אויסגעלייגט אויף דעם העכסטן בערגל פון די קעטסקיל־בערג, וואו די לבנה בעט זיך ביי מיר רחמים — כ'זאָל זי אריינגעמען אינע־וויניק, ווי אויך זי וואָלט געוואָרן, חלילה, שווינדזיכטיק!

ווי עס זעט אויס האָט דער ראַדאַר אַנגערירט אירע לונגען.

זעט זי טאַקע אויס נאָך פיל בלאַסער, ווי געווען, אָבער נאָך אַ סך נעענטער צו מיר, ווי זי איז געווען אויפן ווילנער שלאָסבאַרג.

איך האָב ממש אַ פולן צימער מיט לבנה און איך קאָן זי מחדש זיין אַלע פיר וואָכן פון חודש.

אַפילו אין די סוף־חודשדיקע נעכט קומט זי צו מיר, די לבנה, האַלב זייטיק אַ האַלבע שעה פאַרטאָג און זי בעט זיך ביי מיר רחמים — כ'זאָל זי ראַטעווען פון די מיליטערישע ראַדאַר־עקספּערימענטן.

ביז איך געוואָרן אויף אַזוי ווייט דורכגעדרונגען מיט דעם גרויסן לבנה־צער און לבנה־עלנט, אַז כ'האָב לעצטנס שיעור נישט באַקומען אין דער סאַ־נאַטאָריע אַ לבנה־שלאַק (קיין זון־שלאַק קאָנען מיר דאָ ניט באַקומען, ווייל מען האַלט אונדז שטענדיק אין שאָטן).

כ'האָב נעמלעך באַמערקט, אַז ווען כ'לעש אויס די לאָמפּן און דעק זיך איבער מיט מיינע וואַלענע קאָלדרעס — הויב איך אָן ארויסצוגעבן פון זיך געוויסע לבנה־אויסשטראַלונגען, אַפילו ווען די לבנה איז ניטאָ מיט מיר. ס'איז גענוג, אַז איך זאָל אַ פיר טאָן מיט דער האַנט, צי מיט דער פוס איבערן לייַלעך, צי איבער די קישענס — ווערט תּיכּף ליכטיק. יעדע באַוועגונג מיינע צווישן די קאָלדרעס און ליילעכער גיט ארויס אַזאַ מין געהיימניספולן ליכט, פון וועלכן ס'ווערט זייער אומהיימלעך.

די ערשטע נאַכט, ווען דאָס האָט מיט מיר געהאַט פּאַסירט — האָב איך זיך שטאַרק איבערגעשראָקן. כ'בין געווען זיכער, אַז מיין אייזערנע בעט איז עלעקטראָפיצירט געוואָרן און כ'קען אויף איר אומקומען, ווי אויף אַן „עלעקטריק טשער". כ'וואָלט זיכער ארויסגערופן די נאַכט־שוועסטער — זי זאָל מיך ראַטעווען פון טויט, אָבער די נאַכט־שוועסטער איז אַ געבוירענע אין לאַנ־

דאַן און זי רעדט אַן ענגלישן ענגליש, וואָס אַזאַ מין ענגליש וועל איך שוין אין אַמעריקע קיינמאָל נישט ריידן.

צווישן אונדז גערעדט — בין איך אויך נאָך מיט דעם אַמעריקאַנער ענג־ליש נישט קיין צו־גרויסער מחותן. די איינציקע ענגלישע ווערטער, וואָס איך וואָלט יע געקאָנט זאָגן דער נאַכט־שוועסטער, ווען זי קומט צו מיר אַריין אויף מיין אַלאַרעם־גלעקל — וואָלטן געווען די פאָלגענדיקע:

— „נאָ לייט", ד. ה. בלייב מיט מיר אין דער פינסטער און —

— „סי היר" — ד. ה. גיב נאָר אַ קוק, וואָס אונטער מיינע קאָלדרעס טוט זיך!

אַזוי ווי מיין בתולה־שוועסטער איז מיט אַ יאָר זעכציק עלטער פון יענע ווילנער גימנאַזיסטקעס מיט וועמען כ'פלעג אַזוי אָפט מחדש זיין די לבנה אויפן שלאָסבאַרג — וואָלט דאָך זי אַ בתולה־זקנה זיכער געמיינט, אַז איך בין פּראָסט־פּשוט משוגע געוואָרן!

האָב איך פּעסט באַשלאָסן בעסער אומצוקומען פון אַ לבנה־שלאָק אין מיין לבנה'פיצירטער בעט, איידער איבערצושרעקן אין מיטן נאַכט די שטילע גוטמוטיקע נאַכט־שוועסטער, וואָס איז צו מיר, ווירקלעך, באַרעמהאַרציק און געטריי, ווי אַן עלטער־באָבע.

האָב איך איינגענומען נאָך אַ פּאָר שלאָף־פּילן און מיין לבנהפיצירטע זשיראַפן־בעט האָט זיך באַלד אָפּגעטראָגן מיט מיר אינאיינעם דירעקט צו דער לבנה.

# איך פלי צו דער לבנה

ווען מען נעמט איין אין אַ שלאָפלאָזער דיבוק־לבנה־נאַכט אַ טאָפּלטע פּאָרציע שלאָף־פּילן — דערפילט מען זיך באַלד, ווי אונטער אַ שלאָף־טרונק אויף אַן אָפּעראַציע־טיש.

מען דאַרף נאָר ציילן איינס, צוויי, דריי און ווייטער אַזוי לאַנג, ווי עס לאָזט זיך. מען קאָן אויך זאָגן „גד, גדוד יגדנו", ווי עס שטייט אין סידור ביים קריאת־שמע לייענען, און איידער מען ווערט פאַרטיק מיט דער שווערער עברי — הייבט מען זיך פלוצלונג אויף אינאיינעם מיט דעם בעט, אויף וועלכן מען ליגט און מען פליט אַוועק דירעקט צו דער לבנה.

אַזוי ווי מיין שפּיטאָל־בעט פאַרמאָגט הויכע פיס, ווי אַ זשיראַף און איז אויך וויים, ווי אַ זשיראַף — האָב איך געהאַט דעם געפיל, אַז איך פלי, רייטנ־

דיק אויף דעם זשיראף פון דעם בראנסקער „זו" דירעקט צו דער ראדאריזירטער לבנה, וועלכע איך מוז וואס גיכער באפרייען פון די מיליטערישע אקופאנטן.

ס'האט נאר אויסגעזען אביסל קאמיש, וואס הינטער מיר זיינען נאכגע־פלויגן אלע מיינע שפיטאל־מכשירים: דאס בלעכענע שפייקעסטל, דער טער־מאמעטער, דאס פלעשעלע אלקאהאל (ניט צום טרינקען, פארשטייט זיך, נאר צום וואשן דעם גראדוסניק), ווי אויך אפילו — איר זאלט מיר מוחל זיין — דאס נאכט־טעפל.

אסור אויב איך וויים, צי וואס איך דארף האבן די אלע שפיטאל־זאכן אויף דער לבנה? אבער אויף א חלום — פרעגט מען דאך נישט קיין קשיות.

האב איך אנגעהויבן איינצוחזרן אויף אויסווייניק די וויכטיקסטע פסוקים פון די קידוש־לבנה תפילות, מיט וועלכע איך האב געהאט בדעה זי מקדש צו זיין כדת משה וישראל.

פלוצלינג אבער האט מיין זשיראפן־בעט זיך געגעבן א שטעל אוועק צו־פוסנס פון איינעם א לבנה־קראטער, אבער, דאנקען גאט — אן אויסגעלאשענעם.

דער לבנה־קראטער האט אויסגעזען הויך און שמאל, ווי א קרעמאטאריום־קוימען. האט זיך פון אט דעם לבנה־קוימען ארויסגערוקט א שלאנקע ווייסע געשטאלט, ווי א קראנקן־שוועסטער, אבער א יינגערע ווי די נאכט־שוועסטער פון מיין לונגען־סאנאטאריע.

האט די לבנה־שוועסטער אנגעהויבן מאכן הקפות ארום מיין בעט, ווי א כלה ארום איר חתן, אבער אן אונטערפירערס.

בין איך געווארן נייגעריק צו וויסן ווער איז דאס די דאזיקע ווייסע פרוי, וואס האט דעם אויסזען פון א יונגער אלמנה, וועלכע דרייט זיך שוין צום צווייטן מאל אונטער דער חופה. האב איך זי גאנץ דעליקאט א פרעג געטאן:

— אנטשולדיקט, מאדאם, מעג איך וויסן ווער איר זענט?

— איך בין די לבנה־מלכה! — האט מיר די פרוי גאנץ באשיידן געענט־פערט.

— אויב אזוי, איז „סימן טוב ומזל טוב", — האב איך תיכף ומיד אנגע־הויבן צו דעקלאמירן די איינגעחזרטע פסוקים פון די קידוש־לבנה־תפילות, אונטערשפרינגענדיק דריי מאל אויף די ספרונזשינעס פון מיין שפיטאל־מאטראץ, ווי אין סידור שטייט.

— שפרינג ניט אזוי! דו קאנסט נאך, חלילה, ארויספאלן פון בעט! — האט מיך די לבנה־מלכה אנגעהויבן צו בארואיקן, ווי זי וואלט ווירקלעך גע־ווען מיין נאכט־שוועסטער.

— ביים מקדש זיין די לבנה מוז מען אונטערשפרינגען! אזוי שטייט בפירוש אין אונדזער סידור! — האב איך זיך אנגעהויבן פארענטפערן.

— דארפסטו מיך ניט מקדש זיין א צווייטן מאל! דו האסט דאך מיך

שוין איינמאל מקדש געווען! — האט די לבנה צו מיר א זאג געטאן מיט ארונ־טערגעלאזענע אויגן.

— געדענקסט נאך אונדזער ערשטע באגעגעניש? — בין איך געווארן זייער צופרידן, וואס די לבנה האט אזא גוטן זכרון.

— איך געדענק נאך גאנץ גוט ווי כ'האב אויף דעם ווילנער שלאסבארג זיך געהאט איינמאל איינגעביסן אין דיינע זאפטיקע ליפן, כדי צו באקומען פון דיר אביסל מענטשן־בלוט, אז איך זאל מער ניט אויסזען אזוי בלאס און קאלט.

— האט עס דיר געהאלפן? — בין איך געווארן נייגעריק צו וויסן.

— זעסט דאך, אז ניט! — האט די לבנה ברוגזדיק מיר געענטפערט.

— ווייסט פארוואס? — האב איך זי א פרעג געטאן.

— אדרבה, זאג מיר, פארוואס?

— ווייל מיין בלוט איז דאן געווען זייער וואסערדיק! צוליב דעם טאקע האבן מיר די ערד־דאקטוירים געמאכט לעצטנס א בלוט־טראנספוזיע, און איצט קאנסטו שוין פון מיר נעמען בלוט וויפיל דו ווילסט!

— ווילסטו מיר, הייסט עס, שיינקען פרעמד בלוט?

— זעסט דאך, אז מיט פרעמדן בלוט „מאכט מען א לעבן" אויף דער ערד א סך בעסער ווי מיט דעם אייגענעם בלוט! — האב איך גענומען צוריידן די לבנה, אז זי זאל זיך ווידעראמאל איינבייסן אין מיינע ליפן און אויסזווינגן פון מיר אביסל בלוט.

— וואו ביזטו געווען די גאנצע פינף און דרייסיק יאר? — האט מיך שוין די לבנה פלוצלינג א פרעג געטאן פול מיט חשד און איפעריזוכט אז זי זאל זיך ווידעראמאל איינבייסן אין מיינע ליפן און אויסזויגן.

— איך וועל דיר זאגן דעם אמת, אז די לעצטע עטלעכע צענדליק יאר בין איך געווען אונטן צו פיל פארנומען מיט מלחמות, רעוואלוציעס, פאגראמען, שייטער־הויפנס און באנקעטן! איך האב פשוט קיין צייט ניט געהאט דיך צו באזוכן.

איצטער אבער, — האב איך אנגעהויבן די לבנה צו בארואיקן, — האבן מיר שוין אויף דער ערד דעם ראדאר און די אטאם־באמבע. פון היינט־אן און ווייטער וועלן שוין ניט זיין מער קיין מלחמות און קיין רעוואלוציעס! די יידישע דיכטער וועלן ווידער אמאל קאנען רואיק זינגען זייערע ליבע־און לבנה־לידער און די ניי־אויפגעקומענע „אינטעגראלע" יידן וועלן אנהויבן אויף דאס ניי יעדן חודש דיך מחדש צו זיין!

— אויך די מיליטער־לייט האבן לעצטנס פרובירט מיך „מחדש" צו זיין אויף זייער אייגענעם אופן. — האט מיך די לבנה־מלכה פלוצלונג איבערגע־שלאגן.

— יע, טייערע, כ'האָב געהערט, אַז די מיליטער־לייט האָבן לעצטנס פּרובירט צו קומען מיט דיר אין „קאָנטאַקט".

— ווייסטו, וואָס איך האָב זיי תיכף געענטפערט?

— דאָס, וואָס דו האָסט זיי געענטפערט קאָנען מיר אויף דער ערד נישט וויסן, ווייל ס'איז אַ מיליטערישער סעקרעט!

— וועל איך דיר פאַרטרויען דעם סוד, אַז איך האָב זיי תיכף געענטפערט „לאָ מיט אַן אלף".

— וואָס הייסט עס?

— דאָס הייסט, אַז מיט די מיליטערלייט וויל איך לחלוטין נישט האָבן צו טאָן! איך בין זיי מוחל זייער „קאָנטאַקט", איך בין ניט קיין „ווענוס" (די געטין פון זנות).

— איך אָבער בין ניט קיין מיליטער־מענטש! — איז וואָס שטייסטו פון דער ווייטנס? קום צו נעענטער צו מיין בעט! — האָב איך זיך אָנגעהויבן בעטן ביי דער לבנה־מלכה, וואָס האָט באַקומען דעם אויסזען פון אַ באַליידיקטער עגונה.

— כ'וועל דיר זאָגן דעם אמת, אַז כ'וואָלט צו דיר צוגעקומען נעענטער, אָבער די מאַכערייקעס, וואָס דו האָסט אויף דיין נאַכט־טישל שטערן מיר! — האָט זיך די לבנה־מלכה מודה געווען, אָנווייזנדיק אויף מיינע שפּיטאָל מכשירים, וואָס זיינען מיר נאָכגעפלויגן אינאיינעם מיט מיין נאַכט־טישל.

— אַ, טייערע, דו מיינסט אוודאי, אַז דאָס זיינען, חלילה, ראַדאַר־אַפּאַראַטן און דערפאַר שרעקסטו זיך פאַר זיי! שרעק זיך נישט, הארץ מיינס, דאָס זיינען דאָך נישט מער, ווי אַ בלעכן שפּיי קעסטל, — אַ גראַדוסניק און אַ פלעשעלע אַלקאָהאָל. דאָס מוז יעדער פּאַציענט האָבן שטענדיק לעבן זיך! (נאָר גוט, וואָס די נאַכט־כלי האָט זיך באַצייטנס געהאַט פאַרשטעקט אין דעם נאַכט־טישל און די לבנה־מלכה האָט עס ניט באַמערקט).

— וואָס איז דאָס אַזוינס אַ פּאַציענט? — האָט מיך די לבנה אַ פרעג געטאָן.

— אַ פּאַציענט איז כמעט דאָס זעלבע, וואָס אַ פּאָעט! זיי ביידע שוועבן שטענדיק צווישן הימל און ערד... האָב איך דער לבנה געענטפערט.

— וואָס פעלט דיר דען? — האָט מיך די לבנה־מלכה אַ פרעג געטאָן מיט גרויס מיטגעפיל, קוקנדיק אויף מיינע שפּיטאָל־מכשירים.

— מיר פעלט ליבע! — האָב איך איר תיכף געענטפערט.

— ווינציק ליבע אויף דער ערד! — האָט זיך די לבנה אָנגעהויבן צו חידושן, — איך זע דאָך יעדע נאַכט אַזויפיל פאַרליבטע פאַרלעך!

— דאָס איז נישט קיין ליבע, לבנה סערצע, דאָס איז נאָר „מאַנקי־ביזנעס", ווי מען זאָגט אין אַמעריקע...

דענסטמאָל ערשט איז די לבנה־מלכה צוגעפאַלן צו מיין בעט און זי האָט זיך ווידער אַמאָל איינגעביסן אין מיינע ליפּן, ווי מיט פינף־און־דרייסיק יאָר צוריק און... כ׳וועל שוין, מסתמא, מוזן מאַכן זיך אַ נייע בלוט־טראַנספוזיע...

פון דער צו־שטאַרקער איבערלעבונג האָב איך זיך, פאַרשטייט זיך, אויפגעכאַפּט פון שלאָף. כ׳בין געווען נאַס פון שווייס. כ׳האָב, זעט אויס, שטאַרק געפיבערט, אָבער איך בין געווען גליקלעך צו דערזען פון מיינע פענצטער די גוט־באַקאַנטע קעטסקיל־בערג מיט זייערע שיטערע טי־בי־ביימער און דעם הויכן, רויטן קרעמאַטאַריום־קוימען פון דער שפּיטאָל־וועשעריי און אַלע מיינע שפּיטאָל־מכשירים, וואָס האָבן זיך מיט מיר אינאיינעם אומגעקערט פון דער לבנה.

אָבער אויך די מעטאַלענע שפּיטאָל־מכשירים זיינען פּונקט ווי איך פאַרדיבוקט געוואָרן פון דער לבנה־מלכה.

זיי זיינען, זעט אויס, געוואָרן דאָרטן עלעקטראָפיצירט אָדער ראַדאַרי־זירט, ווייל ווי נאָר איך ריר זיך צו צו דעם אייזערנעם געשטעל פון מיין בעט, צי צו דעם בלעכענעם שפּייקעסטל, צי אַפילו צו מיין גאָלדענעם זייגער — גיט פון זיי אַ פּלאַץ אַרויס אַ פונק און כ׳באַקום אַן עלעקטרישן „שאָק“.

אמת, דער שפּיטאָל־דאָקטאָר, וואָס קאָן שוין אַלע מיינע משוגעת׳לעך, זאָגט מיר, אַז די עלעקטרישע „שאָקס“ קאָנען מיר ניט פאַרשאַטן. אַדרבא, זיי גלייכן אויס די נערוון...

וויבאַלד אַזוי — קום איך שוין איצטער אָפטער אין קאָנטאַקט מיט מיינע פאַר׳לבנה׳טע שפּיטאָל־מכשירים און באַזונדערס — מיט מיין גאָלדענעם זייגער, וואָס ווי נאָר איך באַריר אים — גיט ער מיר אַ שפּריץ מיט אַ פונק, ווי ס׳וואָלט אין אים עקספּלאָדירט, חלילה, אַ סעקונדע (האָט איר שוין געהערט אַמאָל, ווי עס עקספּלאָדירן סעקונדן? איך גלויב, אַז נאָר מיין פריינט און קאָלעגע ה. לייוויק, וואָס האָט דורכגעמאַכט נישט איין ווינטערדיקע לבנה־נאַכט אין דערזעלבער סאַנאַטאָריע — ווייס געוויס, ווי אַזוי עס עקספּלאָדירן סעקונדעס און אַפילו מעת־לעתן גאַנצע!)

בין איך צופרידן, וואָס מיין פּאָונטן־פּען איז, דאַנקען גאָט, ניט קיין מעטאַלענע — אַ ניט וואָלטן דאָך אויך די לעזער מיינע, געקאָנט, חלילה, באַקומען נערוון־„שאָקס“ פון מיינע אָפטמאָל גאַנץ־פאַנטאַסטישע איבערלעבונגען.

## אַן אַכסניה צו יענער וועלט

איך האָב אויסגעלייענט ערגעצוואו אין די ביכער (מסתמא אין די אייגענע), אַז די טראַגעדיע פון טויט באַשטייט, דער עיקר, אין דעם, וואָס די אַנדערע בלייבן לעבן!

אַ קראַנקער מענטש קאָן זיך קיינמאָל ניט איינלעבן מיטן געדאַנק, אַז נאָך זיין טויט וועלן אַפילו די נאָענטסטע פריינט זיינע ווייטער שפּילן פּינאָקעל און עסן געפילטע פיש מיט כריין.

(ביי קראַנקע זיינען די געפילן פון קנאה און אויפגערעגטקייט אַ סך מער פאַר־שפּיצט ווי ביי די געזונטע.)

דעריבער טאַקע איז אַ סך לייכטער, ניט פאַר אונדז געדאַכט, צו שטאַרבן אין אַ שפּיטאָל, וואו ס'איז ניטאָ וועמען מקנא צו זיין. די שכנים פון די אַנ־דערע בעטן און צימערן זיינען דאָך אויך פאַראורטיילט צו דאָס נעמלעכע.

נאָך גרינגער (און אַפילו פּריוולעכער) איז צו שטאַרבן בציבור אויף די פראָנטן, צי אויף די באַריקאַדן, וואו מען קומט אום ווי אַ העלד. (דערפאַר טאַקע איז שטענדיק גאַנץ לייכט צו באַקומען גענוג מענטשן אויף צו פירן מלחמות, אָדער אויף צו מאַכן רעוואָלוציעס.)

אין אַ קאָלעקטיוון טויט איז שטענדיק פאַראַן אַ סך מער דערהויבונג, באַ־גייסטערונג און באַרעכטיקונג ווי אין דעם טויט פון אַ יחיד, וואָס איז שטענ־דיק אַרומגערינגלט מיט צופיל לעבעדיקע מענטשן, וועלכע טראַכטן גאַרניט, אַז אויך זיי קאָנען אַמאָל שטאַרבן!

נאָר אַן עכט־רעליגיעזער מענטש, וואָס גלויבט באמונה שלמה, אַז אויף יענער וועלט וואַרטן שוין אויף אים פולע פּאַלומעסקעס מיט שור הבר און לויתן און פולע פלעשער מיט יין המשומר נעמט אויף דעם טויט ווי אַן אומפאַרמייד־לעכן איבערגאַנג פון אַן ערגערער וועלט צו אַ בעסערער.

ס'איז דעריבער ניט קיין צופאַל, וואָס אַפילו אַפּיקורסים, ווען זיי ווערן אויף די עלטערע יאָרן קראַנק — הויבט זיי אָן צו עגבערן אַ „זינדיקער" גע־דאַנק וועגן עפּעס אַ יענערוועלט, וועגן עפּעס אַ המשך פון זייער לעבן אין די העכערע ספערן.

ס'איז ווירקלעך ניט אנגענעם צו קומען אויף יענער וועלט מיט ליידיקע הענט! אַ מענטש אַן מצוות און אַן מעשים טובים זאָל שוין בעסער גאָר ניט שטאַרבן, ווייל ער וועט האָבן „דאָרטן" די ריכטיקע אַפּקומעניש.

פאַסירט טאַקע גאַנץ אָפט, אַז אַפילו אַן אַפּיקורוס, ווען ער ווערט שווער קראַנק, הויבט ער אָן אין די לעצטע טעג זיינע זיך איבערצובעטן מיט ביידע וועלטן: מיט דער וועלט און מיט יענער וועלט. פאַר דער וועלט לאָזט ער איבער אַ צוואה מיט נדבות אויך אַפילו פאַר רעליגיעזע אַנשטאַלטן, כדי חברה קדישא זאָל אים ניט באַריידן, און פאַר יענער וועלט האָט ער דאָך שוין דעם פאַר־טיקן פּסוק: „אַז מען לעבט מיט חשבון — שטאַרבט מען מיט וידוי"...

ער האָט, הייסט עס, געשפּאָרט און געקאַרגט, כדי צו קאָנען באַוואָרענען זיינע יורשים מיט חיונה און איבערלאָזן עפּעס אויך נאָך פאַר „עולמות" (פאַר צדקה, הייסט עס).

דער פריער־געוועזענער אפּיקורוס לאָזט זיך אַפילו מאַכן אַ רעליגיעזע לויה, כאָטש דאָס איז געווען אַמאָל קעגן זיינע פּרינציפּן, און עס הויבט אים שוין אָן אַפילו צו פאַרדריסן הלמאַי ער האָט זיינע קינדער ניט אויסגעלערנט באַציַיטנס צו זאָגן קדיש און צו פּראַוועון נאָך אים יאָרצייטן.

אמת, די אַמעריקאַניזירטע יידישע קינדער ווייסן סיי־ווי, אַז וויבאַלד דער טאַטע האָט איבערגעלאָזט אַ לייטישע ירושה, דאַרף מען נאָך אים פּראַוועון יאָרצייטן און זאָגן קדיש. זיי ווייסן שוין אויך, — די אַמעריקאַניזירטע יידישע קינדער, — אַז מען קאָן דינגען אין דער „קאָנגרעגיישאָן" אַ קדיש־זאָגער אויף אַ גאַנצן יאָר, און דער טאַטע, ע"ה, וועט שוין זיין באַזאָרגט מיט עולם־הבא אויף עולם ועד.

דערציילט מען טאַקע, אַז איינער אַזאַ יתום־זון האָט באַלד נאָך דער לויה פון זיין „גאָטזעליקן פאָטער" געפרעגט דעם ראַבי פון דער „קאָנגרעגיישאָן", צי דאַרף ער אויך מנחם אבל זיין דעם געדונגענעם קדיש־זאָגער.

אין דער דאָזיקער הינזיכט קאָנען די פאַרשטאָרבענע „גרינע" עלטערן ווירקלעך ניט האָבן קיינע שום טענות צו זייערע אַמעריקאַניזירטע זין און טעכטער. זיי היטן אָפּ די יאָרצייטן, זיי שטעלן פיינע מצבות, און אַפילו די נייגעבוירענע קינדער זייערע רופן זיי אָן מיט די נעמען פון די פאַרשטאָרבענע טאַטעס און מאַמעס.

אמת, דער מלאך הדומה, וואָס קומט צו יעדן מת פרעגן אים זיין פּסוק, וועט זיך מוזן גוט ברעכן דעם קאָפּ ביז ער וועט טרעפן, אַז „אייב" איז אַ נאָמען נאָך דעם אַמאָל געוועזענעם אברהם אבינו, „סעם" נאָך שמואל הנביא, און „סאָל" — נאָך שלמה המלך.

מען קאָן דאָך אָבער ניט לאָזן אַרומלויפן יידישע קינדער אין די אַמעריקאַנער סקולס מיט די אַלט־פרענקישע נעמען פון דער „בייבל"! וואָס וועלן די איירישע זאָגן?

אויף די קינדער קוקנדיק, האָבן אויך שוין די „גרינע" עלטערן אָנגעהויבן צו פאַרקירצן, אָדער גאָר איינגאַנצן צו ענדערן זייערע נעמען און פאַמיליעס, ווייל ווי זאָגט אַן אַמעריקאַנער ווערטל:

— רוף מיך ווי דו ווילסט, נאָר רוף מיך ניט צו־שפּעט צום פרישטיק!

ווי עס זעט אויס, האַלטן שוין אויך די יידן פון אַמעריקע אַ סך מער פון דעם פרישטיק ווי פון זייערע ירושה־נעמען!

דאָך אָבער איז מיר געוואָרן אַביסל פריקרע, ווען איינער פון די סאַנאַטאָריע־פּאַציענטן האָט מיך איינמאָל באַגריסט צום פרישטיק לויט דעם אַמעריקאַנער נוסח:

— העלאָו, דען!

— פאַרוואָס עפּעס „דען"? — האָב איך דעם פּאַציענט אַ פרעג געטאָן.

— ווייל „דעניעל" איז פאר אמעריקע צו־לאנג!

— ערשטנס, הייס איך ניט „דעניעל", נאר דניאל, און צווייטנס, בין איך נאך ניט קיין סיטיזען — האב איך זיך אנגעהויבן צו דינגען מיט דעם אמע־ריקאניזירטן פאציענט.

— עט, נארישקייט, — האט זיך דער פאציענט איינגעשפארט. — אט איז מיין אמתער נאמען משה־דוד און איך הייס גאר סעם!

— ווי ווערט דאס פון א משה־דוד א סעם? — בין איך געווארן נייגעריק צו וויסן.

— מיין אנקל, פארשטייט איר מיך, האט אין זיין געשעפט געהאט א לויף־יינגל מיטן נאמען סעם. ווען איך בין געווען אנגעקומען קיין אמעריקע האט מיך דער אנקל אריינגענומען אין זיין געשעפט אנשטאט דעם פרעמדן יינגל, וואס ער האט אפגעזאגט, האט דער אנקל באשלאסן, אז ער וועט שוין אויך מיך רופן סעם, ווייל צו דעם דאזיקן נאמען איז ער מיט זיינע „קאסטי־מערס" שוין געוואוינט געווארן! בין איך שוין פארבליבן א „סעם" אויף אייביקע יארן!

— בענקט איר גארניט אמאל נאך אייער אמתן נאמען, נאך משה־דודן?

— האב איך פרובירט ארויסרופן ביים פאציענט א וועלכן ניט איז סענטימענט צו יענעם אלט־היימישן נאמען, וואס האט אים געקאסט אביסל בלוט ביים ברית.

— פארוואס זאל איך בענקען נאך מיין אלטן נאמען, וויבאלד איך קאן אים אין אמעריקע סיי־ווי ניט געברויכן! און וואס איז שלעכט סעם? סעם איז אלרייט. אלע רופן מיך סעם! — האט דער פאציענט זיך א בארים־געטאן מיט א זאטער צופרידנקייט.

— ס'איז דער ריכטיקער „אנקל סעם". עס פעלט אים נאר דער צילינדער מיטן בערדל! — האט אן אנדער פאציענט אים א קיבעץ געטאן.

— לאכט ניט פון דעם „אנקל סעם"! ווען ניט אמעריקע וואלט שוין איי־ראפע לאנג געלעגן ניין איילן אין דער ערד! — האט דער אמעריקאניזירטער פאציענט אנגעהויבן איינצושטעלן זיך פאר דעם „אנקל סעם", וואס אויך ער טראגט זיין נאמען לויטן קאפריז פון זיין אנקל.

האב איך באלד דערזען, אז דא קאן זיך פארקאכן א הייסע פאליטישע דיסקוסיע, וואס אין א סאנאטאריע איז זי ניט געוואונטשן, און איך האב ווי־דעראמאל פרובירט צו געפינען א וועלכע ניט איז שייכות צווישן דעם אמעריקא־ניזירטן סעמען מיט דעם אלט־היימישן משה־דודן, און איך האב סעמען א פרעג געטאן:

— אנטשולדיקט, פריינט סעם, ווי רופט מען אייך אויף צו דער תורה. ווען איר קומט אמאל אין שול צו א יארצייט, רופט מען אייך אויף „יעמוד ר' סעם ב"ר פלוני ופלוני", אדער „יעמוד ר' משה דוד ב"ר אזוי און אזוי"?

— איך וועל אייך זאָגן דעם אמת, אַז איך האָב קיינמאָל ניט קיין יאָרצייטן! — האָט מיר סעם געענטפערט מיט אַן אומעטיק־געוואָרענער שטימע.

— אייערע עלטערן, הייסט עס, לעבן נאָך ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר! — האָב איך זיך תיכף פאַרכאַפּט.

— מיינע עלטערן האָבן די פּעטלוראָוועצעס נאָך אין 1919 דערטרונקען אין דניעפּער און איך ווייס ניט אפילו וואו זייער געביין איז אהינגעקומען!

און מיינע צוויי ברידער מיט אַ שוועסטער האָבן ערשט לעצטנס די נאַציס אומגעבראַכט אין דער זעלבער אוקראַינע! — האָט סעם תיכף צוגעגעבן, ווי ער וואָלט וועלן וואָס גיכער פאַרגעסן זיין אַלטע היים, וואו מען האָלט אין איין מאָרדעווען יידן. — איצטער פאַרשטייט איר שוין פאַרוואָס איך האָב ניט קיין יאָרצייטן?!

יע, מיר אַלע ביים פרישטיק־טיש האָבן שוין פאַרשטאַנען פאַרוואָס סעם האָט ניט קיין יאָרצייטן און יעדער איינער פון אונדז האָט פאַרשטעקט זיין נאָז אין דער קאַלט־געוואָרענער גלאָז קאַווע.

שפּעטער אַביסל האָט מיר דערזעלבער סעם אריינגערופן צו זיך אין צימער און אַזוי געזאָגט:

— אויב איר מיינט, אַז איך בין אַ שלעכטער ייד, האָט איר אַ טעות! ערשטנס לייען איך שטענדיק אַ יידישע צייטונג און איך גיב גענוג נדבות פאַר די יידן אין אייראָפּע, כאָטש איך האָב שוין דאָרטן לחלוטין קיינעם נישט! און צווייטנס — גאָט, זעט.

דער אַמעריקאַניזירטער סעם האָט פון זיין נאַכט־טישל אַרויסגענומען אַ פּעקעלע איבערגעבונדן מיט אַ רויטן פאָדעם. ווען ער האָט דעם פּעקעלע זייער פאָרזיכטיק אויפגעבונדן, האָב איך דערזען פאַר זיך אַ טלית מיט אַ יאַרמלקע...

— צו וואָס דאַרפט איר דאָ אַ טלית מיט אַ יאַרמלקע? — האָב איך אַ פרעג געטאָן דעם שטיל־געוואָרענעם סעמ׳ען.

— אין סאַנאַטאָריע איז דאָך נישטאָ קיין מנין! און ווען עס וואָלט אפילו געווען אַזאַ, וואָלט איר דאָך סיי־ווי ניט מיטגעדאַוונט. איר זענט דאָך אַ פריי־דענקער! — האָב איך אָנגעהויבן צושטיין צו סעמ׳ען, ער זאָל מיר ענטפערן אויף דער פראַגע.

— אַ סאַנאַטאָריע איז טאַקע ניט קיין בית־מדרש! — האָט דער אַמע־ריקאַניזירטער סעם אָנגעהויבן פאָרזיכטיק איבערצובינדן מיטן רויטן שנירל דעם טלית מיט דער יאַרמלקע, — אָבער אַ סאַנאַטאָריע איז דאָך די ערשטע אכסניה און אַמאָל אויך די לעצטע אכסניה צו יענער וועלט... מאַלע, וואָס עס מאַכט זיך...! — האָט מיך סעם אָנגעקוקט מיט זיינע צעהיצטע „טי־בי" אויגן, וואָס האָבן אויפגעפלאַמט אַנטקעגן מיך ווי צוויי יאָרצייט־ליכט.

— פון „טי־בי" שטאַרבט מען ניט אַזוי גיך! — האָב איך אָנגעהויבן צו טרייסטן סעמ'ען.

— איר זאָגט, אַז פון „טי־בי" שטאַרבט מען ניט אַזוי גיך? — האָט סעם אָפּגעפרעגט מיינע טרייסט־רייד, — טוט נאָר אַ קוק אויף די מוידן, וואָס אויף דער וואַנט! זיי האָבן וועגן דעם אַן אַנדער מיינונג!

בין איך צוגעגאַנגען צו דער וואַנט, וואו ס'איז געשטאַנען אַ ליידיקע בעט, און האַרט ביי דער בעט איז געהאַנגען אַזאַ מין חודש־קאַלענדאַר פון צוועלף כמעט־נאַקעטע מוידן. יעדער חודש האָט זיין ספּעציעלע „קראַסאַוויצע". איינע איז בלאָנד, די אַנדערע איז שוואַרץ, די דריטע איז רויט. איינע זיצט, די צווייטע שטייט, די דריטע ליגט, די פערטע שווימט. אָבער אַלע פון זיי זיינען כמעט מוטער־נאַקעט, אויך אפילו די, וואָס געהערן צו די גאַנץ קאַלטע ווינטער־חדשים.

— צו וואָס דאַרפט איר דאָ די נאַקעטע מוידן? — האָב איך אַ פרעג געטאָן סעמ'ען, וואָס איז שוין, אַן עי"ה, אַ ייד אין די יאָרן.

— דאָס זיינען ניט מיינע? — האָט זיך סעם תיכף אָנגעהויבן צו פאַרענטפערן. דאָס איז „ירושה" פון דעם בחור'עץ, וואָס מ'האָט געבראַכט אַהער מיט עטלעכע וואָכן צוריק שוין אַ האַלב־טויטן. ער האָט דאָ באַוויזן איבערצוקערן אויף דער אַנדער זייט ניט מער ווי איין „קראַסאַוויצע", אָט די, וואָס פון חודש יאַנואַר. די אַנדערע עלף מוידן וועט ער שוין קיינמאָל מער ניט קאָנען איבערקערן אויף דער אַנדער זייט... — האָט סעם גאַנץ טרויעריק אַ זאָג געטאָן.

בין איך געוואָרן נייגעריק אַ קוק צו טאָן אויף דער „איבערגעקערטער" קראַסאַוויצע פון דעם חודש יאַנואַר. איך האָב אַרונטערגענומען דעם קאַלענדאַר און איך האָב דערזען פון דער צווייטער זייט די יאַנואַר־מויד, וואָס איר פאַרשטאָרבענער ליבהאָבער האָט נאָך געהאַט באַוויזן איבערצודרייען מיטן פּנים צו דער וואַנט. אָבער אויך די דאָזיקע יאַנואַר־שיינהייט איז געווען כמעט מוטער־נאַקעט, ניט געקוקט אויף די גרויסע שניי־זאַווערובעס, וואָס האָבן אין דעם דאָזיקן חודש געבושעוועט אין די קעטסקיל־בערג. זי איז אויך פאַרבליבן פונקט אַזוי רייצנדיק־פרעך ווי די אַנדערע ניט איבערגעקערטע עלף חברטעס אירע, ניט געקוקט אויף דעם, וואָס זי איז דאָך פאַרבליבן אַן „אַלמנה" נאָך איר יונג־פאַרשטאָרבענעם ליבהאָבער, מיט וועמען זי האָט אָפּגעלעבט אַ גאַנצן חודש!

— ס'איז דאָך שוין איצטער דער חודש מערץ און ביי אייך הענגט נאָך, זע איך, די פעברואַר־קראַסאַוויצע! — האָב איך אַ זאָג געטאָן סעמ'ען, כדי איבערצורייסן די געשפּאַנטע שטימונג, וואָס דער „ירושה"־קאַלענדאַר האָט ביי אונדז ביידן אַרויסגערופן.

— ס'איז ניט מיין „דזשאב" — האט סעם געשעפטלעך א זאג געטאן, — ס'וועט קומען א נייער „פיישאן", זאל ער זיך מיט זיי עסקן!

האב איך זיך פלוצלונג דערשראקן פאר דער לײדיקער בעט, וואס ווארט שוין אויף א נייעם פאציענט, וועלכער וועט האבן בחינם יעדן חודש א נייע קאַלענדאר־קראסאוויצע! (אלע צוועלף מוידן קאסטן, אגב, ניט מער ווי א קוואדער).

אזוי ארום וועט שוין דער נייער פאציענט קאנען פארענדיקן דעם „דזשאב", וואס דער פריערדיקער האט קוים באוויזן אנצוהייבן.

אט אזוי קייטלט זיך דאס לעבן מיטן טויט אויףביידע זייטן קאלענדאר...

ס'איז זייער טרויעריק, אבער דאך גאנץ טשיקאווע.

## שלום עליכם און טשעכאוו

די לונגען־סאנאטאריע פארמאגט א ריזיקע ביבליאטעק פון „טי־בי"־ביכער, דאס הייסט — פון טויטע ביכער.

ביכער, וועלכע ווערן פון קיינעם נישט געלייענט זיינען געגליכן צו מתים.

ווען כ'קום אריין אין דער ביבליאטעק, דוכט זיך מיר, אז איך געפין זיך אויף אן אלט־היימישן בית־עולם, וואו יעטוועדע מצבה איז מיר איינגעבאקן אין הארצן.

שטייען פולע פאליצעס מיט ביכער־מצבות און די גאלדענע אותיות פון זייערע רוקנס דערציילן וואו ווער פון די שרייבער עס ליגט באערדיקט אדער באהימלט.

באטש די „טי־בי"־ביבליאטעק באשטייט דאס רוב פון ביכער אין יידיש — איז זי דאך אן אינטערנאציאנאלער בית עולם פון דער גאנצער וועלט־ליטעראטור.

אט, למשל, כאפ איך א קוק אויף דער פאליצע „ב" און איך דערזע, ווי עס פלעכטן זיך איבער ביאליק מיט באושאווערן, באקונין מיט בערקמאנען, בעל מחשבות מיט בראנדעסן (געארג), ברייינין מיט באראכאוון, ווי זיי אלעמען וואלט עפעס פארבונדן איין און דערזעלבער גורל.

און אויף דער פאלעצע „מ" געפין איך צונויפגעפרעסט מענדעלין מיט מאפאסאנען, מעדעמן מיט מעריסאנען, אקטאוו מירבא מיט יואל מאסטבוימען.

און אויף דער „שין"־פאליצע פארברענגען גאנץ געמיטלעך שלום עליכם מיט שעקספירן און ארטור שניצלער מיט שאמערן.

אבער אמבעסטן איז מיר געפעלן געווארן די „טית"־פאליצע, וואו איך האב צווישן טאלסטאי און טורגענעוו, מארק טווען און טשעכאוו געפונען אויך א בוך פון דניאל טשארני.

ס'איז מיר געווען גאנץ אנגענעם צו געפינען מיין אייגענע מצבהלע צווישן אזעלכע ריזן־קברים פון דער וועלט־ליטעראטור.

באזונדערס נאענט איז מיר אנטאן פאולאוויטש משעכאוו, וואס איז געשטארבן פון שווינדזוכט אויפן פיר און פערציקסטן יאר פון זיין שעפערישן לעבן.

ער איז מיר נאענט נישט נאר צוליב זיינע וואונדערלעכע סקיצן און דראמען, וואס ווערן נאך עד היום געשפילט אין דעם מאסקווער קונסט־טעאטער, נאר טשעכאוו איז מיר געווארן נאענט און אינטים אויך צוליב דעם, וואס איך האב גאנץ אפט געלעבט אין זיין צימער, וואו ער איז אזוי וואונדערלעך־שוין געשטארבן.

קאנען שיין שטארבן, איז אפט־מאל נאך א גרעסערע קונסט, ווי קאנען שיין לעבן.

און טשעכאוו איז געשטארבן מיט א גלאז שאמפאניער אין דער האנט.

אזוי האט מיר דערציילט דער דאקטאר סטעפאן פון דעם דייטשישן קור־ארט באדענווײַלער אין שווארצוואלד, וואס ליגט צופוסנס די שווייצארישע אלפן.

דער דאקטאר סטעפאן איז אין די יארן 1903-1904 געווען טשעכאווס דאקטאר, אין די יארן 1910 און 1911 איז ער געווען שלום עליכמס דאקטאר און פון 1924 ביז 1934 איז ער געווען מיין דאקטאר.

ס'איז מיר געווען גאנץ אנגענעם צו הערן פון דעם דר. סטעפאן, ווען כ'בין צום ערשטן מאל געקומען צו אים פון סאוועט־רוסלאנד, אז ער האט שוין „באהאנדלט" צוויי קאלעגן מיינע...

ס'איז געווען דער ערשטער פאל אין מיין לעבן, ווען א דייטשישער לונגען־דאקטאר האט מיך אויטאמאטיש געגעבן א שטעל אוועק אויף איין ברעט מיט אזעלכע צוויי ריזן פון דער רוסישער און פון דער יידישער ליטעראטור — מיט טשעכאוון און מיט שלום עליכמען.

ביי אזא מין דאקטאר — האב איך דעמאלט א טראכט געטאן — איז שוין ניט מיאוס צו שטארבן.

האב איך געבעטן דעם דאקטאר סטעפאן — ער זאל מיר דערציילן, וואס ער געדענקט וועגן די צוויי „קאלעגן" מיינע, וועלכע ער האט באהאנדלט.

— וועגן שלום עליכמען, — האט מיר דר. סטעפאן געזאגט, — דארף איך אייך קיין סך נישט דערציילן, ווייל ער שרייבט דאך אין דערזעלבער שפראך, וואס איר שרייבט און איר קענט אים בעסער פון מיר.

— איך בין נאר נייגעריק צו וויסן, צי האט ער מיטגענומען קיין אמעריקע

דעם ריזיקן גרינעם פאַמיליע־זאַנטיק, מיט וועלכן ער האָט צוויי זומערן נאָכאַנאַנד זיך געהאַט אַרומגעטראָגן איבער באַדענווײַלער? — האָט דר. סטעפּאַן אַ זאָג געטאָן מיט אַ שמייכעלע.

זיין ריזיקער פאַמיליע־זאַנטיק איז געוואָרן אין באַדענווײַלער זייער פּאָפּולער. מען האָט שוין געוואוסט, אַז ווען שלום עליכם באַווייזט זיך אין קור־פּאַרק מיט זיין משפּחה־זאַנטיק — איז ער ניט אויסן צו שפּאַצירן איבער די אַלייען אַט גלאַט אַזוי, ווי אַלע אַנדערע קור־געסט, נאָר ער זוכט שוין ערגעץ וואו אַ לײדיק טישל, וואו ער קען אויפמאַכן זיין זאַנטיק, ווי אַ גרויסע, גרינע בויך, און שרייבן אונטער איר זיינע קאָמישע ווערק.

— ווייסט איר ניט, הער דאָקטאָר, אַז שלום עליכם איז שוין אַכט יאָר טויט? (ס'איז געווען, ווי געזאָגט, אין 1924) — האָב איך איבערגעשלאָגן דעם דאָקטאָר סטעפּאַן.

— אַ שאָד, אַ שאָד! ער וואָלט נאָך געקאָנט לעבן, ווען, ער פאַרבלייבט אין אייראָפּע! — האָט דר. סטעפּאַן אַ זאָג געטאָן מיט גרויס באַדויערן.

— פאַרוואָס מיינט איר אַזוי? — בין איך געוואָרן נייגעריק.

— ווייל שלום עליכם איז געווען פון דעם טיפּ חולאים, וואָס האָבן קיינמאָל קיין צייט נישט געהאַט צו קרענקען און זיי האָבן אויך קיינמאָל קיין צייט נישט געהאַט געזונט צו ווערן! אַזעלכע חולאים קאָנען אויסלעבן זייערע יאָרן אַפילו קראַנקערהייט אויך!

— אַט איז דאָך ביי אייך געשטאָרבן טשעכאָוו צו פיר און פערציק יאָר! — האָב איך פּרובירט אָפּפרעגן דעם דאָקטאָרס דיאַגנאָז.

— מיט טשעכאָוון איז שוין גאָר אַנדערש! — האָט דר. סטעפּאַן אָנגעהויבן, ווי צו פאַרענטפערן זיך.

טשעכאָוו איז שוין לכתחילה געקומען אַהער אַ שווער־קראַנקער, און ווען ער אַליין וואָלט נישט געווען קיין דאָקטאָר — וואָלט ער, אפשר, געלעבט אַ פּאָר יאָר לענגער.

— וואָס פאַר אַ שייכות האָט טשעכאָווס דאָקטאָריי מיט זיין קרענק? — בין איך ווידער געוואָרן נייגעריק צו וויסן.

— ווען דער חולה איז אַליין אַ דאָקטאָר, ווייס ער צופיל פון זיין אייגענעם צושטאַנד און דאָס פאַרקירצט אים די יאָרן.

וואָס ווינציקער אַ חולה ווייס וועגן זיין קרענק — אַלץ געזינטער איז עס פאַר אים! — האָט שוין דר. סטעפּאַן אַ זאָג געטאָן מיט גרויס אויטאָריטעט.

— איז וואָס געדענקט איר וועגן טשעכאָוון, הער דאָקטאָר? — האָב איך זיך אומגעקערט צו דער פריערדיקער טעמע.

— מיין שטאַרקסטע דעראינערונג וועגן טשעכאָוון איז די סצענע פון זיין טויט! — האָט דאָקטאָר סטעפּאַן אָנגעהויבן צו דערציילן.

דאס האט פּאסירט אין איינעם א שבתדיקן פּארמיטאָג, ווען טשעכאָוו האט געהאט אוועקגעשיקט זיין פרוי (קניפּער, די באַרימט־געוואָרענע שוישפּי־לערין פון סטאַניסלאַווסקיס קונסט־טעאַטער אין מאָסקווע) קיין פרייבורג אין ברעזגאַו (די הויפּט־שטאָט פון שוואַרצוואַלד) אָפּצונעמען דאָרטן זיין נייעם קאָסטיום.

טשעכאָוו האט געוואָלט זונטיק אויספּוצן זיך אין דעם נייעם קאָסטיום, ווייל ער האט דערוואַרט זייער וויכטיקע געסט פון רוסלאַנד.

באַלד נאָכדעם, ווי פרוי קניפּער איז געווען אוועקגעפאָרן קיין פרייבורג, האט זיך טשעכאָוו דערפילט נישט גוט. מען האט מיך גלייך אַרויסגערופן צו אים. אָבער ביז איך האב באַוויזן צו קומען — האט שוין טשעכאָוו באַקומען א בלוט־שטורץ פון די לונגען און איך האב שוין געמוזט פאַרבלייבן ביי זיין בעט, היטנדיק זיין נשמה.

אין עטלעכע שעה אַרום איז אָנגעקומען פרוי קניפּער א פרייליכע, א צעשטראַלטע, וואָס איר „אַנטאָשאַ" וועט שוין קאָנען מאָרגן אויספּוצן זיך אין דעם נייעם קאָסטיום, אָבער זי איז באַלד שטיין געבליבן א פאַרגליווערטע, דערזעענדיק פאַר זיך איר מאַן אין א גסיסה־צושטאַנד.

טשעכאָוו האט דורך זיינע האַלב־געשלאָסענע אויגן באַמערקט די שרעק פון זיין פרוי, וואָס איז שטיין געבליבן אַנטקעגן זיין בעט, ווי א סטאַטוע פון מירמלשטיין, האט ער מיט זיין לעצטן געדאַנק באַשלאָסן צו באַלעבן זיין פאַר־גליווערט־געוואָרענע פרוי מיט עפּעס א נייעם לעבנס־זין און ער האט צו מיר קוים־קוים אַרויסגערעדט דעם לעצטן וואונטש זיינעם:

„שאַמפּאַניער, כ'וויל מיט אייך טרינקען שאַמפּאַניער!"

ווען מען האט תיכף אַרויפגעבראַכט א פלאַש שאַמפּאַניער און מען האט אָנגעגאָסן דריי באָקאַלן, האט נאָך טשעכאָוו געהאַט באַוויזן אויסצושטרעקן זיין האַנט מיטן באָקאַל צו זיין פרוי און א זאָג טאָן צו איר אין רוסיש זיינע לעצ־טע עטלעכע צוואה־ווערטער:

„זשיווי דאַלשע אי טוואַרי", — לעב, הייסט עס, ווייטער און שאַף!

פרוי קניפּער און איך האָבן נאָך געהאַט באַוויזן דעם שאַמפּאַניער אויס־צוטרינקען, אָבער טשעכאָוו האט עס שוין נישט באַוויזן מער. דער באָקאַל איז פּלוצלונג אַרויסגעפאַלן פון זיין האַנט און די קרישטאַל־שערבלעך האָבן זיך צעפינקלט אויף דעם נאַס־געוואָרענעם טעפּיך, ווי אָקאַרשט־אָנגעצונדענע קלוי־סטער־ליכט... — האט דר. סטעפאַן גאַנץ טרויעריק פאַרענדיקט זיין שילדערונג פון טשעכאָווס טויט.

פון דעמאָלסטמאָל אָן בין איך שוין געוואָרן א שטאַם־גאַסט אין דעם האָטעל, וואו טשעכאָוו איז געשטאָרבן און יעדעס מאָל, ווען דר. סטעפאַן פלעגט קומען

מיך „מבקר חולה" זיין, פלעגט ער מיך בארואיקן, אז דא אין האטעל וועל איך מיט אים קיין שאמפאניער נישט טרינקען...

אין אט דעם טשעכאוו־צימער האב איך טאקע אויפן זעקס און דרייסיקסטן יאר פון מיין לעבן אנגעהויבן צו שרייבן מיינע מעמוארן, ווייל אויך מיר האט זיך שטארק פארגלוסט מקיים צו זיין טשעכאווס לעצטן אנזאג:

— לעב ווייטער און שאף!

שרייב איך נאך עד היום די מעמוארן מיינע, כאטש מיין לעבן איז שוין, דאכט זיך מיר, ניט איין מאל צעשערבלט געווארן אין איינצעלנע קרישטאל־ברעקלעך, וואס פינקלען מיך אנטקעגן, ווי אקארשט אנגעצונדענע יארצייט־ליכט.

דעריבער טאקע האב איך זיך דערפילט אזוי יום־טובדיק און דערהויבן, ווען כ'האב אויך אין דער לונגען־סאנאטאריע, וואס אין די קעטסקיל־בערג גע־פונען מיינעם א בוד צוגעשטעלט צו די ביכער פון טשעכאוון, ווי אויך דא — אין דער „טי־בי"־ביבליאטעק — וואלט אונדז געהאט פארבונדן איין און דער־זעלבער גורל.

יא, אין דער סאנאטאריע־ביבליאטעק זיינען אלע שרייבער, קליינע און גרויסע, לעבעדיקע און געשטארבענע, יידישע און ניט־יידישע פארבונדן מיט איין און דעמזעלבן גורל — מען לייענט זיי ניט ! זיי זיינען טויט !

אבער אט האבן מיר דא לעצטנס געפייערט די זעקס און דרייסיק יאריקע עקזיסטענץ פון דעם סאנאטאריום. זעקס און דרייסיק יאר איז פאר א הייל־אנשטאלט א סימבאלישער ציפער. ס'איז צוויי מאל ח"י. זיינען אלע פאציענטן אריינגעקומען אין דעם רחבותדיקן ביבליאטעק־צימער, וואו ס'איז פארגעקו־מען די פייערונג. דער פארזיצער פון דער פייערונג האט אויך מיך מכבד גע־ווען מיט אווארט אין נאמען פון אלע פאציענטן.

האב איך זיך באנוצט מיט דער גוטער געלעגנהייט און איך האב גע־מאכט אן „אל מלא רחמים" נאך יענע גרויסע שרייבער, וואס די „טי־בי"־באצילן האבן זיי, אפשר, נאך מער באפליגלט צו שרייבן זייערע אומשטערב־לעכע ווערק. כ'האב דערמאנט די נעמען פון דעם פראנצויזישן פיין־גייסט וואלטער, פון די צוויי גרויסע רוסן מאקסים גארקי און טשעכאוו, פון די דריי גרויסע יידן — שלום עליכם, יהואש און דוד עדעלשטאט, וואס זייערע גייסטער שוועבן ארום אין דער סאניטאריום־ביבליאטעק און זיי באפליגלען אויך מיך צו לעבן ווייטער און צו שאפן.

האבן זיך די פאציענטן דערפילט זייער דערהויבן, וואס אזעלכע גרויסע שריפטשטעלער האבן אויך געליטן פון דער „ווייסער פלאג", ווי מען רופט אן די „טי־בי"־קראנקהייט.

אולי, אפשר...

# אומשטערבלעכקייט

איך האַלט, אַז יעטווידער מענטש איז מחויב צו באַוואָרענען זיך באַ־צייטנס מיט אַביסעלע אומשטערבלעכקייט.

איך זאָג: „אַביסעלע", ווייל ווערן אומשטערבלעך אויף עולם ועד, דאָס הייסט פאַר אַלע צייטן און דורות קאָנען נאָר אַזעלכע גאָניאַלע פּערזענלעכ־קייטן, וואָס זיינען ווירקלעך געוואָרן שותפים צו די מעשי בראשית, וועלכע זיי־נען נאָך ביז היינט ניט פאַרענדיקט געוואָרן.

אַזעלכע „מעשי בראשית'ניקעס," ווי זאָגן מיר, קופּערניק אָדער איינ־שטיין ווערן געבוירן איין מאָל אין פינף הונדערט יאָר.

אויך אַנדערע גרויסע גייסטער, ווי זאָגן מיר, רש"י און יהודה הלוי, שעקספּיר און טאָלסטאָי, שאָפּען און מאָצאַרט, מיקעל אַנזשעלאָ און רעמ־בראַנדט ווערן אויך ניט געבוירן אין יעדן יאָרהונדערט.

אויף אַזאַ מין אייביקער אומשטערבלעכקייט קאָן קיינער פון אונדז, פאַר־שטייט זיך, ניט פּרעטענדירן.

אָבער יעדער איינער פון אונדז מוז שטרעבן צו ווערן „אומשטערבלעך" כאָטש אויף אַ געוויסער צייט.

איך האָב דאָ, פאַרשטייט זיך, אין זינען די אומשטערבלעכקייט אויף דער וועלט. (אויף יענער וועלט, זאָגט מען, זיינען מיר סיי ווי אומשטערבלעך).

אין וואָס עס באַשטייט די אומשטערבלעכקייט אויף דער וועלט האָט מיר איינמאָל דערקלערט אַ גאַטלאָזער גלח ביי אַ לויה פון איינעם אַ פריידענקער.

דער פריידענקער (ניט קיין ייד) האָט זיך געלאָזט פאַרברענען אין אַ קרעמאַטאָריום. ביז איך געוואָרן נייגעריק צו זען, ווי אַזוי ס'ווערט דורכגע־פירט די לויה־צערעמאָניע ביי די פריידענקער.

לאָזט זיך אויס, אַז אויך ביי די פריידענקער איז אַ לויה־צערעמאָניע אַ גאַנץ טרויעריקע אונטערנעמונג.

דער אָרגעל פון דעם קרעמאַטאָריום־קלויסטערל שפּילט זייער טרויעריקע מוזיק, די אַלמנה אונטערן שוואַרצן שלייער וויינט, ווי זי וואָלט געווען אַ רע־ליגיעזע, און דער גאַטלאָזער גלח פילאָזאָפירט צוזאַמען פון דעם מת וועגן לעבן און טויט.

דער הויפּט־געדאַנק פון זיין הספד איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס כל זמן די אַלמנה וועט באַוויינען דעם טויט פון איר אומפאַרגעסלעכן מאַן, כל זמן די קינדער וועלן אַפּהיטן דעם אָנדענק פון זייער „זעליקן" פאָטער און כל זמן די אייניקלעך וועלן גיין אין די גוטע דרכים פון זייער פריידענקערישן זיידן — איז נאָך דער מת, הייסט עס, ניט געשטאָרבן!

פיזיש איז ער טאַקע טויט, אָבער זיין פריגייסט ווירקט ווייטער און אַזוי

ארום פארבלייבט ער שוין אומשטערבלעך אזוי לאנג ביז זיין געדעכעניש וועט ניט אפגעמעקט ווערן גאר אינגאנצן פון דעם פנים פון דער ערד.

אזוי ארום האב איך דערזען, אז אפילו פריידענקער, וואס גלויבן ניט אין קיין שום יענער וועלט ווילן אויך פארבלייבן אומשטערבלעך אויף א געוויסער צייט, כאטש ביז צום דריטן־פערטן דור, ווען די געדעכעניש פון דעם עלטער־עלטער־זיידן וועט שוין גאר אינגאנצן אפגעווישט ווערן פון דעם פנים פון דער ערד.

דער דאזיקער דראנג צו דער אומשטערבלעכקייט כאטש אויף עטלעכע דורות איז א נאטירלעכער דראנג ביי יעטווידער לעבעדיקער באשעפעניש.

די הון לייגט אירע אייער ניט צוליב דעם כדי מיר זאלן האבן פון וואס צו מאכן פיינקאכנס, נאר די הון רייסט זיך בטבע אויסצובריען פון אירע אייער א נייעם דור הינער מיט הענער.

אויך די בהמה האט יעדן יאר א קאלב ניט נאר צוליב דעם כדי אונדז צו באזארגן מיט א גוטן קאלבס־סטייק.

און אפילו די פרויען האבן זייערע קינדער ניט צוליב דעם כדי זיי „אויס־צובארגן" יעדע ווילע צו דער רעגירונג, וואס מוז שוין ווידער אמאל דורכ־פירן ערגעץ־וואו א נייע וועלט־מלחמה, אדער אונטערדריקן ערגעץ־וואו א ניי־עם סטרייק, צי א הונגער־בונט.

די הון לייגט אירע אייער און די פרוי האט אירע קינדער צוליב דעם איג־סטינקטיוון דראנג צו א וועלכער ניט איז אומשטערבלעכקייט אויף דער וועלט. ס'ווילט זיך זען די פארזעצונג פון דער אייגענער גזע.

נאך עד היום קאנען מיר באגעגענען יידישע מענטשן (אפילו מאדערנע), וואס שטאלצירן מיט זייער גרויסן גזע־יחוס.

איינער ציט זיין יחוס אזש ביז דוד המלך, דער צווייטער — ביז דעם בעל־שם טוב (בעש"ט) און דער דריטער — ביז דעם ווילנער גאון.

אין אונדזער אלטער היים, ז"ל, איז שוין גענוג געווען צו זיין אן „אייניקל" פון דעם „ליאדיער" צי פון דעם „קאידאנאווער", כדי צו קאנען ארומפארן אי־בער די שטעטלעך בענטשן ווייבער און נעמען פדיונות.

אפילו איך אליין שטאלציר נאך עד היום דערמיט, וואס איך בין דער דרייצנטער דור, דאס הייסט דער בר־מצוה־דור פון דעם של"ה הקדוש.

דער יחוס־קולט ביי יידן איז נאך עד היום זייער גרויס און דעריבער רופט מען אן די ניי־געבוירענע קינדער מיט די נעמען פון די גרויסע זיידעס און עלטער־זיידעס און די גזע ציט זיך ווייטער.

אויך די אומות העולם האלטן שטארק פון דעם יחוס־קולט. אויך זיי זארגן זיך שטארק פאר דער פארזעצונג פון זייער גזע, אבער אזוי ווי די ניט־יידן האבן א סך ווינציקער געדולד צו דערווארטן זיך אויף זייער אומשטערב־

לעבקייט — רופן זיי אן זייערע ניי־געבוירענע קינדער מיט די נעמען פון זייערע טאַטעס און מאַמעס, וועלכע לעבן נאָך.

אין רוסלאַנד, למשל, וואו ס'איז אַ מנהג אַנצורופן אַ מענטשן מיט זיין ערשטן נאָמען און מיטן ערשטן נאָמען פון זיין טאַטן קאָן מען אָפט באַגעגענען אַ „איוואַן איוואַנאָוויטש", אַ „פּיאָטער פּעטראָוויטש" און דאָס גלייכן.

ווי עס זעט אויס, האָט דער טאַטע־איוואַן אַ גרויסע הנאה פון דעם, וואָס אין שטוב ביי אים דרייט זיך שוין אַרום אַ קליינער איוואַנעלע, וועלכער מאַכט אים אומשטערבלעך נאָך איידער ער, דער גרויסער איוואַן, איז געשטאָרבן.

ביי די אומות העולם הערשט אויך דער מנהג אַנצורופן ניט נאָר קינדער, נאָר אַפילו גאַסן, שטעט און טעריטאָריעס גאַנצע מיט די נעמען פון די גרויסע לייט, וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט פאַר דעם פאָטערלאַנד.

אויפן ערשטן פּלאַץ קומען, פאַרשטייט זיך, די קיסרים, פּרינצן און פירשטן. נאָכדעם קומען שוין די פּרעזידענטן און גענערעלער, וואָס האָבן געוואונען גרויסע שלאַכטן, און גאָר צום סוף קומען שוין די אַזוי־גערופענע „אינטעלעקטועלע", דאָס הייסט — גרויסע שרייבער, קינסטלער און אַנטדעקערס.

דאָס אַלץ ווערט אויך געטאָן אין נאָמען פון דער אומשטערבלעכקייט אויף דער וועלט.

אָט, למשל, האָט דער רוסישער צאַר פּיאָטער דער גרויסער, וועלכער האָט דורכגעבראַכן פון פינצטערן רוסלאַנד אַ פענצטער צו אייראָפּע, געגרינדעט אין דעם יאָר 1793 די הייליקע שטאָט „סאַנקט פּעטערסבורג", וואָס איז ביז דער פעוורואַל־רעוואָלוציע פון 1917 געווען די הויפּט־שטאָט פון צאַרישן רוסלאַנד.

אָבער אין 1914טן יאָר, ווען עס איז אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט־מלחמה האָבן די רוסן אויף צו להכעיס די דייטשן געענדערט דעם דייטשמערישן נאָמען „סאַנקט פּעטערסבורג" אויף דעם סלאַווישן נאָמען „פּעטראָגראַד". אַזוי אַרום איז אויך אַפילו אין פּעטראָגראַד פּיאָטער דער גרויסער נאָך געבליבן פאַר־אייביקט.

זיינען אָבער געקומען די באָלשעוויקעס און זיי האָבן משנה שם געווען פּעטראָגראַד אויף לענינגראַד. וועלן שוין די צוקונפטיקע היסטאָריקער פון דער רוסישער געשיכטע אין עטלעכע הונדערט יאָר אַרום גאָר אינגאַנצן ניט וויסן ווער עס האָט געגרינדעט לענינגראַד — פּיאָטער דער גרויסער צי ניקאָלאַי לענין?

דאָך אָבער האָט פּיאָטער דעם גרויסנס אומשטערבלעכקייט געדויערט אויף דער וועלט איבער צוויי הונדערט און צוואַנציק יאָר.

דאָס איז אַ גאַנץ לאַנגער טערמין פאַר אַ רוסישן קייסער. איך ווייס פון קיסרים, פּרינצן, פירשטן און גענערעלער, וואָס די נעמען פון זייערע שטעט און גאַסן האָבן זיך געהאַלטן נישט מער ווי געציילטע יאָרן אָדער אַפילו חדשים.

אט, למשל, האט מען אין ווילנע — אין אונדזער חרוב־געווארענער ווילנע, וואס איצט הייסט זי שוין „ווילניאוס" (עפעס א נייע אנשיקעניש!) — גע־האלטן אין די יארן 1921-1915 אין איין איבערשמירן די נעמען פון אירע היסטארישע גאסן, געסלעך און זאווולקעס.

צוערשט האבן די דייטשישע אקופאנטן געענדערט די רוסישע נעמען פון די ווילנער גאסן אויף דייטשישע. נאכדעם האבן די ליטווינער געענדערט די דייטשישע אויף ליטווישע. שפעטער אביסל האבן די באלשעוויקעס געענדערט די ליטווישע נעמען אויף סאוועטישע, און נאך אביסעלע שפעטער האבן די פאליאקן געענדערט די סאוועטישע נעמען אויף פריצישע. איצט איז שוין ווילנע די הויפט־שטאט פון סאוועטישער ליטע, און די נעמען פון די ווילנער גאסן וועלן שוין פארטיילט ווערן צווישן די גענערעלער און פאלקס־העלדן פון די ביידע לענדער: פון רוסלאנד און פון ליטע.

אזוי ארום זעען מיר, אז אפילו די אומשטערבלעכקייט פון לענדער, שטעט און גאסן קאן אויך ווערן שטערבלעך.

(איצטער, נאך דער אנטדעקונג פון דער אטאם־באמבע, רעדט מען שוין וועגן דעם, אז אפילו אונדזער ערד־קוגל, וואס גאט אליין האט באשאפן, קאן ארויסגעריסן ווערן פון דער גאנצער פלאנעטן־סיסטעם.)

ניט געקוקט אבער אויף דער פראגרעסירנדיקער שטערבלעכקייט פון דער אומשטערבלעכקייט אין פלאנעטארן מאסשטאב, גלוסט זיך דאך יעדן איינעם פון אונדז צו ווערן כאטש א קליין ביסעלע אומשטערבלעך.

ס'איז, ווי געזאגט, א גאנץ נאטירלעכער און בארעכטיקטער דראנג. דער־ריבער האב איך זיך ניט געוואונדערט, ווען איינציקע פאציענטן פון דער לונגען־סאנאטאריע, ווען איך האב געהאט דערציילט, אז „טי־בי" איז א ליטעראַ־רישע קרענק, אז א סך בארימט־געווארענע יידישע און ניט־יידישע שרייבערס האבן א לעבן־לאנג געליטן פון שווינדזוכט און דאס האט זיי לחלוטין ניט גע־שטערט (און אפשר גאר זיי געהאלפן) צו שאפן זייערע אומשטערבלעכע ווערק, — האב איך זיך, הייסט עס, לחלוטין ניט געוואונדערט, ווען איינציקע פון מיינע „טי־בי" קאלעגן האבן זיך א נעם געטאן פאר דער פען...

זיי האבן זיך א נעם געטאן פאר דער פען פשוט צוליב דעם, ווייל אלע וועגן צו דער אומשטערבלעכקייט זיינען לעצטנס מאנאפּאליזירט געווארן דורך דער פרעסע.

אן דער פרעסע קאן זיך ניט קיין ריר טאן אפילו קיין קייסער און קיין פרעזידענט.

מען קאן זאגן, אז די פרעסע רעגירט די וועלט, ניט געקוקט אויף דעם, וואס אפיציעל איז די פרעסע ניט מער ווי „די זיבעטע וועלט־מאכט".

פאקטיש איז די פרעסע די ערשטע וועלט־מאכט. דעריבער טאקע גלוסט

זיך יעדן איינעם פון אונדז כאָטש איין מאָל אין לעבן דערמאָנט צו ווערן אין דער פּרעסע.

אויף דעם אַמעריקאַנער לשון הייסט עס „פּובליסיטי".

עס זיינען שוין פאַראַן ספּעציעלע פּובליסיטי־אַגענטורן, וואָס האַנדלען מיט אומשטערבלעכקייט אויפן אינטש, אויפן קאָלום, צי אַפילו אויף אַ גאַנצער פּיידזש.

אַ דאַנק דעם דאָזיקן פּובליסיטי־דראַנג, זיינען אויפגעבויט געוואָרן די מעכטיקע יידישע הילף־אָרגאַניזאַציעס און די בריוו־פּאַרצווייגטע פּאַרטיי־פּרעסע און לאַנדסמאַנשאַפטן־ליטעראַטור.

ס'זיינען שוין פאַראַן אויפן אַמעריקאַנער קאָנטינענט אַזעלכע צייטונגען און זשורנאַלן, וואָס די ליטעראַטור גופא איז ביי זיי נישט מער ווי אַ ביי־זאַך. דער עיקר זיינען די באַגריסונגען, די מזל־טובס און די נעקראָלאָגן.

אַפילו אַזאַ ייד ווי איך, וואָס זע מיין נאָמען געדרוקט אַזוי אָפט אין פאַרשיידענע צייטונגען און זשורנאַלן, בין שוין אויך געוואָרן אין אַמעריקע אָנגעשטעקט פון דעם פּובליסיטי־דראַנג און כ'לאָז זיך אָפּטמאָל קאָסטן די פּאָר דאָלאַר, אַבי נאָר צו זען געדרוקט אויך מיין נאָמען צווישן די הונדערטער באַגריסערס פון אַ וועלכן־ניט־איז יובילאַר אָדער פון אַ וועלכער־ניט־איז יובילייד־דאַטע אין דער יידישער ליטעראַטור און פּרעסע.

ווי האָט געזאָגט דער גאַטלאָזער גלח פון דעם קרעמאַטאָריום־קלויסטער: כל זמן דיין נאָמען ווערט נאָך ערגיץ־וואו דערמאָנט, ביסטו נאָך נישט געשטאָרבן!

## ווי אַזוי איך בין געוואָרן אַ שרייבער

ווען איך בין נאָך געווען אַ יינגל — האָט מיך די מאַמע, ע"ה, איינמאָל געזאָגט, אַז אויב ס'וועט מיר, חלילה, באַשערט זיין צו ווערן אַ נאַר — זאָל איך כאָטש ווערן אַ ווינטערדיקער נאַר און ניט קיין זומערדיקער.

ווען כ'האָב זי אַ פרעג געטאָן, וואָס איז דער אונטערשייד צווישן אַ ווינטערדיקן און אַ זומערדיקן נאַר? — האָט זי מיר, אויף איר שטייגער, געענטפערט מיט אַזאַ מין פיינעם בילד:

— שטעל זיך פאָר, אַז ווינטערצייט קומט אַריין אין הויז אַ מענטש. איינער איינעם מיט אים שפּאַרט זיך אַריין דורך דער געעפנטער טיר אַ גאַנצער וואָלקן מיט פּאַרע און ס'נעמט צייט ביז דער מענטש וויקלט זיך אויס פון דעם פּראָסט־

וואלקן. נאכדעם ערשט הויבט אן דער מענטש ארונטערצונעמען פון זיך דעם באשליק, דעם ווינטערדיקן פעלץ מיטן אויפגעשטעלטן קראגן, דעם וואלענעם שאל, די איינפינגערדיקע הענטשקעס, די טיפע קאלאשן פון די וואליקעס, צי פון די שטיוול. און ווען ער באפרייט זיך ענדלעך שוין גאר אינגאנצן פון זיינע ווינטערדיקע מלבושים — דערזעט מען ערשט, אז ס'איז אריין א נאר אין הויז!

— אבער א זומערדיקער נאר, — האט מיר די מאמע געזאגט, — איז ווי נאר ער קומט אריין אין הויז — דערזעט מען גלייך, אז ס'איז אריינגעקומען א נאר!

ווען כ'האב יינגלווייז אויסגעהערט פון דער מאמען די דאזיקע שיל־דערונג — האב איך ביי זיך פעסט באשלאסן צו ווערן, לכל הפחות, א ווינ־טערדיקער נאר.

מיט אנדערע ווערטער הייסט עס, אז אפילו זומערצייט דארף מען זיין „אנגעפעלצט" מיט אזויפיל זאכן — עס זאל נעמען צייט ביז די אנדערע וועלן זיך כאפן, אז מען איז, חלילה, א שוטה.

פארשטייט זיך, אז דער מענטש קאן זיך „אנפעלצן" ניט נאר מיט בגדים אליין. מען קאן זיך אויך „אנפעלצן" מיט פארשיידענע מינים אוניפארמס, טיטולן, דיפלאמען, מעדאלן און אנדערע אויסצייכענונגען, וואס זאלן פאר־דעקן דעם „זומערדיקן נאר".

וועט דען עמיצער וואגן צו זאגן אויף א געהיימראט, צי אויף א יום־טיף־ראט, אז ער איז, חלילה, א שוטה?

שוין ניט גערעדט פון מיניסטארן, דיפלאמאטן, פרעזידענטן און גע־קרוינטע קעפ, וואס לויט זייער בארוף זיינען זיי דאך מחויב צו זיין די קליגסטע קעפ פון דער וועלט!

ווען כ'האב אבער דערזען, אז אויך אפילו געקרוינטע קעפ פארלירן אפט־מאל זייערע קרוינען צוזאמען מיט די קעפ — האב איך פעסט באשלאסן ניט צו „באפעלצן" זיך מיט וועלכע ניט איז טיטולן. דיפלאמען, פארטיי־פרא־גראמען און אנדערע מינים פורים־שפילערייקעס, נאר איך וועל אנהויבן זוכן דעם וועג צו חכמה אויף אנדערע וועגן.

זוכנדיק אט אזוי דעם וועג צו חכמה אויף זייטיקע וועגן — האב איך זיך ארומגעזען, אז ס'איז גאר ניט אזוי שווער צו ווערן א חכם. מען דארף נאר זיין א קליין־ביסעלע קליגער פון די ארומיקע.

פארשטייט זיך, אז כדי צו ווערן א קליין־ביסעלע קליגער פון די ארומיקע — מוז מען באזיצן א וועלכע ניט איז איינגנשאפט, וואס די סביבה דיינע באַ־זיצט זי ניט.

האב איך אנגעהויבן צוקוקן זיך צו פארשיידענע מינים סביבות — צו „פראלעטארישע” און „בורזשואזע”, צו „רעכטע” און צו „לינקע”, און איך האב באלד דערזען, אז וואו נאר א סביבה — פעלט דארטן דער מענטש, פעלט די פערזענלעכקייט, פעלט דער יחיד!

האב איך באשלאסן צו פארבלייבן מיט זיך אליין, צו פארבלייבן, הייסט עס, ניט מער ווי א מענטש. און אזוי ארום בין איך גאר געווארן א שרייבער!

איך מיין, אז יעדער מענטש, וואס האט גענוג מוט צו פארבלייבן מיט זיך אליין — קאן ווערן א שרייבער (אויב נאר, פארשטייט זיך, ער קאן שרייבן).

א גוט־אנגעשריבענע אויטאביאגראפיע, צי א ראמאן איז צו דער זעלבער צייט אויך שוין א שטיק ביאגראפיע פון א פאלק, פון א לאנד און פון א וועלט א גאנצער.

בין איך, דעם אמת געזאגט, זייער צופרידן, וואס איך פאחנעם זיך א לעבן־לאנג מיטן באשרייבן מיין אייגענעם לעבן. איך דערוויס זיך פון מיין אייגענער אויטאביאגראפיע אזוי־פיל טשיקאווע זאכן וועגן מענטשן און לענדער, אז ווען אן אנדערער דערציילט עס, וואלט איך אים בשום אופן ניט געגלויבט.

אט, למשל, איז פאריקן פסח (תש"ו) שוין געווארן פינף יאר אז איך בין אין אמעריקע.

ווען איך פיר אונטער א שטיקל סך הכל צו די ערשטע פינף יאר, וואס איך האב פארבראכט אין אמעריקע, ווי א „וויזיטאר”, ווי א מלחמה־גאסט — זע איך, אז איך האב פאר די דאזיקע פינף יאר אויפגעטאן אין אמעריקע פיל מער, ווי פאר די עטלעכע און פופציק יאר אין אייראפע.

איך האב אויפגעטאן אין אמעריקע צען מאל מער ווי אין אייראפע שוין צוליב דעם אליין, וואס איך האב דא, ענדלעך, באקומען מיין שרייבערישן תיקון. איך האב זיך דא ארויפגעארבעט אויף טויזנטער נייע לעזער און פריינט, וועלכע איך קען, קאן מען זאגן, פערזענלעך.

איך האב זיי געזען, מיינע פריינט און לעזער, אין דעטראיט און קליוו־לאנד, און שיקאגא און סינסינעטי, און פיטסבורג און פילאדעלפיע, אין גרענד־רעפידס און אלבאני, אין באפאלא און וואוסטער און וואו ניט?

אמת, אויך זייענדיק נאך אין אייראפע פלעג איך אפט שרייבן פאר די צייטונגען און זשורנאלן אין אמעריקע, אבער אין אייראפע האב איך געהאט צו טאן נאר מיט די בלעכענע פאסט־קעסטלעך אליין. די בלעכענע פאסט־קעסט־לעך פון בערלין און פאריז, פון ווארשע און ווילנע, פון ריגע און דאנציק פלעגן גאנץ אפט איינשלינגען גאנצע שטיקער פון מיין לייב־און־לעבן, וואס זיינען אדרעסירט געווען קיין אמעריקע, אבער איך האב קיינמאל ניט געוואוסט ווער ס'איז מיין לעזער?

ווי שטאַרק אַ שרייבער זאָל ניט האַלטן פון זיך אַליין — איז ער דאָך שטענדיק נייגעריק צו וויסן, צי ער ווערט געגנוג געלייענט און צי ער ווערט גענוג אָפּגעשאַצט פון זיינע לעזער?

האָט געדאַרפט אויסברעכן אַ צווייטע וועלט־מלחמה מיט אַ חורבן בית שלישי, אַז איך זאָל אַריבערגעוואָרפן ווערן פון אייראָפּע קיין אַמעריקע און אַריינפאַלן דירעקט אין די אָרעמס פון מיינע ליבע לעזערינס און לעזער.

מיין גאַנץ אָפּטער קאָנטאַקט מיט מיינע לעזערינס און לעזערס איז פאַר מיר די שטאַרקסטע איבערלעבונג אין אַמעריקע, אָבער יעדן מאָל, ווען איך זעץ זיך אַוועק ביים שרייבטיש זיך דורכצושמועסן מיט מיין סביבה, וועלכע איך אַליין האָב געשאַפן — באַפאַלט מיך די שרעק ניט צו ווערן, חלילה, דער זומערדיקער נאַר.

איך ווייס, אַז וואָס אָפטער דער שרייבער קומט אין קאָנטאַקט מיט זיין לייענער־קרייז — אַלץ גרעסער ווערט די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון דעם שרייבער.

דאָס ווייס אויך מיין ליבער פריינט און קאָלעגע יעקב גלאַטשטיין, וואָס איז געקומען קיין אַמעריקע מיט אַ יאָר דרייסיק פריער פון מיר.

אָט האָט ער אָנומלטן אַזוי „פּראָסט און פּשוט" געשילדערט די געפילן פון אַ שרייבער, וואָס איז געקומען אין דירעקטן קאָנטאַקט מיט זיינע לעזערס.

אַזאַ מין קאָנטאַקט,— שרייבט דער גאָר פיינער דיכטער און קריטיקער יעקב גלאַטשטיין — „לייגט אַרויף אויפן שרייבער אַ גרויסע מאָס אחריות און מאַכט זיין וועג שווערער און ניט לייכטער.

„זיין שרייבן מוז קריגן לעבן, ער האָט אַ לעבעדיקן אָפּרוף און ער קאָן זיך שוין ניט פאַרגינען קיין טויטע לאַבאָראַטאָריע.

„דער פאַראַנטוואָרטלעכער יידישער שרייבער ווייס,— שרייבט ווייטער פריינט גלאַטשטיין, „אַז צוזאַמען מיטן דרך ארץ, מיט דער ליבע און אָנערקענונג, וואָס דער יידישער לעזער שענקט אים — וואַרפט ער אַרויף אויף זיינע פּלייצעס אַ שווערע פאַראַנטוואָרטלעכקייט. ער ווייס, אַז עס ווערן אים געשטעלט גרויסע פאָדערונגען. ניט נאָר דער לעזער שטעלט אים גרויסע פאָדערונגען, נאָר אויך נאָך די שווערע צייט פאָדערט ביי אים אַן ענטפער — אַ יידישן ענטפער!"

דאָס זיינען גאָלדענע רייד, מיין ליבער פריינט גלאַטשטיין, אָבער אייערע גאָלדענע ווערטער פאַלן אויף מיין הארצן, ווי שווערע שטיינער.

אַ וואו, פרעג איך אייך, זאָל איך נעמען גענוג שכל און חכמה צו קאָנען געבן אַלע מיינע לעזער דעם ריכטיקן ענטפער, דעם „יידישן ענטפער"?

איך ווייס, אַז צווישן מיינע ליבע לעזער זיינען פאַראַן „רעכטע" און „לינקע", אָרטאָדאָקסן און פריידענקער, פאָלקס־מענטשן און אינטעלעקטועלע,

כלל־טוערס און לערערס, פּאָעטן און קריטיקער (און אויך איר, פריינט גלאַט־שטיין, צווישן זיי). איז ווי, פרעג איך אייך, קאָן איך געבן מיט איין און דער־זעלבער פּען אין „יידישן ענטפער" צו אַלע מיינע לעזער מיטאַמאָל?

יע, ס'איז זייער פיינלעך און שווער צו זיין אַ שרייבער אָן לעזער, אָבער אַפּטמאָל איז נאָך שווערער און פיינלעכער צו זיין אַ שרייבער מיט לעזער!

געוויס, גלוסט זיך יעדע וואָך אונטערצוטראָגן דעם נייגעריקן און דאַנק־באַרן לעזער עפּעס אַ נייעם מין צויבער־שליסעלע, מיט וועלכן ער זאָל קאָנען איינס־און־צוויי עפענען אַלע געהיימע שקאַטולקעלעך פון דער משוגע־געוואָרע־נער צייט, אין וועלכער מיר לעבן שטאַרבנדיק און שטאַרבן לעבנדיק, אָבער ניט יעדע וואָך לאָזט זיך אויסשמידן אַזאַ מין צויבער־שליסעלע.

ס'זיינען פאַראַן וואָכן (אפילו ביי פּראָפעסיאָנעלע שרייבער), ווען עס גלוסט זיך שטאַרק נעמען אורלויב פון דער וועלט און ווערן אַליין ניט מער ווי אַ לעזער פון משלי און קהלת, פון איכה און איוב.

אַט שטיי איך איצט גאַנץ אומבאַהאָלפן ביי די פענצטער פון מיין סאַנאַ־טאָריע און איך קוק זיך צו ווי דער גערטנער איז מבער חמץ דעם ווינטער. ער האָלט אין איין פאַרברענען די בלעטער און די צווייגן, וואָס די שטורעמ־ווינטן האָבן אַרונטערגעריסן פון דעם פאַריקן זומער. דער רויך קיצלט די נאָז־פליגלען און דעם זכרון. ס'דערמאָנען זיך די אַלע פּסחס פון דער אַלטער היים. די פּאַציענטן און פּאַציענטקעס גייען אַרום ווי פאַרטשאַדעטע פון דער גרויסער בענקשאַפט נאָך די סדרים אין דער „אַלטער היים" (מאַג זי אפילו זיין אין די בראָנקס, צי אין ברוקלין). איך זע, ווי די ביימער און קוסטעס קנאָספּען זיך שוין אויף אַ נייעם זומער, ווי די פויגלען פלעכטן שוין נייע „באַנגאַלאָס" און די סאָזשעלקע וואַרעמט אירע באַפרייטע פישעלעך אונטער דער פּסחדיקער זון.

עפּעס הויבט זיך אָן אין דער נאַטור אַ גאַנץ נייער „מעשי בראשית". אמת, דער זעלבער „מעשי בראשית" איז אויך געווען פאַראַיאָרן, פאַרצעניאָרן, פאַרפּופּציקיאָרן און, אפשר, אויך נאָך אַ סך פריער איידער איך בין געבוירן געוואָרן! דאָך אָבער ניט געקוקט אויף דעם, וואָס דער רבש"ע חזרט איבער יאָר איין־יאָר אויס איינע און דיזעלבע מעשי בראשית וואונדער — הערט מען ניט אויף יעדן מאָל אים צו באַוואונדערן און צו לויבן דערפאַר.

בין איך פּראָסט־פּשוט מקנא דעם רבש"ע, וואָס ער קאָן יאָר איין־יאָר אויס „איבערדרוקן" איין און דעמזעלבן ווערק זיינעם, בעת אַ שרייבער קאָן זיך דאָס בשום אופן ניט דערלויבן.

דער שרייבער מוז שטענדיק זיין אָריגינעל, ווייל דער לעזער קאָנטראָ־לירט אים, דער לעזער האַלט אויף אים אַן אויג. דעריבער זאָג איך, אַז ס'איז

אפטמאל א סך שווערער צו זיין א שרייבער מיט לעזער, איידער א שרייבער אן לעזער.

אבער דאך וועל איך זיך אויך ווייטער באמיען צו פארבלייבן בעסער א ווינטערדיקער נאר, איידער א זומערדיקער!

מען דארף פאלגן א מאמען!

## די וועלט דרייט זיך, זאגט חבר יאָסל

די דאקטוירים פון דער לונגען־סאנאטאריע האבן דורך די „עקס־רעים" שוין פון לאנג פעסטגעשטעלט, אז אפילו ביי טי־בי־קראנקע קלאפט דאס הארץ אין דער נאענטסטער שכנות מיט די לונגען. ווען דאס הארץ פון א טי־בי־חולה קלעמט זיך צו־אפט און צופיל — איז עס ניט גוט אויך פאר די לונגען.

באמיט מען זיך אין דער לונגען־סאנאטאריע צו פארשאפן די פאציענטן אויך נאך אביסעלע נחת־רוח. דאס הויבט זייער שטימונג, דאס שטארקט זייער בטחון.

אזוי, למשל, דערלויבט מען די יינגערע און די מער־באוועגלעכע פאציענטן צו באקומען זייערע מאלצייטן אינאיינעם מיט די פאציענטקעס. אין דער געזעלשאפט פון פרויען איז דאך א סך אנגענעמער און פרייעלעכער צו עסן. מען פלוידערט, מען קיבעצט און מען פלירטעוועט אזוי לאנג ביז די נוירם צעקלינגלט זיך מיט איר גלעקל און מען מוז, ליידער, גיין אין די בעטן אריין.

צוויי מאל אין דער וואך ווייזט מען א מאווי, וואו אויך אפילו די עלטערע פאציענטן קאנען פארברענגען א פאר שעה אין דער געזעלשאפט פון פרויען, סיי וואס אויפן ליוונט און סיי וואס אויף די שטולן אין זאל.

די פאציענטן מיט די פאציענטקעס קאנען אויך א פאר שעה אין טאג שפילן קארטן, שאך, דאמינא אדער אפילו — שפילן קלאוויר אין דעם ריזיקן ביבליאטעק־צימער. ווען חבר יאסל — דער הויפט־קעלנער פון דער סאנאטאריע — ווערט באצייטנס פריי פון די בערג „דישעס" (געשיר) קומט ער ארויף אין זיין ווייסן פארטוך אויף דעם „סטיידזש" (בימה) און ער שפילט טעאטער.

חבר יאסל האט ווירקלעך געקאנט ווערן אן אקטיאר אפילו אין דעם קונסט־טעאטער, אבער דער גורל האט אים צופעליק פארווארפן מיט א יאר

דרייסיק צוריק אין דער ליבערטי־סאַנאַטאָריע, וואו ער איז געוואָרן אַ קעלנער. איז שוין אַט באַלד דרייסיק יאָר ווי חבר יאָסל אַרבעט „צייטוויייליק" אין דער סאַנאַטאָריע, האַפנדיק, אַז פריער־שפּעטער וועט אים דער גוטער ראָובן גוס־קין, דער מענעדזשער פון דער אַקטיאָרן־יוניאָן — אויסלייזן פון גלות און אים אַוועקשטעלן אויף דעם „סטיידזש".

— די צרה איז נאָר — זאָגט מיר חבר יאָסל טאָג־איין, טאָג־אויס — וואָס די וועלט איז נאָך אַלץ צעדרייט און מען קאָן בשום אופן ניט קריגן קיין אַנ־דערן אויף זיין פּלאַץ.

טרייסט איך דעם חבר יאָסל, אַז אויך איך בין אַ קרבן פון דער צע־דרייטער וועלט, אַז אויך איך בין סוף כל סוף ניט מער ווי אַ קעלנער, וואָס מוז סערווירן פאַר מיינע לעזער וואָד־איין, וואָד־אויס גאַנץ נייע פּאַטראַוועס.

וואַרטן מיר איצטער ביידע — איך מיט יאָסלען — אויף יענער צייט, ווען די וועלט וועט שוין ניט זיין מער צעדרייט און אַנדערע וועלן קאָנען איבער־נעמען אונדזערע פּלעצער אין דער סאַנאַטאָריע.

דערווייל אָבער האָט זיך אונטערגערוקט אין די קעטסקיל־בערג דער ערב־פּסח. אינאיינעם מיט אים האָט זיך אויך אַריינגעשמוגלט דער פרילינג. די נאַטור אַליין האָט אַנגעהויבן מבער חמץ זיין דעם ווינטער אויף איר אייגע־נעם שטייגער. די קיילעכדיקע סאַזשעלקע צופוסנס דער סאַנאַטאָריע האָט מיט אירע אייגענע כחות זיך באַפרייט פון דעם גאַנץ דיקן און גאַנץ שווערן אייז־צודעק, איבער וועלכן איך האָב ערשט מיט אַ פּאָר חדשים צוריק שפּאַצירט אַזוי רואיק און זיכער, ווי איבער אַן אייזערנעם בריק.

לאָזט זיך אויס, אַז איך האָב ווינטער־צייט גאַנץ אומזיסט אויסגעקריצט ניט איין מאָל מיטן אייזערנעם שפּיץ פון מיין שטעקן מיין נאָמען אויף דעם גלאַנציקן אייז־רוקן פון דער סאַזשעלקע, כדי צו מאַכן מיין נאָמען אומשטערב־לעך אויך אפילו אין די קעטסקיל־בערג.

באַלד נאָך פּורים האָט זיך אָבער מיין נאָמען צעבוואַליעט איבער די באַ־פרייטע וואַסערן פון דער סאַזשעלקע און איך שטעל זיך פאָר, אַז ניט איין פישעלע האָט זיך, נעבעך, געוואָרגן שלינגנדיק די אותיות פון מיין נאָמען, מיינענדיק, אַז עס איז עפּעס רעכטס...

אויך די בוימער, וואָס האָבן ערשט מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק אויסגעזען ווי טשוהונענע גולמ׳ס, פאַרוויקלטע מיט שטעכיקע דראָט־צווייגן, האָבן פּלוצ־לינג באַקומען אין זיך אַ נייעם לעבן און דער גאַנצער וואַלד איז ברוין געוואָרן פון די קנאָספּן, וואָס יעדע איינע פון זיי וועט אַט־אַט אַרויספּלאַצן מיט אַ גרינעם בלאַט און עס וועט ווערן פּסח׳דיק דער גאַנצער אַרום.

אויך די נאַטור מאַכט דורך יעדן יאָר איר אייגענעם „יציאת מצרים"

און די פייגעלעך הויבן שוין אן א האלבע שעה פארטאג צו קלאפן די הגדה, ווי אין דער הגדה שטייט: „וכל המרבה לספר ביציאת מצרים הרי זה משובח".

קלאגט זיך פאר מיר איינער א פאציענט, אז די פייגעלעך וועקן אים אויף א האלבע שעה פארטאג און ער קאן שוין מער ניט שלאפן! דאס, וואס דער עלעווייטער פון די „ניו לאטס" בריאזגעט אים גאנצע מעת־לעתן אין קאפ אריין — ארט אים ניט לחלוטין. צום עלעווייטעד האט ער זיך שוין צוגע־וואוינט, אבער די פייגעלעך לאזן אים ניט שלאפן.

אזוי איז שוין דער מענטש!

יעדער איינער מיט זיינע אייגענע געוואוינהייטן און מיט זיינע אייגענע משוגעתן.

איך, למשל, בין מיט די פייגעלעך דווקא א גרויסער גוטער־ברודער. אויך איך שטיי אויף א האלבע שעה פארטאג און איך נעם זיך פאר מיינע אייגענע „יציאת מצרים". די בעסטע שעה'ן פון טאג זיינען די פארטאגיקע, איידער די סאנאטאריע שטעלט זיך אויף די פיס.

אין די דאזיקע פארטאגיקע שעה'ן פארברייננג איך אמבעסטן מיט מיינע לעזער און איך מאך דעמאלט מיין לעבן.

אין די אנדערע שעה'ן פון טאג, אנהויבנדיק פון זיבן פרי ביז ניין אין אוונט, ווערט שוין אוממעגלעך זעלבסטשטענדיק צו דענקען און זעלבסטשטענ־דיק צו פילן. מען ווערט א „פעישאן" און מען האלט דיך אין איין „באדערן".

שוין זיבן אינדערפרי קומט אריין חבר יאסל מיט א לידל — און מיטן פרישטיק. איך בין קוים פארטיק געווארן מיטן פרישטיק — קומט אריין די נוירס מאכן מיין בעט. באלד נאך דער נוירס קומט אריין סעם מיט זיין בארשט קערן און וואשן דעם דיל. נאכן מאן מיט דער בארשט קומט שוין א צווייטע נוירס נעמען מיין טעמפעראטור און מיין פולס. איך האב קוים באוויזן אפ־צוכאפן דעם אטעם פון די אלע געצוואונגענע הפסקות — ערשט עס מעלדן זיך צו מיר די ביידע דאקטוירים. איינער פון זיי גיט מיר א פרעג אין ענגליש ווי איך פיל זיך היינט, און דער צווייטער, וואס איז אליין א פליכטלינג, גיט מיר א זאג הינטער דער פלייצע פון דעם ערשטן דאקטאר:

— „א פיינער בחור!"

מיט אנדערע ווערטער, הייסט עס, אז דער צווייטער דאקטאר האט שוין באמערקט דעם הויפן פאפיר אויף מיין בלעכענעם שרייבטישל און דעם ניט־פארענדיקטן סיגארעטל, וואס איך האב אויף גיך פארקוועטשט אין דער אשניצע.

ווי נאר די דאקטוירים פארלאזן מיין צימער, פאל איך צו צו מיין שרייב־טישל, כדי צו פארענדיקן מיין פארטאגיקן שמועס מיט מיינע לעזער, אבער אט פארט אן אונדזער „גוד־באי" רובי מיט דער ערשטער פאטשט פון ליבער־טי. דעמאלט באפאלט מיך דער ריכטיקער פאטשט־פיבער. איך וויים ניט פאר

וואָס פריער צו כאַפּן זיך. רובי ליגט אויס אויף מיין בעט ביי אַ צענדליק בריוו און נאָכאַמאָל אַזויפיל צייטונגען, זשורנאַלן און ביכער פון אַלע עקן וועלט! דעמאָלט ערשט דערזע איך ווי דאָס גאַנצע יידישע פאָלק ליגט זיך אויס אויף מיין הויכער שפּיטאָל־בעט און איך הויב אָן, ווי אַ געניטער דאָקטאָר, צו מעסטן די טעמפּעראַטור און צו טאַפּן דעם דופק פון מיין פאָלק.

איך עפן איין בריוו נאָך דעם צווייטן און איך שפּרינג ווי אַ וועווערקע פון לאַנד צו לאַנד און פון קאָנטינענט צום קאָנטינענט. אָט בין איך אין מינסק און אָט — אין שאַנכאַי. אָט בין איך אין וואַרשע און אָט אין פּאַריז. אָט בין איך אין בוענאָס־איירעס און אָט אין מעלבאָרן (אויסטראַליע). אויך פון די צוויי פאַרשיידענע קאָנטינענטן: ברוקלין און די בראָנקס, זיינען פאַראַן עטלעכע בריוו. אין איין בריוו בעט מען זיך ביי מיר איך זאָל ווערן „אינטע־גראַל”, דאָס הייסט אַפּהיטן יידישקייט אין „אינטעגראַלן” מאַסשטאַב (וואָס דאָס איז אַזוינס — ווייס איך נאָך ניט גענוי), און אין דעם צווייטן בריוו ליגט מען מיר פאָר זיך אַנצושליסן אין דער ניי־געפּלאַנטער אָרגאַניזאַציע „אהבת ישראל”, צו וועלכער איך געהער, אגב, זינט איך בין געבוירן געוואָרן!

אין דעם דריטן בריוו בעט מען מיך צו באַגריסן אַ זשורנאַל לכבוד דעם ערשטן מאַי, און אין דעם פערטן בריוו פרעגט מען מיך אָן, צי איך וועל קו־מען אויף פּסח קיין ניו יאָרק.

געוויס וועל איך באַגריסן דעם זשורנאַל צום ערשטן מאַי, און געוויס וועל איך קומען אויף פּסח אהיים, אָבער איך מוז דאָך צוערשט פאַרענדיקן מיין שמועס מיט די לעזער, וואָס איך האָב אָנגעהויבן אַ האַלבע שעה פאַרטאָג אינאיינעם מיט די ערב־פּסחדיקע פייגעלעך, און אָט איז שוין צוועלף בייטאָג!

איך הער שוין ווי חבר יאָסל קומט צו מיר מיט זיין לידל און מיט מיין „לאַנטש”.

— יע, חבר יאָסל, ביזט טאַקע גערעכט! די וועלט איז נאָך אַלץ צע־דרייט און מיר דרייען זיך מיט!

טראַכט איך, אַז נאָך דעם מיטאָג, צווישן איינס און דריי, ווען אַלע פּאַ־ציענטן מוזן ליגן אין די בעטן, ווען די נוירסעס און די דאָקטוירים רוען זיך אויך אויס פון דעם האַלבן טאָג אַרבעט, אַז אָט דעמאָלט וועל איך ענדלעך פאַר־ענדיקן מיין שמועס מיט די לעזער און מיין צייטונג וועט האָבן נאָך איינעם אַן אַרטיקל פון דער לונגען־סאַנאַטאָריע.

האָב איך אָבער קוים באַוויזן איינצוזופּן מיין פּען און צו פאַררויכערן דעם סיגאַרעטל, וואָס אַז אים קאָן איך מיין פּען ניט באַוועגן — ערשט עס רוקט זיך אַריין צו מיר שטילערהייט אַ פּאַציענט פון אַ שכנותדיקן צימער מיט אַ נייעם ווערק.

ער איז א בריה, דער פּאַציענט, צו שרייבן משלים אויף פאַרשיידענע זאַכן. היינטיקן מאָל, זאָגט מיר דער פּאַציענט, האָט ער מיר געבראַכט א שטיקל משל אויף דעם יידישן לעבן אין אַמעריקע.

איך נעם דעם משל און איך לייען!

„שבת נאָך האַלבן טאָג, תמוז, אין גרעסטן פּראָסט בין איך געזעסן אין סוכה און געפּראַוועט דעם סדר אויף בלינטשעס און מצות — זיינען געקומען די פּורים־שפּילער מיט לאַנגע הושענות, האָבן פאַרלאָשן די חנוכה־ליכט, איז געוואָרן פינצטער אין שול און איך האָב ניט געקאָנט זאָגן קיין קינות".

דער דאָזיקער „משל" אויף דעם יידישן לעבן אין אַמעריקע האָט גאָר אינגאַנצן צעטומלט אַלע מיינע געדאַנקען און שטימונגען. ס'איז מיר געוואָרן פינסטער אין קאָפּ, ווי א פּורים־שפּילער וואָלט, ווירקלעך, אויסגעלאָשן אַלע מיינע „חנוכה־ליכטלעך"...

## א גאַנג איז א גאַנג!

באַלד נאָכדעם, ווי פּראָפ. פינקעלשטיין פון דעם טעאָלאָגישן סעמינאַר האָט אונדז אָנגעזאָגט די טרויעריקע בשורה, אַז דאָס יידיש פאָלק אין אַמעריקע איז שוין אויפן שוועל פון אונטערגאַנג — האָב איך צווישן די פּאַציענטן פון דער לונגען־סאַנאַטאָריע דורכגעפירט א „גאַלאָפּ־פּאָל", לויטן אַמעריקאַנער נוסח, כדי צו דערוויסן זיך די אמתע לאַגע וועגן דעם אונטערגאַנג פון מיין פאָלק אין אַמעריקע.

מיין אַנקעטע האָב איך דורכגעפירט נאָר צווישן יענע פּאַציענטן, וואָס זיינען שוין געבוירן געוואָרן אין אַמעריקע גופא. די געבוירענע האָבן דאָך שוין געהאַט גענוג צייט און גענוג מעגלעכקייטן חתונה צו האָבן מיט שיק־סעס אָדער, חלילה, גאָר אינגאַנצן זיך אָפּצוטראָגן פון דעם יידישן פאָלק.

צווישן מיינע אַמעריקאַנער געבוירענע „טי בי"־קאָלעגן זיינען שוין פאַראַן גאַנצע דערוואַקסענע מענער, וואָס האָבן שוין חתונה־געהאַטע קינדער. אַזוי אַרום האָב איך שוין געקאָנט באַקומען א פאַרשטעלונג אויך אפילו וועגן דעם צווייטן דור אַמעריקאַנער־געבוירענע קינדער.

צוערשט האָב איך זיך א נעם געטאָן פאַר איינעם א פּאַציענט, וואָס שטאַמט פון א געמישטער הייראַט. זיין טאַטע איז א ייד, זיין מאַמע איז א קריסטין. פאַרשטייט זיך, אַז זיין מאַמע־לשון איז ניט יידיש, נאָר ענגליש. אַזוי ווי אָבער מיין מאַמע־לשון איז נאָך עד היום נאָר יידיש — האָבן מיר ביידע

אויסגעאַרבעט אַ בשותפותע שפּראַך, וועלכע באַשטייט סך־הכל פון עטלעכע ווערטער און וואָס נאָר געניטע שאַך־שפּילער פאַרשטייען זיי (איך האָב פאַר־געסן צו דערציילן, אַז איך מיט דעם „געמישטן" פּאַציענט זיינען ליידנשאַפט־לעכע שאַך־שפּילער). די עטלעכע ווערטער, דורך וועלכע מיר דריקן אויס אַלע אונדזערע געדאַנקען און געפילן זיינען: „מואוו איז עי מואוו", ד. ה. „אַ גאַנג איז אַ גאַנג!"

גיב איך אים אַ פרעג צווישן איין גאַנג און אַ צווייטן:

— איז עס אמת, אַז דו שיקסט דיינע יינגעלעך אין אַ ישיבה?

— „שור, מואוו איז עי מואוו!" — ענטפערט מיר באַלד מיין שאַך־פּאַרט־נער.

פאַרשטיי איך שוין, אַז אַט דער האַלבער ייד שיקט זיינע קינדער אין אַ ישיבה, ווייל ער וויל זיי מאַכן פאַר גאַנצע יידן.

אמת, דער טאַטע זיינער האָט, אפשר, געמאַכט אַ פאַלשן „מואוו", וואָס ער האָט חתונה געהאַט מיט אַ קריסטין, אָבער ער — דער זון — איז דאָך ניט מחויב צו מאַכן דעמזעלבן פאַלשן „מואוו", וואָס דער טאַטע זיינער האָט גע־מאַכט.

— „דאַט'ס רייט. מואוו איז עי מואוו!" — בין איך באַלד מסכים מיט מיין פּאַרטנער און איך דערקלער אים אין יידיש, וואָס ער פאַרשטייט קוים, אַז ס'איז טאַקע „פאַלג מיר אַ גאַנג" דער גרויסער מהלך פון הר סיני ביז צו די קעטסקיל־בערג, אָבער „אַ גאַנג איז אַ גאַנג!" מיר גייען שוין אַט אַזוי דורך פייער און פלאַם טויזנטער יאָרן און מיר ווערן נישט פאַרברענט! — ס'יידיש פאָלק, — זאָג איך אים, — איז געגליכן צום „סנה", וואָס ברענט און ברענט און ווערט קיינמאָל ניט פאַרברענט! וויפיל מאָל די אומות העולם האָבן אים געוואָלט אויסלעשן, אָבער ס'העלפט ניט! האָט מען אים אויסגעלאָשן אין שפּאַניע — האָט ער זיך אָנגעצונדן אין דייטשלאַנד, האָט מען אים אויס־געלאָשן אין דייטשלאַנד — האָט ער זיך אָנגעצונדן אין פּוילן, האָט מען אים אויסגעלאָשן אין פּוילן — האָט ער זיך אָנגעצונדן אין אַמעריקע! — צוליב דעם טאַקע האָט מיין שאַך־פּאַרטנער, וואָס איז אַליין אַ האַלבער ייד, אַוועק־געשיקט זיינע קינדער אין אַ ישיבה — זיי זאָלן דאָרטן ווערן גאַנצע יידן!

— „שור, מיסטער טשאַרני, מואוו איז עי מואוו!" — מיט אַנדערע ווער־טער, הייסט עס, אַז פון דעם הר סיני ביז צו די קעטסקיל־בערג איז טאַקע „פאַלג מיר אַ גאַנג!" אָבער „אַ גאַנג איז אַ גאַנג!"

וואָלט מיך שוין לחלוטין נישט געאַרט, ווען אַט דער האַלבער ייד גיט מיר אַ מאַט.

ער איז דאָך שטאַרקער פון מיר! ער האָט באַוויזן דעם גרויסן קונץ

ארויסצוראטעוועז זיינע קינדער פון זיין מאמעס קלויסטער! איז זאל אים גאט העלפן אנצוגייז ווייטער מיט אט דער דאזיקער רעטונגס־ארבעט!

ס'איז טאקע „פאלג מיר א גאנג," אבער א גאנג איז א גאנג!

ווען איך בין פארטיק געווארן מיט מיין „געמישטן" שאך־שפילער — זאגט צו מיר דער קיבעצער, וואס האט די גאנצע צייט זיך געהאט צוגעקוקט מיט גרוים שפאנונג צו אלע אונדזערע גענג — אזוי צו זאגן:

— איך וואונדערט זיך, פריינט טשארני, וואס א האלבער ייד שיקט זיינע קינדער אין א ישיבה, איז אט האב איך מיינע קינדער נישט געגעבן קיין שום יידישע דערציאונג און דאך וויסן זיי פון יידישקייט א סך מער פון מיר.

— ווי קומט עס? — האב איך א פרעג געטאן מיין קיבעצער.

— גאנץ פשוט, — האט מיר דער ייד געענטפערט. — מיינע עלטערן האבן מיר אויך נישט געגעבן קיין שום יידישע דערציאונג. די איינציקע זאך, וואס איך האב פון זיי גע'ירש'נט — איז די יידישע שפראך. מיט עטלעכע און פערציק יאר צוריק, ווען איך בין דא געבוירן געווארן, האט מען, זעט אויס, ניט געהאלטן פון א ספעציעל־יידישער דערציאונג. האבן מיר דא ניט גע־וואוסט פון קיינע שום ימים־טובים און מנהגים יידישע. אויך איצט אפילו ווייס איך נאך ניט, וואס איז אזוינס פסח און וואס איז אזוינס סוכות! די קינדער מיינע, בין איך געווען זיכער, ווייסן דאך אוודאי ניט פון קיינע שום מנהגים און ימים־טובים יידישע! לאזט זיך אבער אויס, אז היינטיקן ערב פסח איז געקומען צו מיר מיין טאכטער מיט א טענה, אז זי מוז חתונה האבן נאך פאר פסח, ווייל נאך פסח טארן יידישע קינדער ניט חתונה האבן. סע קומט די „ספירה" און ביז שבועות טאר מען שוין ניט חתונה האבן!

— וועלכע „ספירע"?" — האב איך אנגעקוקט מיין טאכטער, ווי א צע־דרייטע.

— וויסטו ניט, אז ביי יידן איז פאראן אזא מין „ספירע", וואס לאזט ניט חתונה האבן פון פסח ביז שבועות?

האב איך באלד אפגערופן דעם ראביי פון מיין קאנגרעגיישאן און אים געפרעגט, צי ער ווייס פון אזא מין „ספירע", וואס לאזט יידישע קינדער ניט חתונה האבן צווישן פסח און שבועות?

האט מיר דער ראביי דערקלערט דעם גאנצן ענין, און דעמאלט ערשט האב איך זיך פארשעמט, וואס מיין טאכטער ווייס וועגן יידישע זאכן א סך מער פון מיר.

— ס'איז טאקע זייער פיין פון אייער טאכטער, וואס זי האט ניט געוואלט חתונה האבן אין די ספירה־טעג! — האב איך באלד מסכים געווען מיט דעם שאך־קיבעצער, אבער ווי קומט זי צו וויסן פון אזעלכע זאכן?

— אט דאס זאג איך דאך, אז די קינדער אונדזערע ווייסן א סך מער פון אונדז און זיי האלטן אויך פון אונדזער גלויבן א סך מער, ווי מיר אליין האלטן פון אים!

— ס'איז, אייגנטלעך, מער אויבערגלויבן, ווי גלויבן, — האב איך פרובירט אויפקלערן די ספירה־שרעק פון זיין טאַכטער.

— וואס איז דער אונטערשייד: גלויבן צי אויבערגלויבן, אבי מען האט א יידיש הארץ! — האט זיך פלוצים אריינגעמישט אין אונדזער שמועס א צווייטער פאַציענט, אויך שוין א געבוירענער אין אמעריקע.

— אט וועל איך אייך דערציילן, ווי אזוי איך — א ייד אין די פופציקער — בין אנומלטן געשטאַנען אונטער דער חופה מיט א ספר־תורה און געוויינט ווי א קינד.

— אדרבא, דערציילט ווי אזוי איר האט חתונה געהאַט מיט א ספר־תורה?

— האבן מיר דעם צווייטן פאַציענט צוגעגעבן חשק צו דערציילן זיין מעשה.

— אט, הערט נאר, וואס עס האט מיט מיר פאַסירט: מיין טאַכטערס חתן האט געדינט ערגעץ־וואו אין דזשאַרדזשיאַ סטייט. פלוצים באַקומען מיר פון אים א טעלעפאָן, אז מ'שיקט אים באַלד אוועק קיין אייראָפּע. וואָלט ער וועלן — זאָגט ער אונדז אין טעלעפאָן — חתונה האָבן מיט מיין טאַכטער נאָך איידער מען שיקט אים אוועק. דעמאָלט, זאָגט ער, וועט ער זיין זיכערער, אז ער וועט זיך אומקערן פון אייראָפּע געזונטערהייט צוריק א היים. נעם איך און שיק אוועק דעמזעלבן טאָג מיין טאַכטער מיט מיין פרוי קיין דזשאַרדזשיאַ און זאָלן זיי דאָרטן חתונה האָבן אין א מזל־דיקער שעה! באַקום איך שבת א טעלעפאָן פון מיין פרוי און טאַכטער, אז זונטיק קומט שוין פאָר די חתונה און אז אויך איך זאָל אומבאַדינגט קומען צופליען צו דער חתונה.

ס'איז שוין אָבער געווען צו שפּעט צו געפינען א פרייען פּלאַץ אויף אַן עראָפּלאַן קיין דזשאַרדזשיאַ און כ'האָב געמוזט בלייבן אין דער היים.

ווען ס'איז אָבער געקומען די צייט פון זונטיק, 4 בייטאָג, ווען דאָרטן אין דזשאַרדזשיאַ האָט געדאַרפט פאַרקומען די חתונה פון מיין איינציקער טאַכטער — האָב איך זיך ניט געקענט קיין אָרט געפינען. איך האָב געפילט, אַז איך מוז עפּעס טאָן, אַז איך מוז אויף אַ וועלכן ניט אופן באַטייליקן זיך אין מיין טאַכטערס חתונה. בלייבן אין הויז — איז געוואָרן פאַר מיר אוממעגלעך. כ'וואָלט משוגע געוואָרן פון בענקשאַפט און עלנט. בין איך אַרויס אין גאַס. אפשר וועל איך זיך מיט עפּעס פאַרטומלען? אָבער אַט דערזע איך אַ שול, אַ יידישע שול, בין איך אַריין אין שול. כ'האָב דאָרטן געטראָפן איין־איינציקן יידן. פרעג איך דעם יידן, ווער ער איז? ענטפערט ער מיר, אַז ער איז דער שמש פון שול. פרעג איך אים, צי קאָן ער מיר שטעלן אַ חופה? קוקט ער מיך אָן ווי אַ משוגענעם און ער פאַרשטייט ניט, וואָס איך וויל פון אים?

דערקלער איך אים מיין גאנצע לאגע, דערצייל איך אים, אז ער וועט מיך ממש ראטעווען, ווען ער שטעלט מיך אוועק אונטער א חופה און ער זאגט אלע נויטיקע חתונה־תפילות. איך וויל האבן, זאג איך אים, דעם געפיל, אז איך שטיי אינאיינעם מיט מיין פרוי און טאכטער און איידעם אונטער דער חופה און ס'וועט זיין ליהודים!

האט דער שמש דערפילט מיין הארץ. האט ער באלד אויפגעשטעלט די חופה, געגעבן מיר אפילו א ספר־תורה צו האלטן און דער שמש האט אנגע־הויבן צו זאגן און צו זינגען פארשיידענע מינים תפילות, וואס מען זאגט ביי א חתונה — בין איך דערפון אזוי שטארק גערירט געווארן, אז כ'האב אנגעהויבן די ספר־תורה צו קושן און צו האלדזן, ווי זי וואלט געווען מיין טאכטער און כ'האב זיך באלד פאנאנדערגעוויינט ווי א קליין קינד. דעמאלט האט דער שמש געענדיקט די צערעמאניע. ער האט מיר דריי מאל געזאגט מזל־טוב. האב איך אים געגעבן דריי מאל ח"י דאלער — פאר מיין פרוי, פאר מיין טאכטער און פאר מיין איידעם, און כ'זאג אייך, טשארני, אז ס'איז ווערט געווען! כ'האב זיך ממש מחיה געווען! ס'איז מיר אראפגעפאלן א שטיין פון הארצן!

— ס'איז טאקע א טשיקאווע „חתונה". אזא איינע קאן פאסירן נאר אין אמעריקע! — האב איך מסכים געווען מיטן יידן, וואס פון דער גאנצער יידיש־קייט איז אים פארבליבן, ווי ער זאגט, ניט מער ווי די יידישע שפראך.

— אויב איר זוכט טשיקאווע מעשות, האב איך אויך א גאנץ פיינע גע־שיכטע, וואס האט פאסירט אין איינעם א שטעטל פון פענסילווייניע סטייט — האט זיך צוגעקנעפלט צו אונדזער שמועס נאך איינער א פאציענט, וואס איז אויך א געבוירענער אין אמעריקע, אבער נאך ניט קיין חתונה־געהאטער.

— אדרבא, דערציילט אויך אייער מעשה. איך האב זי נויטיק פאר מיין ציטונג! — האב איך אים צוגעגעבן חשק.

אבער אינמיטן דערינען האט זיך די נוירס פאנאנדערגעקלונגען מיט איר גלעקל און מיר האבן געמוזט גיין אין די בעטן מעסטן די טעמפעראטור.

האב איך זיך ארייננגעלייגט אין בעט מיטן גראדוסניק אין מויל און גע־טראכט, אז סוף כל סוף האט אונדז דער פראפעסאר פינקעלשטיין פון דעם טע־לאגישן סעמינאר אומזיסט איבערגעשראקן מיטן אונטערגאנג פון יידישקייט אין אמעריקע.

דער גאנג פון דעם יידישן פאלק דורך דער בלוטיקער וועלט־געשיכטע שלענגלט זיך אזוי טשיקאווע און פארדרייט דורך פארשיידענע מינים אונטער־הימלישע קאנאלן, אז אפטמאל פארלירן די יידן אליין זייערע ריכטיקע שפור און זיי ווערן אויף א ווײַלע צעטומלט.

אט, למשל, האבן די יידישע אימיגראנטן אין אמעריקע מיט א יאר דרייסיק־פערציק צוריק געטאנצט אויף די אנטי־יום־כפור באלער און געפרעסן

בפרהסיה חזיר און איצטער שרעקן זיך שוין זייערע קינדער און אייניקלעך חתונה צו האָבן אין די ספירה־טעג!

ווי וואונדערלעך ס'איז דער גאַנג פונם יידישן פאָלק!

## ס'איז שולדיק דער קלימאַט

אין דעם פאַריגן קאַפּיטל האָט די באַרמהאַרציקע שוועסטער (נוירס) איבערגעריסן אינמיטן־דערינען מיין שמועס מיט די פּאַציענטן וועגן דעם וויי־טערדיקן גורל פון דעם יידישן פאָלק אין אַמעריקע.

ווען די נוירס קלינגט זיך פאַנאַנדער מיט דעם „טי־בי"־גלעקל איבער דער גאַנצער סאַנאַטאָריע, איז עס „אַ גזירה אויף יידן" און מען מוז גיין אין די בעטן אַריין.

די נוירס איז אַ קריסטין זינט יעזוס'עס געבורט. ס'איז שוין אַ קימא לן פון קאַרגע צוויי טויזנט יאָר, אָבער זי אַליין איז אַביסל יינגער.

פאַר איר פּערזענלעך איז שוין משיח לאַנג געקומען, דעריבער אַרט איר ניט לחלוטין וואָס דער יידישער משיח איז נאָך אַלץ אונטערוועגנס.

איך בין אַפילו חושד די נוירס, אַז זי איז פּערזענלעך פאַראינטערעסירט אין דעם, אַז אונדזער משיח זאָל קומען וואָס שפּעטער. אויב משיח זאָל טאַקע קומען אין דער נאָענטסטער צייט, ווי מיר אַלע ווינטשן דאָס, וועלן דאָך אַלע יידן פון אַמעריקע (אויך אַפילו די „טי־בי"־יידן) זיך איבערפּעקלען קיין ארץ ישראל, דענסטמאָל שליסט מען די לונגען־סאַנאַטאָריע און די קריסטלעכע נוירס וועט שוין ניט קאָנען מער קוויקן זיך יעדן פרייטיק מיט געפילטע פיש, יעדן שבת מיט אַ לאָקשן־קוגל, יעדן פּורים מיט המן־טאַשן, יעדן פּסח מיט מצה־קניידלעך און אַזוי ווייטער.

ווען אַ קריסטלעכער מענטש עסט יאָרנלאַנג די געשמאַקע יידישע מאכלים — וועלן אים שוין די גוישע פּאַטראַוועס מער ניט שמעקן. דעריבער, מיין איך, איז די נוירס פּערזענלעך פאַראינטערעסירט, אַז די יידישקייט אין אַמע־ריקע זאָל קיינמאָל ניט אונטערגיין.

איז ווי נאָר זי דערהערט, אַז איך פאַרפיר שוין ווידער אַ לאַנגן שמועס מיט די פּאַציענטן וועגן דער ירידה פון יידישקייט אין אַמעריקע, כאַפּט זי זיך באַלד פאַר דעם שפּיטאָל־גלעקל און זי פאַרטרייבט אונדז אין די בעטן אַריין.

אָבער אויך אַפילו ליגנדיק אין בעט גיי איך ניט אַרום ליידיק. איך סאָר־טיר און פילטריר פאַר מיינע שפּיטאָל־פאַרצייכנונגען די אַלע מעשות, וואָס די

פּאַציענטן האָבן מיר געהאַט אַנדערצײלט װעגן זײערע קינדער און אײניקלעך, און איך קום צום אויספֿיר, אַז ס'איז נאָך צופֿרי צו רײדן װעגן אַ װעלכן ניט איז ייִדישן אונטערגאַנג אין אַמעריקע.

גאַנץ אַמעריקע געפֿינט זיך נאָך, דוכט זיך מיר, אין אַ מעשׂי בראשית צושטאַנד. ס'װעט נאָך מוזן נעמען לאַנגע־לאַנגע יאָרן ביז די אַנגעלאָפֿענע פֿעלקער און שבטים פֿון אַלע עקן װעלט װעלן זיך איבערשמעלצן אין עפּעס אַ נײער „ראַסע", װאָס װעט מיט זיך פֿאָרשטעלן עפּעס אַ נײעם אינטערנאַציאָנאַל פֿון פֿאַרשײדענע מינים נאַציאָנאַלע אײנהײטן.

דערװײל אָבער איז נאָך זײער שװער צו שטעלן אַ װעלכן עס איז דיאַגנאָז װי אַזױ ס'װעט אויסזען אין אַמעריקע דער צוקונפֿטיקער ייִד, דער צוקונפֿטיקער בינעזער, אָדער נעגער?

נישט נאָר די מענטשן אין אַמעריקע, נאָר אויך אַפֿילו די װעטערן פֿון דעם אַמעריקאַנער קאָנטינענט זענען נאָך װײט ניט קײן אײנגעשטעלטע, ניט קײן אײנגעפֿונדעװעטע.

אָט, למשל, האָב איך אין די קעטסקיל בערג, װאָס געהערן, זאָגט מען, אויך צום אַמעריקאַנער קאָנטינענט, דורכגעמאַכט פֿאַר דרײ־פֿערטל יאָר צװײ פֿרילינגס, צװײ זומערס און צװײ װינטערס. לויטן װעלט־קאַלענדאַר װערט דער יאָר פֿאַרטײלט אין פֿיר סעזאָנען: פֿרילינג, זומער, האַרבסט און װינטער. אָבער דער אַמעריקאַנער קלימאַט רעכנט זיך ניט לחלוטין מיט די פֿאַרשריפֿטן פֿון דעם װעלט־קאַלענדאַר.

פֿאַריגן פּורים איז שוין בײ אונדז געװען הײס װי אין תּמוז. עס האָבן זיך שוין אַפֿילו באַװיזן די ערשטע פֿליגן און בינען. זײ האָבן געקאָנט פֿראַנק און פֿרײ אַרײנשמעקן אין אַלע צימערן פֿון אונדזער סאַנאַטאָריע, װײל די דראָט־נעצן אין די פֿענצטער (די „סקרינס") זײנען נאָך ניט געװען אַרײנגעשטעלט.

אָבער אין פֿינף װאָכן אַרום נאָך דעם צעזומערטן פּורים — דאָס הײסט אַ װאָך נאָך פּסח, איז פּלוצלינג אַרויסגעפֿאַלן אַ דיקער שנײ און די צעבליטע פֿעלדער און װעלדער זײנען געװאָרן אויף טויט איבערגעשראָקן.

אַפֿילו די צעשטיפֿטע פֿײגעלעך זײנען זיצן געבליבן צעטומלטע אין זײערע נעסטן. זײ האָבן זיך געטרײסלט איבער זײערע פֿריש־געלײגטע אײעלעך, װאָס קענען נאָך חלילה װערן איבערגעפֿרוירן (אַפֿילו פֿײגעלעך שרעקן זיך צו פֿאַרבלײבן אָן אַ צװײטן דור, אָן יורשים!)

איצטער, װען איך שרײַב די דאָזיקע שורות, איז שוין פֿון דעם זומערדיקן שנײ קײן שפּור ניט פֿאַרבליבן.

די פֿעלדער מיט די װעלדער זײנען שוין װידער גרין און ברױן. עס

בליען שוין אפילו די עפּלביימער און די פייגעלעך מאכן דאָ ווידער אַ גאַנץ פיינעם לעבן (הלואי אויף מיר געזאָגט געוואָרן).

האָב איך דעם צווייטן פרילינג אין די קעטסקיל־בערג אַ נאָמען געגעבן „אינדיען ספּרינג״.

אויב ס׳קען זיין אין נאָוועמבער־דעצעמבער אַ צווייטער זומער, אַז „אינ־דיען סאַמער״ — איז פאַרוואָס זאָל אויך ניט זיין אין אַפּריל־מאַי אַז „אינ־דיען ספּרינג״?

און וויבאַלד מיר פאַרמאָגן אין אַמעריקע צוויי פרילינגס און צוויי זו־מערס — קען מען שוין אויך מאַכן אין אַ מיטן חול המועד אַ דריטן סדר, אַ מין „אינדיען סדר״.

פאַר אַן אייראָפּעאישן מענטשן זיינען די ערשטע פינף יאָר, ביז ער באַ־קומט זיינע בירגער־פּאַפּירן („סיטיזען פּייפּערס״), זייער שווער זיך צוצוגע־וואוינען צו דעם אַמעריקאַנער קלימאַט, וואָס פּראָדוצירט אין משך פון איין יאָר צוויי פרילינגס, צוויי זומערס, דריי סדרים און אז.וו.

אין אייראָפּע איז שוין דער קלימאַט אַ סך מער איינגעפונדעוועט און סטאַ־ביל. אין אייראָפּע אַרבעט די נאַטור לויט די פאַרשריפטן פון קאַלענדאַר. דעריבער פלעגט מען אין די יידישע לוחות פון אייראָפּע קענען שטענדיק פאַר־אויסזאָגן דעם וועטער פון אַלע יידישע יום טובים אויף אַ גאַנצן יאָר פאַראויס.

אין אַמעריקע אָבער איז שווער פאַראויסצוזאָגן דעם וועטער אַפילו פון היינט אויף מאָרגן.

וויפיל מאָל האָט שוין פּאַסירט, אַז מען איז אַוועק, זאָגן מיר, צום דריטן סדר אין לייכטע זומערדיקע בגדים און ווען מען האָט געדאַרפט נאָך אַלע „חד גדיא׳ס״ אומקערן זיך אהיים — האָט געגאָסן ווי פון עמערס. ניט איין דריט־סדר׳דיקע פרוי האָט, נעבעך, איבערגעפירט איר נייעם פּסחדיקן גאַרדעראָב און פאַרנעצט איר פיין־געפודערטן דעקאָלטע.

ס׳האָט אַפילו פּאַסירט אַזאַ מין פאַל: איינער אַ פריינט מיינער פון פּאַ־ריז (אויך אַ פליכטלינג און אויך אַ כלל־טוער) האָט באַלד ווי ער איז געווען אָנגעקומען בשלום אין אַמעריקע, זיך אַוועקגעלאָזט פון די בראָנקס אַזש קיין ברוקלין בעטן אַז אַפּידייוויט ביי איינעם אַ רייכן אָנקל פאַר זיינעם אַ פּלי־מעניק, וואָס איז פאַרבליבן אויף הפקר אין פּאַריז. ביז מיין „גרינער״ פריינט האָט באַוויזן דורכצומאַכן אונטער דער ערד די גאַנץ לאַנגע שטרעקע צווישן די בראָנקס און ברוקלין — איז אין ברוקלין דערווייל אויסגעבראָכן אַ שלאַקס־רעגן. מיין פריינט איז אָנגעקומען צום רייכן אָנקל נאַס ווי אַ האָז. האָט מיין פריינט, דער כלל־טוער, אָנגעהויבן צו אַנטשולדיקן זיך פאַר דעם אַמעריקאַנער אַלרייטניק, וואָס ער קומט צו אים אַ דורכגעווייקטער פון קאָפּ ביז די פיס. ער האָט אים דערציילט, אַז ווען ער איז געווען אַוועק פון די בראָנקס איז דאָרטן

געווען א לויטערער, זוניקער הימל, ווי אינמיטן זומער. גיי ווייס, אז אין ברוקלין מוז מען האבן קאלאשן מיט א רעגנשירעם!

אגב, איז מיין פריינט ניט געווען גענוג פארזיכטיק מיט זיינע רייד. אנ־שטאט צו ריידן גלייך וועגן דעם אפידייוויט, צוליב וועלכן ער איז צו אים גע־קומען אזש פון די בראנקס, האט ער גאר אנגעהויבן נאך מער צו קריטיקירן דעם אמעריקאנער וועטער:

— ס'איז עפעס א משוגענער וועטער ביי אייך אין אמעריקע, — האט מיין פריינט א זאג געטאן. — אט שיינט די זון און אט רעגנט, אט איז היים און אט איז קאלט, בעת ביי אונדז אין איירָאפע איז זומער — זומער, און ווינ־טער איז ווינטער!

ווען דער רייכער אנקל האט געהאט אויסגעהערט פון דעם גרינהארן אזא מין בייזע קריטיק אויף דעם אמעריקאנער וועטער, האט ער צו אים בייז א זאג געטאן:

— כ'פארשטיי ניט צוליב וואס זאל מיין פלימעניק קומען פון איירָאפע קיין אמעריקע, וויבאלד דארטן, אין איירָאפע, זיינען אזעלכע שיינע וועטערן!

איז מיין פריינט אוועק פון דעם ברוגז־געווארענעם אלרייטניק אן אן אפידייוויט!

ווייס איך שוין, אז די אמעריקאנער יידן האבן בטבע ניט ליב, ווען די גרינהארנס הויבן אן צו קריטיקירן אפילו דעם קלימאט פון אמעריקע.

איך בין דא אבער לחלוטין ניט פאראינטערעסירט צו קריטיקירן, חלילה, די „אינדיען ספרינגס" און די אינדיען סאמערס", וואס שטאמען נאך, זאגט מען, פון די אינדישע צייטן.

אדרבא, אין דער ניט־באשטענדיקייט פון דעם אמעריקאנער קלימאט זע איך די שעפערישע חבלי לידה פון א לאנד, וואס דארף נאך ערשט קומען צו זיך, וואס דארף נאך ערשט ווערן סטאביל און איינגעפונדעוועט.

דער יונגער אמעריקאנער קאנטינענט איז נאך ניט ארויס, ווי געזאגט, פון זיינע ווינדעלעך, און דער רבונו של עולם אליין האט נאך ניט געזאגט אויף אמעריקע זיין ענדגילטיקן „כי טוב" (א־קעי, הייסט עס).

יאגן זיך די מענטשן פון אמעריקע צווישן אטלאנטיק און פאסיפיק נאך אט דעם דאזיקן „כי טוב", ווייל עס דאכט זיך זיי שטענדיק, אז דארטן, ערגעץ וייטער, איז נאך בעסער. אזוי איז די טבע פון פיאנערן, וואס זוכן שטענדיק דעם מאקסימום נוצן און באקוועמלעכקייט. וואנדערט מען איבער פון איין שטאט צו א צווייטער און פון איין סטייט צו אן אנדערן. אין די שטעט גופא האלט מען אין איין ארייבערפעקלען זיך פון איין קווארטאל אין א צווייטן. אין קיין איין לאנד בייטן ניט מענטשן אזוי אפט די אדרעסן, ווי מען בייט זיי אין אמעריקע.

מיין אדרעסן־ביכל אין אייראפע פלעגט זיין גילטיק אויף יארן־לאנג. אין אמעריקע אבער מוז איך יעדן יאר בייטן מיין אדרעסן־ביכל, ווייל אין משך פון א יאר האבן שוין א סך פון מיינע פריינט און קאלעגן „איבערגעמופט" אין אנדערע פלעצער.

בין איך, דעם אמת געזאגט, איצטער גאנץ צופרידן מיט דעם גרויסן מאנגל אין דירות. כ'וועל כאטש עטלעכע יאר ניט דארפן איבערשרייבן מיין אדרעסן־ביכל. מיינע פריינט און לעזער וועלן זיך צוגעוואוינען צו זיצן אויף איין ארט.. זיי וועלן זיך בעסער איינלעבן מיט זייערע שכנים, וואס קענען אויך ניט „מופן". די קינדער זייערע וועלן ניט דארפן בייטן אזוי אפט די „סקולס". די זיידעס מיט די באבעס וועלן האבן זייערע אייניקלעך אויף איין פלאץ און אזוי ארום וועט זיך שאפן אן ענגערער קאנטאקט צווישן די דריי דורות. דאס וועט האבן א גוטע ווירקונג אויף דער דערציאונג פון די קינדער און אזוי ארום קען זיך איינשטעלן מיט דער צייט א נייער יידישער לעבנס־שטייגער, וואס וועט זיין א סינטעז צווישן דער אלטער היים און דער נייער.

דעריבער טאקע בעט איך גאט, אז דער דירות־מאנגל אין אמעריקע זאל אנהאלטן וואס לענגער!

אדרבא, זאלן די חתונה־געהאטע קינדער מוזן פארבלייבן וואס לענגער אין דעם הויז פון זייערע עלטערן. ס'וועט טאקע זיין אביסל ענגלעך, אבער דערפאר — א סך היימישער און פריילעכער. די שנור וועט זיך מוזן צוגע־וואוינען צו דער שוויגער און דער איידעם — צום שווער.

וואס גרעסער די משפחה — אלץ גרעסער די מזל־ברכה!

אט די אלע געדאנקען זיינען מיר נעקומען אויף דער פען באלד נאך דעם ווי די קריסטלעכע נוירס האט איבערגעריסן מיין שמועס מיט די פאציענטן וועגן דעם גורל פון דעם יידישן פאלק אין אמעריקע און פארטריבן אונדז אין די בעטן אריין.

וויבאלד די בארמהערציקע קריסטין איז פערזענלעך פאראינטערעסירט אין דער ווייטערדיקער עקזיסטענץ פון יידישקייט אין אמעריקע — איז צו וואס זאל איך איר לייגן שטיינער אויפן הארצן?

זאל זי, אדרבא, ווייטער עסן געזונטערהייט יעדן פרייטיק געפילטע פיש און יעדן שבת — א לאקשן־קוגל און פארבלייבן בארעמהערציג צו די פא־ציענטן פון דער יידישער לונגען־סאנאטאריע, וועלכע טראכט גאר ניט פון א וועלכן ניט איז אונטערגאנג אין אמעריקע!

# איך פּראָקלאַמיר אַ „לעזער־טאָג"

עס טרעפט אַמאָל, אַז אַפילו אויך אין דער לונגען־סאַנאַטאָריע באַפאַלט דיך פּלוצלינג אַ גרויסער אומעט — כאָטש נעם און באַהאַלט דיך אין די צעד שטיפּטע וואַסערן פון דער סאַזשעלקע.

קעגן אַזאַ מין פרילינג־אומעט איז נישטאָ אין דער סאַנאַטאָריע קיין שום היילמיטל. די דאָקטוירים זיינען ספּעציאַליסטן נאָר אויף די לונגען, אָבער מרה שחורה־זאַכן האָבן מיט די לונגען לחלוטין ניט וואָס צו טאָן. אויך די באַרעמהערציקע שוועסטער קאָנען, ביי זייער בעסטן ווילן, די מרה־שחורה אַטאַקע ניט לינדערן, ווייל יעדע איינע פון זיי איז שוין עלטער פון דריי מאָל אַכצן.

האָב איך אויסגעפונען אַן אייגן מיטל, וואָס קאָן כאָטש אויף אַ געוויסער צייט פאַרטרייבן דעם זעלבסט־מערדערישן אומעט. דאָס זיינען די עטלעכע הונדערט ביקור־חולים בריוו, וואָס מען קען זיי איבערלייענען נאָכאַמאָל און ווידעראַמאָל, און אַזוי אַרום איינרעדן זיך אַליין, אַז מען איז ניט אַליין אין דער וועלט, אַז מענטשן זאָרגן זיך פאַר דיר, בענקען נאָך דיר און זיי האָבן דיך נאָך נויטיק.

צוליב דעם טאַקע, היט איך אויף אַלע מיינע ביקור־חולים בריוו און איך האָב פאַר זיי איינגעקויפט אַ ספּעציעלן בריוו־באַהאַלטער, וואָס פאַרמאָגט פונקט אַזויפיל קעשענעס אָדער פאַכן, וויפיל אותיות עס פאַרמאָגט דער לאַ־טיינישער אלף־בית.

זעט ער אויס, דער בריוו־באַהאַלטער, ווי אַ רוסישע האַרמאָניקע, וואָס איז פאַנאַנדער־געפעבערט אויף אַלע אירע פאַלדן. אויף אָט דער בריוו־האַרמאָ־ניקע קאָן איך אויסשפּילן די שענסטע ניגונים פון מיין סאַנאַטאָריע־לעבן.

יעדער ביקור־חולים בריוו פון מיינע לעזערס און לעזערינס פאַרמאָגט דאָך זיין אייגענעם טאָן און קלאַנג. און ווען ס'באַפאַלט מיך פּלוצים דער גרויסער וועלט־אומעט, כאַפּ איך אַרויס פון דעם בריוו־אַרכיוו אַ פּעקל בריוו, און איבער־לייענדיק זיי נאָכאַמאָל, פאַרגעס איך שוין גאָר אינגאַנצן, אַז מיר איז זייער אומעטיק.

אָבער אָט האָב איך די טעג באַקומען צוויי בריוו פון צוויי פאַרשיידענע שטעט און לענדער, וועלכע האָבן מיך באַזונדערס איבערראַשט און דערפרייט.

דאָס מערקווירדיקסטע פון אָט די ביקור־חולים בריוו באַשטייט אין דעם, וואָס איינער פון די בריוו־שרייבער איז עלטער אָדער יינגער פאַר דעם צווייטן אויף גאַנצע פינף־און־זיבעציק יאָר!

איינער פון מיינע לעזער פייערט מיט מזל היינטיקן ל"ג בעומר (ד. ה. דעם 19טן מאַי, 1946) זיין זעקס און אַכציקסטן געבורטסטאָג (ביז הונדערט

און צוואנציק), און ער לעבט אין וואשינגטאן. דער צווייטער לעזער מיינער איז ערשט געווארן עלף יאר (ביז הונדערט און צוואנציק), און ער געפינט זיך מיט זיינע עלטערן אין ווינ־יפעג, קאנאדע.

דער וואשינגטאנער לעזער — ר׳ משה בר׳ צדוק — בעט מיך קומען צו זיין זעקס און אכציקסטן געבורטסטאג קיין וואשינגטאן. ס׳וואלט אים צוגעקומען א פוד געזונט, ווען ער דערזעעט מיך ביי זיין משפחה־שמחה. און דאס ווינ־יפעגער לעזערל מיינס, מיטן נאמען לייבל, בעט ביי מיך א בילד פאר זיין אל־באם פון יידישע שרייבערס.

קוקנדיק אויף די צוויי בריוו, וואס צווישן זיי ביידן ליגט א מהלך פון גאנצע פינף־און־זיבעציק יאר, קומט מיר שוין אויך צו א פוד געזונט, און כ׳מאך איבער זיי „שהחינו".

אבער ניט קוקנדיק אויף דעם, וואס צווישן די ביידע לעזערס מיינע ליגט אזא ווייטער צייט־מהלך, זיינען דאך די ביידע בריוו אזוי שטארק ענלעך איינער צום צווייטן. סיי דער עלטער־זיידע פון וואשינגטאן און סיי דאס אוראייניקל פון ווינ־יפעג באהערשן גוט אונדזערע ביידע שפראכן: יידיש און העברעאיש, און די ביידע פארמאגן א גאנץ פיינעם הומאר, וואס מאכט מיין עלטערן לע־זער אויף א סך יינגער, און דעם יינגערן לעזער מיינעם אויף א סך עלטער.

דערלויבט מיר, איך בעט אייך, צו ברענגען דא אייניקע אויסצוגן פון אט די צוויי בריוו, וואס זיינען אינטערעסאנט, גלויב איך, נישט נאר פאר מיר פערזענלעך.

שרייבט מיר דער זעקס־און־אכציק־יעריקער ר׳ משה בר׳ צדוק פון וואַ־שינגטאן אט וואס:

„די גמרא זאגט, אז ווען א פריינט קומט מבקר חולה זיין א קראנקן, נעמט ער ביי אים צו א זעכציקסטל פון זיין קרענק. אזוי ווי איך שיק אייך א בריוו, וואס פארטרעט מיין ארט, וועט ער, האף איך, אויך צונעמען ביי אייך א זעכציקסטל פון אייער קרענק. און כ׳בין גרייט צו שרייבן אייך זעכציק בריוו נאכאנאנד — איר זאלט נאר אינגאנצן געזונט ווערן!

„איך קאן אייך זאגן, מיין ליבער פריינט דניאל, אז מיין אהבה צו אייך איז אן „אהבה שאינה תלויה בדבר". איך דענק, אז אונדזער פריינטשאפט דארף זיין שטארקער ווי די פריינטשאפט צווישן דוד און יהונתן, ווארים די ביידע האבן זיך געקענט, און מיר קענען זיך ניט...

„ווען איך קום שבת פון שול אהיים, איז דאס ערשטע זאג איך צו די קינ־דער „גוט שבת." נאכדעם נעם איך דעם שבתדיקן „טאג" און כ׳זאג „גוט שבת, דניאל." איך לייען דורך אייער ארטיקל נאך פאר דעם עסן, און אין יעדן ארטיקל געפין איך א פאר געדאנקען, וואס איך שטעל זיך אויף זיי אפ. אט, למשל, האט איר אין אייער לעצטן ארטיקל געשריבן, אז מען דארף ניט

נאר שוין לעבן, נאר מען דארף אויך קענען שוין שטארבן. האף איך, אז כ'וועל קאנען שוין שטארבן, ווייל איך האב, דאכט זיך מיר, שוין געלעבט. איך האב מיט שווערער מי און פראצע אויסגעהאדעוועט אלע מיינע קינדער און זיי גיבן מיר איצטער א שיינעם עלטער. כ'האב שוין אריינגעלעבט, דאנקען גאט, אין ניינטן יארצענדליק. מענטשן רעכענען זיך נאך מיט מיר. איך גיי נאך צו א מיטינג. אונדזער שול, וואו איך בין א טיכטיקער מעמבער, גייט בויען א נייע שול. האב איך געקויפט א ציגל אויף אייער נאמען און איך שיק אייך דעם טיקעט, וואס אונדזער רב האט אונטערגעשריבן. אייער נאמען איז פאראייביקט געווארן אין אונדזער שול פון „אגודת אחים".

„איך וואלט געוועזן גליקלעך צו זען אייך קומענדיקן ל"ג בעומר אין וואשינגטאן, וואו מיין משפחה און מיינע פריינט וועלן פייערן מיין זעקס־און־אכציקסטן געבורטסטאג.

„ענטפערט באלד, צי איר וועט זיין בכוח צו קומען צו אונדז — וועלן מיר פאר אייך צוגרייטן דעם ריכטיקן קבלת פנים" און אז. וו. און ווייטער.

און דער עלף־יאריקער לייבל פון ווינניפעג שרייבט מיר אט וואס:

„איך האב שוין לאנג געקליבן זיך אייך צו שרייבן און בעטן ביי אייך אייער בילד — א מתנה פאר מיין אלבאם, וואס איך רוף אז „יידיש לעבן". איך האב קיינמאל ניט געקאנט געפינען קיין צייט. איך בין זייער פארנומען מיט מיינע ענגלישע און יידישע לעקציעס, א חוץ דעם לערן איך יעדן טאג חומש מיט רש"י און גמרא. און אביסל הנאה האבן פון עולם הזה מוז א מענטש אויך האבן! כאפ איך אריין צו שפילן אביסל בייזבאל, פוטבאל און נאך אזעלכע זאכן. איז ניטא קיין צייט! אבער א דאנק דעם יום־טוב פסח האב איך געפונען צייט אייך אנצושרייבן אט דעם בריוו.

„איך וועל אייך אויך שרייבן א בריוול אין העברעאיש. איך האב ליב העברעאיש. יידיש — מער פון אלץ, ווייל איך דארף ניט טראכטן, וואס צו זאגן און צו שרייבן.

„איך לייען א סך ביכער אין יידיש און ענגליש. איך האב גרויס הנאה צו לייענען אייערע מעשות אין „קינדער־צייטונג" און אין די „ארגענטינער ביימעלעך". זיי זיינען זייער אינטערעסאנט און הומאריסטיש. אפטמאל לייענט פאר פאר מיר מיין מאמע אייערע ארטיקלען אין „טאג".

„איך מוז שוין ענדיקן און גיין באלד אין שול צום דריטן סדר. איך נעם אויך אנטייל אין פראגראם.

„איך ווינטש אייך א סך, א סך לאנגע און געזונטע יאר צו קאנען שרייבן נאך א סך מעשיות און דערציילונגען פאר קליין און גרויס.

„דיין יונגער חבר לייבל".

דער זעלביקער יונגער חבר לייבל האָט מיר טאַקע אויך אָנגעשריבן אַ גאַנץ פיינעם בריוו אין אַ גוטן, זאַפטיקן העברעאיש.

דער אינהאַלט פון דעם העברעאישן בריוו איז כמעט דערזעלבער, וואָס פון דעם יידישן, מער נישט, וואָס אין דעם העברעאישן בריוו גיט ער מיר מער איינצלהייטן פון זיין ביאָגראַפיע.

די וויכטיקסטע איינצלהייט פון זיין ביאָגראַפיע איז די, וואָס ער איז אַלט נישט מער ווי עלף יאָר (ביז הונדערט און צוואַנציק).

קוק איך איצטער אויף אָט די צוויי ביקור־חולים־בריוו פון מיינע צוויי געטרייע לעזער, וואָס איינער פון זיי איז עלטער אָדער יינגער פון דעם צווייטן אויף נישט מער און נישט ווינציקער ווי גאַנצע פינף און זיבעציק יאָר און איך טראַכט, אַז ס'וואָלט געווען אַ יושר מצד די יידישע שרייבער פון אַמעריקע צו פּראָקלאַמירן אַ „לעזער־טאָג", ווען די שרייבער זאָלן קאָנען אָפּגעבן דעם געהעריקן כבוד צו די לעזער זייערע.

וויבאַלד אַמעריקע האָט איינגעפירט אַ „מוטער־טאָג" און אַ „פאָטער־טאָג" — איז שוין, גלויב איך, אויך צייט איינצופירן אַ „לעזער־טאָג" (רידער'ס דעי").

צוליב וואָס, אייגנטלעך, האָט מען איינגעפירט אין אַמעריקע אַ „מאַט־הער'ס־דעי" און אַ „פאָטהער'ס־דעי"? מסתמא צוליב דעם, וואָס קינדער ווערן אָפּטמאָל זייער דערווייטערט פון זייערע עלטערן — גיט מען זיי די גוטע געלעגנהייט כאָטש איין מאָל אין יאָר מקיים צו זיין די מצווה פון „כיבוד אב" און „כיבוד אם".

אָבער אויך די שרייבער מיט די לעזער זיינער אין אַמעריקע שרעקלעך דערווייטערט געוואָרן איינע פון די אַנדערע.

ווי קאָן אַ יידישער שרייבער שאַפן און ווירקן, ווען ער קומט נישט פון צייט צו צייט אין אַ פּערזענלעכן קאָנטאַקט מיט זיינע לעזער?

אמת, עס זיינען פאַראַן געציילטע יידישע שרייבער, וואָס גאָט האָט זיי נאָך געבענטשט מיטן טאַלאַנט צו קאָנען אויך ריידן. טרעטן זיי אויף אויף פאַרשיידענע פאַרזאַמלונגען און מיטינגען און דאָס פאָלק זעט זיי. וואָס אָבער זאָלן טאָן די אַלע אַנדערע יידישע שרייבער, וואָס זיינען ניט בכוח פּערזענלעך אויפצוטרעטן און אַנטפּלעקן זיך פאַרן פאָלק?

ביי די דאָזיקע שרייבער שאַפט זיך אָפטמאָל אַ ירידה־שטימונג, וואָס פירט זיי צו יאוש און פאַרצווייפלונג.

קיינער פון זיי ווייס ניט געננוי, ווער און וואו זיי ווערן געלייענט.

דערפון נעמען זיך אויך די ביטערע קלאַנגען, אַז יידישקייט איז אַמע־ריקע האַלט שוין ביים אונטערגיין.

ווען דען דער עלף־יאָריקער לייבל פון וויניפּעג דערלאַזן, אַז יידישקייט

אין אמעריקע זאָל, חלילה, אונטערגיין? און ווען דען די יוגנט־קלובן פון ניו יאָרק און פילאַדעלפיע, וואָס גיבן אַרויס דעם זשורנאַל „יוגנט־רוף", דער־לאָזן, אַז יידישקייט אין אמעריקע זאָל, חלילה, אונטערגיין?

איך גלויב נישט אין דעם אונטערגאַנג פון יידישקייט אין אמעריקע. מיין חבר לייבל פון וויניפּעג האָט נאָך פולע פינף־און־זיבעציק יאָר צו לייענען און אפשר אויך צו שרייבן אין יידיש ביז ער וועט דערגרייכן מיט מזל די עלטער פון מיין עלטסטן לעזער אין וואַשינגטאָן, וואָס פייערט היינטיקן ל"ג בעומר זיין זעקס־און־אַכציקסטן געבורטסטאָג.

וואָרט איך ניט ביז דער יידישער פּען־קלוב אין ניו־יאָרק וועט פּראָקלאַ־מירן אַזאַ מין „לעזער־טאָג" צו קאָנען אָפּגעבן דעם געהעריקן כבוד צו דעם גאָר עלטסטן און צו דעם גאָר יינגסטן יידיש־לייענער אויף דעם אמעריקאַנער קאָנטינענט און איך פּראָקלאַמיר דעם טאָג פון ל"ג בעומר פאַר מיין אייגענעם „לעזער־טאָג".

דער זעקס־און־אַכציק־יעריקער ר' משה בר' צדוק פון וואַשינגטאָן ווערט פּרעמירט מיט איינעם אַ בוד פון מיינע ביכער, און דער עלף־יאָריקער לייבל פון וויניפּעג באַקומט פון מיר אַ בילד פאַר זיין אַלבאָם „יידיש לעבן".

איך מיין, אַז אין משך פון דעם פינף־און־זיבעציק־יאָריקן צייט־מהלך, וועלכער ליגט צווישן אָט די צוויי פּרעמירטע לעזער מיינע, קאָנען נאָך פּאַסירן אַ סך וואונדער אויך אפילו צווישן די יידן פון אמעריקע.

וועל איך זיך לחלוטין ניט וואונדערן, ווען מען וועט נאָך ביי די צע־שטיפּטע וואַסערן פון דער סאַנאַטאָריע־סאַזשעלקע אוועקשטעלן פאַר מיר אַ מאָנומענט צוליב מיין אָפּטימיזם וועגן יידן און יידישקייט אין אמעריקע.

אויף דעם דאָזיקן מאָנומענט וועט מען אויסקריצן די פאָלגענדיקע דריי ווערטער:

„לא אלמן דניאל".

## דריי וועגן פירן
## צו די קעטסקיל־בערג

פון ניו יאָרק צו די קעטסקיל־בערג קאָן מען קומען מיט אַ באַן, מיט אַ „באָס" (אויטאָבוס) און מיט אַ „העקער" (אַזאַ מין טעקסי, וואָס נעמט דיך אַרויס פון הויז מיט אַלע דיינע פּעק און פּעקלעך און ברענגט דיך דירעקט צום געווינטשטן פּלאַץ).

האב איך פּרובירט איינמאָל פאָרן מיט דער באַן פון ניו יאָרק קיין ליבערטי, וואו ס'געפינט זיך מיין לונגען־סאַנאַטאָריע, און כ'האָב פאַרזאָגט א צענטן ניט צו פאָרן מער מיט דער באַן.

ערשטנס, מוז מען קומען צום וואַקזאַל א האַלבע שעה פאַרטאָג, כדי צו פאַרכאַפּן א פּלאַץ אין דעם איין־איינציקן וואַגאָן, וואָס גייט נאָר איין מאָל אין טאָג קיין ליבערטי.

צווייטנס, איז אין דעם וואַגאָן פאָראַן נאָר איין „טאָילעט", און ווייבאָלד ס'איז דאָרטן אויך פאַראַן א שפּיגל — איז דאָך קלאָר, אַז פרויען זיינען בילכער. מוזן שוין די מענער פון זיבן אינדערפרי ביז איינס בייטאָג זיך באַגיין אַן דער ברכה פון „אשר יצר את האדם בחכמה", און במילא ווערט שוין צעריבן די צווייטע ברכה פון „שלא עשני אשה", ווייל די מענער פון דעם ליבערטי־וואַגאָן וואָלטן צווישן זיבן אינדערפרי און איינס בייטאָג גערן געביטן זיך מיט די פרויען!

אַזוי ווי איך האַלט גראָד פון די אויבנדערמאָנטע צוויי ברכות, האָב איך באַשלאָסן דעם צווייטן מאָל צו פאָרן קיין ליבערטי מיט א „באָס".

די מעלה פון א „באָס" באַשטייט אין דעם, וואָס מען קאָן אים אָפּשטעלן ווען נאָר מען ווייל און וואו נאָר מען ווייל. מ'קען אויך אינמיטן וועג זיך גוט אויסרוען אין א קרעטשמע, וואו די קאַווע שמעקט זייער גוט, און דאָס אויטאָמאַטן־מיידל, וואָס גיסט אַן די קאַווע, שמייכלט אויטאָמאַטיש־פריינטלעך — אַן א ניקעל.

אָבער אויך די רייזע מיט א „באָס" איז ניט אינגאַנצן באַקוועם, ווייל עס איז פאַרבאָטן אין אים צו רויכערן.

מילא, מיר מאַנסבילן זיינען שוין געוואוינט געוואָרן צום רויכער־פאַרבאָט. אונדזערע טאַטעס און זיידעס פלעגן דאָך יעדע וואָך (פון ליכט־בענטשן ביז נאָך הבדלה) א גאַנצן מעת־לעת גאָר אינגאַנצן ניט רויכערן. קאָנען מיר שוין בירושה אויך אָפּהאַלטן זיך א געוויסע צייט פון רויכערן.

אָבער די פרויען, וואָס האָבן אָנגעהויבן צו רויכערן ערשט אין היינטיקן יאָרהונדערט, ווען אונדזער פאָלק איז שוין געוואָרן, ליידער, אויס שבת־פאָלק, — ווייסן זיי נישט, די פרויען, פון קיין שום „המבדיל בין קודש לחול" און זיי האָבן אויך ניט אונדזער מאַנסבילשע ירושה־דערפאַרונג צו קאָנען רויכערן אין אַרבל און אַרויסאָטעמען פון זיך דעם רויך אַזוי פאַרזיכטיק און געלאַסן, אַז אפילו דער אָנטרייבער פון דעם „באָס" זאָל עס נישט באַמערקן.

איז ניט געקוקט אויף דעם רויכער־פאַרבאָט, האַלטן די פרויען אין איין רויכערן. דער גאַנצער „באָס" ווערט באַלד אָנגעפילט מיט אַזא מין בלויען ניקאָטין־וואָלקן, פון וועלכן ניט איין פּאַסאַזשיר הויבט אָן צו הוסטן און צו ניסן.

איז שווין פאר מיר א סך באקוועמער צו פארן מיט א „העקער". אמת, ס'קאסט מיט א פאר דאלער מער, אבער ס'איז כדאי!

ס'איז פאר מיר כדאי שווין צוליב דעם אליין, וואס א פאר שעה נאכאנאנד פירט מיך ארום דער „העקער" גאנץ בחינם איבער די פארשיידענע קווארטאלן פון ברוקלין, מאנהעטען און די בראנקס, ביז ער קלייבט צענויף זיינע זיבן „שעדאקעס" (פאסאזשירן), וואס ער קאן אריינקוועטשן אין זיין מאשין. אזוי ארום באקען איך זיך מיט אמעריקע...

ווען מען קוועטשט אריין אין איין מאשין זיבן ווילד־פרעמדע מענטשן (דאס רוב פרויען), וואס יאגן זיך צו די קעטסקיל־בערג, מוזן זיי דאך באלד ווערן פאמיליער און אינטים, ווייל עס איז פראסט־פשוט נישטא וואו אהינצו־טאן די הענט און די פיס, ווי אויך אפילו — די צונג. מען הויבט באלד אן אויסצופרעגן וועך וואוהין עס פארט, און עס טרעפט אפט, אז עטלעכע מענטשן פארן טאקע צו איין און דעמזעלבן האטעל.

די עטלעכע גרויסע האטעלן, וואס זיינען אין די קעטסקילס אפן א גאנץ יאר, געפינען זיך דאס רוב צווישן מאנטיסעלא און ליבערטי. די האטעלן, וואס געהערן פאקטיש צו דער געמיינדע פון ליבערטי, רופן זיך אן מיט פאר־שיידענע פארשטעלטע נעמען, כדי די געסט זאלן ניט וויסן, אז דער האטעל האט, חלילה, וועלכע־עס־איז שייכות מיט ליבערטי.

ליבערטי האט אין אמעריקע א שלעכטן נאמען. גאנץ ליבערטי, זאגט מען, איז שווינדזיכטיק.

ווען איינע פון די צוויי פרויען, וואס האבן מיך צענויפגעקוועטשט, ווי א סענדוויטש, האט מיך דעליקאט א פרעג געטאן וואוהין איך פאר, האב איך איר געענטפערט, אז איך פאר טאקע קיין ליבערטי...

איך האב דאס געטאן בכיוון, ווייל איך האב געוואוסט, אז ווי נאר די פרויען וועלן דערהערן, אז כ'פאר קיין ליבערטי, וועלן זיי זיך אפרוקן פון מיר אויף ווי ווייט עס איז נאר מעגלעך, און איך וועל קאנען אביסל אפכאפן דעם אטעם.

יא, כ'האב אייך פארגעסן פארצושטעלן די ביידע פרויען, וואס האבן מיך געקוועטשט פון ביידע זייטן. איינע פון זיי איז א יונגע גרושה (ס'רעדט זיך אזוי „א יונגע") און די צווייטע איז (צווישן אונדז גערעדט) נאך אלץ א מיידל, אבער „אין די יארן".

די ביידע יאגן זיך צו איינעם א געוויסן האטעל, וואו ס'ווערן, זאגט מען, געשלאסן שידוכים.

זיי פארן נאר אויף צוויי־דריי וואכן, אבער לויט זייערע פעק און פעק־לעך, וואס זיי האבן מיטגעפירט, האט מען געקאנט מיינען, אז זיי פארן מיט „רעליף"־פעקלעך אזש קיין אייראפע.

ווען כ׳האב איינער פון מיינע שכנות א פרעג געטאן, צו וואס זי דארף האבן אויף צוויי־דריי וואכן אזוי פיל פעק און פעקלעך? — האט זי מיר דער־קלערט, אז אין יענעם האטעל וואוהין זי פארט מוז מען איבערטאן זיך ביי זעקס־זיבן מאל א טאג.

— פארוואס מוז מען זיך דארטן איבערטאן אזוי אפט? — האב איך תמ׳עוואטע א פרעג געטאן. האט זי מיר דערקלערט, אז צו יעדן מאלצייט מוז מען קומען אין אן אנדער גארדעראבע. צום טענים־שפיל מוז מען זיך ווידער איבערטאן. צום קארטן־שפיל מוז מען אוודע זיין אנדערש אנגעטאן. אין קלוב־צימער, וואו דאס רוב שידוכים ווערן געשלאסן, מוז מען שוין ווידער זיין אנדערש אנגעטאן (אדער אויסגעטאן). קורץ און גוט, מען האלט אין האטעל א גאנצן טאג אין איין איבערטאן זיך.

— און וואס קאסט אייך אזא פארגעניגן? — בין איך ווידעראמאל גע־ווארן נייגעריק.

— ס׳קאסט פון הונדערט און צוואנציק ביז הונדערט און פופציק דאָ־לער א וואך, א חוץ די זייטיקע הוצאות — האט מיר די יונגע גרושה (זאל שוין זיין „יונגע״, וואס ארט עס מיך?) געענטפערט.

— וואס גיט מען אייך פאר אזוי־פיל געלט? — האב איך ווידעראמאל גע־פרעגט.

— אחוץ עסן און טרינקען גיט מען אונדז יעדן טאג א נייע פראגראם פון מוזיק, טענץ און געזאנג.

— מיר האבן אפילו איין מאל אין דער וואך אזא מין רחמנות־שעה, וואס איז זייער אינטערעסאנט — האט זיך אריינגעמישט מיין צווייטע שכנה, וואס איז (צווישן אונדז גערעדט) נאך אלץ א מיידל, אבער „אין די יארן״, אז עיִן־הרע.

— וואס הייסט ביי אייך א „רחמנות־שעה״?

האט מיר די באיארנטע מיידל דערקלערט אט־וואס:

אזוי ווי דער באלעבאס פון האטעל איז א יידישער מענטש און ער נעמט זיך שטארק צום הארצן דעם יידישן אומגליק אין אייראפע, האט ער איינגע־פירט, אז זיינע געסט זאלן כאטש איין שעה אין דער וואך אויף עמיצן רחמנות האבן. אזוי ווי אבער אין האטעל גופא איז דאך ניטא אויף וועמען רחמנות צו האבן, נעמט מען צענויף א גרופע געסט מיט יידישע הערצער און מען פירט זיי אוועק צו דער לונגען־סאנאטאריע פון ארבעטער־רינג — רחמנות צו האבן.

— האט מען אויך פאר דער רחמנות־שעה א ספעציעלע גארדעראב? — האב איך ווידער געפרעגט.

— שור, געוויס, מען טוט זיך אן אין ספארט־קליידער, ווייל די שטרעקע צווישן האטעל און סאנאטאריע מאכט מען דאך דורך צו פוס.

— און איז וואס באשטייט דאס רחמנות האבן ? — האב איך שוין פאר־וואַרפן מיין שכנה מיט ווייטערדיקע פראגעס.

— מיר שטעלן זיך אוועק פונדערווייטנס און קוקן זיך צו, ווי די פאַציענטן פון דער סאַנאַטאַריע קוקן, נעבעך, ארויס פון די פענסטער, ווי ארעסטאַנטן אין סינג־סינג — און מיר זיפצן.

— פאַרוואָס עפּעס שטעלט איר זיך אוועק פונדערווייטנס, פאַרוואָס קומט איר נישט אריין אינעווייניק, אין דער סאַנאַטאַריע גופא, וואו די פאַציענטן וואלטן, מסתמא, געוואָרן זייער געריהרט פון אייער גרויסן מיטגעפיל צו זיי ? — האב איך שוין ווידעראמאָל תמ׳עוואטע א פרעג געטאָן.

— גאָט באַהיט ! — האט מיין שכנה אויסגעשריען. — צו־נאָענט צו דער סאַנאַטאַריע איז געפערלעך צוצוגיין ! די טיבי־באַצילן, זאָגט מען, פליען דאָרטן ארום אויף די ביימער, אויף די געביידעס און אפילו אויף דעם הויכן קוימען פון זייער וועשעריי.

— אויב אזוי, — וועט אייך שוין אויסקומען רחמנות צו האבן אויך אויף מיר. אויך איך פאר טאַקע אין דער דאָזיקער סאַנאַטאַריע ! — האט זיך מיר פארגלוסט פלוצלינג איבערשרעקן דיביידע שכנות מיינע.

די ביידע שכנות האבן זיך אבער לחלוטין ניט איבערגעשראָקן. זיי האבן פראָסט־פּשוט ניט געגלויבט מיינע רייד.

— גייט שוין, גייט ! — האט די גרושה א זאָג געטאָן. — קראַנקע מענטשן פארן ניט מיט א „העקער״, קראַנקע מענטשן ברענגט מען אין סאַנאַטאַריע מיט אן אַמבולאַנס, צי מיט א פּריוואַטער קאַר. איר טרייבט מיט אונדז שפּאַס !

— איר זייט גערעכט, מיינע ליבע פרויען, איך טרייב טאַקע שפּאַס ! — האב איך אַנגעהויבן מיינע שכנות צו בארואיקן, — אבער איך בעט אייך איבערצוגעבן דעם באַלעבאָס פון אייער האָטעל, אז ער זאָל די רחמנות־עקסקורסיעס צו דער לונגען־סאַנאַטאַריע אָפּשטעלן. קראַנקע מענטשן האבן ניט ליב, אז מען קומט אויף זיי קוקן, ווי אויף אַבעזיאַנעס (מאַנקיס), די קראַנקע שילטן געוויס די דאָזיקע איבערגעפרעסענע רחמנות־ספּאָרטלער. זאָגט אים, איך בעט אייך, דעם באַלעבאָס פון אייער האָטעל, אז פאר די הונדערט און פופציק דאָלער א וואָך, וואָס ער נעמט ביי אייך, קאָן מען אויסהאַלטן אין איי־ראָפּע א יידישן יתום אין משך פון א גאַנצן יאָר. אפשר וועלן זיך געפינען צווישן זיינע געסט אַזעלכע יידישע מענטשן, וואָס וועלן אַדאָפּטירן יידישע יתומים אין אייראָפּע און זיי וועלן פארשפּארן דענסטמאָל צו מאַכן די רחמנות־עקסקורסיעס צו דער לונגען־סאַנאַטאַריע !

— איר זייט, מסתמא, פון דעם „יונייטעד דזשואיש אַפּיל״ — האט איינע פון די פרויען מיך פלוצלינג איבערגעשלאָגן.

— איך בין ניט פון דעם „יונייטעד דזשואיש אפיל״, נאר פון דעם „יוניי־טעד דזשואיש פיפל״, — האב איך די ווייבער געענטפערט, — כ׳בין א יידישער שרייבער!

— איר קאנט נאך אונדז באשרייבן אין די ציימונגען! — האט די על־טערע בתולה א זאג געטאן צו מיר מיט חשד.

— צוליב וואס, מיינט איר, פאר איך קיין ליבערטי מיט א „העקער״? אט טאקע צוליב דעם, איך זאל קאנען אויסשלאגן די הוצאות!

דערמיט האט זיך פארענדיקט מיין ערשטע „העקער״-רייזע צו דער לונ־גען-סאנאטריע אין ליבערטי.

זעגענענדיק זיך מיט די צוויי באפעקלטע און באיארטע פרויען, האב איך א טראכט געטאן, אז סוף כל סוף בין איך דאך אויך נישט מער ווי א „העקער״. איך שלעפ צונויף מיינע טיפן פון אלע עקן וועלט און איך קוועטש זיי אריין אין איין טי־בי־קאפיטל.

## „חורבן הגוף הוא תיקון הנפש״

די אמאליקע רוימער, וואס זיינען געווען גרויסע קרינגסלייט, האבן גע־שאפן די טעאריע, אז אין א געזונטן קערפער איז אויך דער גייסט א געזונטער („מען סאנא אין קארפארא סאנא״).

אונדזער רמב״ם האט אבער געזאגט פונקט קאפויר. ניט געקוקט אויף דעם, וואס ער איז געווען איינער פון די גרעסטע מעדיצינער אין זיין צייט (אדער אפשר טאקע דערפאר) איז דער רמב״ם געקומען צו דער איבערצייגונג, אז „חורבן הגוף הוא תיקון הנפש״, דאס הייסט, אז אין א פארקריפלטן קערפער שטארקט זיך דער גייסט.

איך בין, פארשטייט זיך, מסכים מיטן רמב״ם ניט נאר דערפאר ווייל דאס לוינט מיר, נאר אויך טאקע צוליב דעם, וואס די וועלט-געשיכטע אליין באשטעטיקט דעם רמב״ם׳ס טעאריע.

ווען מיר באקענען זיך א ביסל נעענטער מיט די ביאגראפיעס פון די וועלט-בארימטע פערזענלעכקייטן, וואס האבן פארנומען די ערשטע פאזיציעס אין דער ליטעראטור, קונסט, מוזיק, ווי אויך אפילו — אין ספארט און קריגס־פירעריי, וואו דער גוף איז דער עיקר — דערזעען מיר באשיינפערלעך, ווי די פארקריפלונג פון קערפער האט גאנץ אפט א סך בייגעטראגן צו דער פאר־שטארקונג פון דעם גייסט.

פאר דעם בעסטן ביישפיל צו דער דאזיקער טעאָריע קען דינען דער אומ־פארגעסלעכער פרענקלין דעלאנאָ רוזוועלט ע"ה, וואָס איז פיר מאָל נאָכאַנאַנד אויסגעקליבן געווארן פאר דעם פרעזידענט פון די פאראייניקטע שטאטן און וואָס איז געווארן איינער פון די גרעסטע קריגספירער קעגן פאשיזם און נאציזם.

אויך נאפאָלעאָן, וואָס האָט געהאט איינגענומען א האלבע וועלט, איז גע־ווען א קריפּל, א וואוקס־קריפּל. ער איז געווען ניט מער ווי איין און א האלב מעטער די הויך.

(אין דער מעדיצינישער וועלט ווערן צו־קורצע אדער צו־הויכע מענטשן באטראכט ווי „וואוקס־קריפּלס", און גרויסע מיאוסקייטן אדער „פּארזעענישן" ווערן באצייכנט ווי „העסלעכקייטס־קריפּלס").

לויט דער סטאטיסטיק פון איינעם א דייטשישן קריפּל־פארשער און פּע־דאגאג האנז ווירץ, וועלכן די נאציס האבן אומגעבראכט, האבן דווקא די דייטש־רעדנדיקע פעלקער ארויסגעגעבן פון זיך די גרעסטע צאָל געניאַלע קריפּלס אדער פארקריפּלטע געניאַליטעטן ; און נעמלעך: דייטשלאנד — 183; עסטרייך — 26 און די דייטש־ריידנדיקע שווייץ — 12, צוזאמען, הייסט עס, 221 דייטשישע בארימט־געווארענע קריפּלס, בעת פראנקרייך האט פארמאגט 66, ענגלאנד — 49, איטאליע — 23, אמעריקע — 19 אין רוסלאנד — ניט מער ווי 5 היסטאריש־געווארענע קריפּלס.

צווישן די דייטשישע קריפּלס ווערן דערמאנט אזעלכע גוט־באקאנטע נעמען, ווי די קיסרים פרידריך דער גרויסער און ווילהעלם דער צווייטער. די ביידע דייטשישע קיסרים האבן געפירט די בלוטיקסטע מלחמות און געוואלט פארכאפּן גאנץ איירא֞פּע. ווען ניט זייערע פיזישע דעפעקטן, מיינט דער קריפּל־פסיכאָלאָג האנז ווירץ, וואלטן די דאזיקע קוסרים ניט געווען אזוי קריגס־דורשטיק.

דייטשלאנד האט אויך פארמאגט איינעם א גאר גרויסן קריגס־פירער מיטן נאמען גראף ראַנטצאו, וואס איז בכלל געווען א האלבער מענטש. ס'האט אים געפעלט א האנט, א פוס, אן אויג און אן אויער.

אויך צווישן די דייטשישע דיכטער און פילאסאפן זיינען געווען א סך קריפּלס. ס'איז גענוג אנצורופן די וועלט־בארימטע נעמען פון עמאנועל קאנט, לייבניץ, שאפּענהויער, פרידריך ניטשע, פּעסטאלאצי, אויגוסט פארעל און נאך און נאך.

צווישן די אמעריקאנער בארימט־געווארענע קריפּלס פיגורירן די נעמען פון דעם איין־פוסיקן בייזבאָל־שפּילער נארוועך פּיטשען פון וואשינגטאן, פון מאוווי־אקטיאר הערא֞לד לאיד, וואס האט געהאט פארקריפּלטע פינגער, דער יונג־פארשטארבענער דיכטער עלען פּאו און אנדערע.

צווישן די בארימט־געווארענע קריפּלס פון דעם יידישן פאלק געפינען

מיר די נעמען פון דעם אַן־הנעטיקן מאַטעמאַטיקער פּראָפעסאָר ליפשיץ, פון לודוויג בערנע, העגריך היינע, מאַקס בראָד, קאַרל מאַרקס, דער בעלזער רבי און, טויזנט מאָל להבדיל, דער נוצרי, וואָס איז געווען אַ הויקער, לויט דער פעסטשטעלונג פון דעם דייטשישן רעליגיע־היסטאָריקער און אַרכעאָלאָג ראָ־בערט אייזלער.

אויך דער באַרימטער מאַזעס (אָדער משה) מענדעלסאָן איז געווען אַ הויקער (אַ האַרבאַטער).

און משה רבינו איז געווען אַ שטאַמלער.

קורץ און גוט, דער רמב״ם (אויך אַ משה) איז טאַקע געווען גערעכט, ווען ער האָט געזאָגט, אַז „חורבן הגוף הוא תיקון הנפש", אַז יעדער פיזישער מום אָדער דעפעקט ווערט געדעקט מיט עפּעס אַ גייסטיקער מעלה.

ס׳איז, אַגב, גאַנץ נאַטירלעך, וואָס אַ מענטש, וועלכער ליידט פון אַ וועלכן ניט איז פיזישן מום אָדער פון אַ וועלכער ניט איז כראָנישער קרענק זאָל ווערן גייסטיק מער אַנטוויקלט און דערהויבן.

אַ קריפּל, אָדער אַ קראַנקער, קען זיך ניט צופיל באַוועגן. ער מוז מער ליגן, ווי זיצן, און אַ בעט איז דאָך העכער פון אַ שטול צי אַ באַנק. פון אַ הויכן קראַנקן־בעט דערזעט מען די וועלט אַ סך ווייטער און טיפער.

אַ קריפּל, אָדער אַ קראַנקער, דערווייטערט זיך, געוויינלעך, פון דער גע־זעלשאַפט. ער קאָכט זיך ניט אין קעסל פון די פאַרשיידענע מינים פּאַרטייען און געזעלשאַפטן. קען ער שוין באַטראַכטן די וועלט פון אַ געוויסער דיס־טאַנץ, ווי אַ זייטיקער, ווי אַ האַלב פרעמדער. ווען מען באַטראַכט די וועלט פון דערווייטנס, דערזעט מען, פאַרשטייט זיך, אַ סך מער, ווי מען וואָלט געווען אינעווייניק, אין דער וועלט גופא.

אַזוי, למשל, ווען אַ מענטש, וואָס געפינט זיך, זאָגן מיר, אין אַ ברענענ־דיקן הויז, קיינמאָל ניט קענען אַזוי גוט באַשרייבן די שריפה, ווי איינער אַזאַ, וואָס באַטראַכט די שריפה פון דערווייטנס.

דער מענטש וואָס געפינט זיך אין דער ברענענדיקער וועלט גופא, קען לייכט ווערן דער קרבן פון רויך און פייער, אָבער דער מענטש, וואָס שטייט דרויסן פון דער ברענענדיקער וועלט, קען ווערן דער פּאָעט פון ריזיקע פלאַמען־צונגען, וואָס לעקן די האָריזאָנטן.

פאַרקריפּלטע, אָדער כראָניש־קראַנקע מענטשן, וואָס טראַכטן, געוויינלעך, פון יענער וועלט אַ סך מער ווי פון דער וועלט, קענען דעריבער ווערן פילאָ־סאָפן, דיכטער און אַפילו קריגס־פירער אין האָריזאָנטאַלן מאַסשטאַב.

אַפילו אַ פּשוטער פּאָלקס־מענטש, ווען ער ווערט פאַרקריפּלט דורך אַן עקסידענט אָדער עס באַפאַלט אים אַ כראָנישע קרענק, וואָס צווינגט אים צו ווערן אַ בעט־מענטש, ווערט בטבע מער דערהויבן און פאַראייידלט.

ער באקומט מער צייט צו לייענען צייטונגען, זשורנאלן און ביכער. ער האט אויך מער צייט צו פארגלייכן זיין לעבן מיטן לעבן פון די אנדערע מענטשן, וועגן וועלכע מען שרייבט אין די צייטונגען און ביכער. אים הויבט זיך אן אפילו צו דאכטן, אז מען וואלט וועגן אים אליין אויך געקאנט אנשרייבן א גאנצענעם בוך!

און, ווירקלעך, פארדינט יעדער מענטש, אז מען זאל אנשרייבן וועגן אים א בוך א גאנצן, בפרט נאך — א קראנקער מענטש, וואס דערזעט באשיינפערלעך דעם טראגישן סך הכל פון זיין פארקריפלטן לייב־און־לעבן.

אט, למשל, דריי איך זיך שוין ארום חדשים־לאנג צווישן קראנקע מענטשן, וואס יעדער איינער פון זיי איז א קאפיטל פאר זיך ניט נאר פאר דעם דאקטאר, נאר אויך אפילו פאר דעם שרייבער און פסיכאלאג.

ס׳זיינען פאראן פאציענטן — „נאוואבראנצעס", דאס הייסט אזעלכע, וואס פאלן אריין צום ערשטן מאל אין דער לונגען־סאנאטאריע און עס מוז נעמען א געוויסע צייט ביז זיי לעבן זיך אריין אין דער גאנץ נייער סביבה, און עס זיינען פאראן פאציענטן — אזוי־גערופענע „אויסגעדינטע סאלדאטן", וואס האבן שוין דורכגעמאכט די אלע פופצן חדשים וואס זיי האבן רעכט צו פארבלייבן אין דער לונגען־סאנאטאריע.

די איבערלעבונגען פון א „נאוואבראנעץ" זיינען, פארשטייט זיך, גאנץ אנדערע, ווי די איבערלעבונגען פון אן „אויסגעדינטן סאלדאט".

עס זיינען פאראן פאציענטן, וואס לויט זייער עלטער זיינען זיי שוין קאנדידאטן פאר א מושב זקנים און זיי שרייבן שוין צוואות און עס זיינען פאראן פאציענטן, וואס האלטן ערשט ביים אלף בית פון לעבן און שרייבן ליבע־בריוו.

עס זיינען פאראן פאציענטן — „מעמבערס", וואס האבן דאס רעכט צו קרענקען בחינם פופצן חדשים נאכאנאנד אדער אין ראטעס, ד. ה. פארטיילן די פופצן חדשים אין עטלעכע „טי־בי" תקופות, און עס זיינען פאראן פאציענטן, וואס מוזן צאלן, כאטש אויך די באצאלטע פאציענטן קאנען ניט פארבלייבן אין דער סאנאטאריע לענגער, ווי פופצן חדשים.

עס זיינען פאראן פאציענטן רעכטע און לינקע, פרומע און אפיקורסים, הארעפאשניקעס און אלרייטניקעס, פעסימיסטן און אפטימיסטן, לעב־יונגען און אפגעשלאגענע הושענות, „פאזיטיווע" און „נעגאטיווע" און... יע, דעם עיקר האב איך שיעור ניט פארגעסן: עס זיינען פאראן פאציענטן־מענער און פאציענטן־פרויען. אין א לונגען־סאנאטאריע, וואו אלע גייען ארום אין פאדזשאמעס, זיינען די קעגנזייטיקע באציאונגען צווישן די ביידע מינים גאנץ אנדערע, ווי אויף דער פריי.

ווי איר זעט, זיינען פאראן אין דער לונגען־סאנאטאריע גענוג מעגלעכקייטן פאר די פארשיידענע מינים פראבלעמס, קאנפליקטן, דיסקוסיעס און אייר־

פערזוכטן וועגן וועלכע מיר וועט נאָך אויסקומען צו שרייבן אַ ספּעציעלן קאַפּיטל.

אָבער ווי גרויס עס זאָלן ניט זיין די סתירות און קאָנפליקטן צווישן די פאַרשיידענע מינים פּאַציענטן און פּאַציענטקעס ווערן זיי אָבער באַלד אויסגעגליכן דורך דעם שפּיטאָל־גלעקל, וואָס פאַרטרייבט אַלע פּאַציענטן אין די בעטן אַריין.

ווי נאָר דער פּאַציענט דראַפּעט זיך אַרויף אויף זיין הויכער זשיראַפּנבעט — בלייבט ער שוין ליגן אין אַ האָריזאָנטאַלער לאַגע און ער הויבט שוין אויך אָן צו דענקען און צו פילן פילאָסאָפיש־האָריזאָנטאַליש.

ער דערזעט פון זיין הויכן געלעגער אַ פולן הימל מיט זילבער־וואָלקנס, וואָס ענדערן אַלע ווייַלע זייער אויסזען און ער דערזעט אויך אַ פולע ערד מיט צעבליטעביימער איבער וועלכע עס פליען אַרום קאָלירטע פייגעלעך און שמעטערלינגען.

דער גאַנצער דרויסן זעט אויס ווי אַ „דעקאָריישאַן דעי״, וואָס וועט אָנהאַלטן אַ גאַנצן זומער!

אין אַזאַ מין דעקאָראַטיוון זומער־טאָג לייענט דער פּאַציענט זייער גערן דניאל טשאַרניס אַ נייעם „טי־בי״־אַרטיקל אין וועלכן ער באַווייזט שוואַרץ אויף ווייס, אַז שווינדזוכט איז, אייגנטלעך ניט קיין קרענק, נאָר אַ צושטאַנד אַזאַ, אַ צושטאַנד דורך וועלכן דער פּאַציענט ווערט נאָך מער געלייטערט און דערהויבן.

דאָך אָבער וואָלטן אייניקע פּאַציענטקעס גערן אויסגעביטן זייער „טי־בי״־צושטאַנד אויף „אַנדערע אומשטענדן״.

אפשר זיינען זיי אויך גערעכט?

## ניין מאָס שווייגעניש

אייניקע פון מיינע לעזער זיינען מיך חושד, אַז איך האָב זיך באַזעצט (ריכטיקער געזאָגט — באַליגט) אין דער לונגען־סאַנאַטאָריע ניט ווי אַ חולה, נאָר ווי אַ שרייבער...

ווען כ׳וואָלט, חלילה, ווירקלעך געווען אַ חולה — שרייבט מיר איינער פון זיי — וואָלט איך דאָך ניט געקאָנט שרייבן אַזעלכע „פרייטלעכע״ טי־בי־אַרטיקלען.

אויף אַ שרייבער, מיינט דער לעזער, איז דאָך אַלץ צו גלויבן!

ער איז, הייסט עס, גרייט צו ריזיקירן מיט זיין גאַנצן לייב־און־לעבן — אַבי נאָר צו האָבן פון וואָס צו שרייבן.

ווינציק שרייבער זיינען דען אין דער מלחמה־צייט געקראָכן אין סאַמע פייער, כדי צו קאָנען וואָס בעסער באַשרייבן די פאַרגעקומענע שלאַכטן? ניט איינער פון זיי איז טאַקע אומגעקומען, אָבער די שרייבערישע נייגעריקייט איז שטענדיק גובר אַלע סכנות און מען קריכט אין פייער אַריין אַ באַוואָפנטער נישט מער, ווי מיט טינט און פעדער.

דאָס נעמלעכע, הייסט עס, בין איך אויך אַריינגעקראָכן אין אַזאַ מין גע־פערלעכן פּלאַץ, וואו עס דראָט שטענדיק די סכנה זיך אָנצושטעקן מיט שווינד־זוכט, אַבי נאָר איך זאָל קאָנען יעדע וואָך אַמוזירן מיינע לעזער און לעזערינס מיט מיינע „געלונגענע” (און אַפּטמאָל אויך ניט־געלונגענע) לונגען־געשיכטעס.

אַזוי שרייבן צו מיר אייניקע פון מיינע געטרייע לעזער, וואָס מיינע טי־בי־אַרטיקלען האָבן זיי אָנגעשטעקט (ניט חלילה, מיט שווינדזוכט), נאָר מיט נייגעריקייט צו זען, וואָס אַזוינס עס קומט פאָר הינטער די געמויערטע ווענט פון דער לונגען־סאַנאַטאָריע?

בין איך זיך מודה, אַז די דאָזיקע לעזער זיינען טאַקע טיילווייז גערעכט. איך וואָלט שוין, אפשר, געקענט פאַרלאָזן די געמויערטע ווענט פון דער לונ־גען־סאַנאַטאָריע, ווען כ׳וואָלט זיך ניט געוועזן צוגעבונדן צו די פּאַציענטן און פּאַציענטקעס, ווי צו לאַנדסלייט פון איין און דערזעלבער טי־בי־מלוכה.

אין קיין שום הייל־אַנשטאַלט ווערן נישט די פּאַציענטן אַזוי פאַמיליער און היימיש איינע מיט די אַנדערע, ווי אין אַ לונגען־סאַנאַטאָריע.

מען מוז ווערן פאַמיליער און היימיש איינע מיט די אַנדערע שוין צוליב דעם אַליין, וואָס אין אַ לונגען־סאַנאַטאָריע לייגט מען זיך אַריין לכתחילה אויף לאַנגע־לאַנגע חדשים און ווילנדיק ניט ווילנדיק ווערט מען שוין שטיקלעך שותפים צו דעם לעבן און צו די איבערלעבונגען פון די שכנים און שכנות.

מענטשן, וואָס גייען אַרום שטענדיק אין כאַלאַטן און שטעק־שיך זיינען אפילו געזונטערהייט אַ סך אָפנהערציקער פון די, וואָס זיינען אָנגעטאָן און פאַרשפּיליעט אויף אַלע קנעפּלעך.

וואָס ווינציקער בגדים מענטשן טראָגן אויף זיך — אַלץ קלענער ווערט אויך די גייסטיקע מחיצה צווישן מענטש און מענטש, און ווער רעדט נאָך — צווישן מענער און פרויען!

אויך די פּאַציענטקעס גייען אַרום שטענדיק אין כאַלאַטן און שטעק־שיך. דאָס פאַרשטאַרקט נאָך מער דעם איינדרוק, אַז די אַלע, וואָס געפינען זיך אין דער לונגען־סאַנאַטאָריע געהערן צו איין משפּחה.

דאָס משפּחה־געפּיל צווישן די פּאַציענטן מיט די פּאַציענטקעס וואָלט געוואָרן נאָך שטאַרקער, ווען מען וואָלט זיי דערלויבט צו באַזוכן איינע די אַנדערע.

לויט די כּללים פון דער סאַנאַטאָריע קאָנען די פּאַציענטן מיט די פּאַציענטקעס באַגעגענען זיך נאָר ביי די געמיינזאַמע מאָלצייטן, אָדער אַ פּאָר מאָל אין דער וואָך ביי די „מואַווים".

אין די מואַווים אָבער קומען שוין די פּאַציענטן מיט די פּאַציענטקעס אָנגעטאָנענע און פאַרשפּילעטע אויף אַלע קנעפּלעך, פּונקט פּאַרקערט ווי דאָס טוען די האַליוואודער שיינהייטן אויפן לייוונט.

איך פאַרזיכער אייך אָבער, אַז אין דער לונגען־סאַנאַטאָריע פאַרמאָגן מיר ניט קיין קלענערע שיינהייטן, ווי אין האַליוואוד, מער נישט, וואָס זיי — די האַליוואודער — האָבן די געטלעכע ליבע פאַרוואַנדלט אין אַן אינטערנאַציאָנאַלער ביזנעס, בעת אונדזערע פּאַציענטקעס, זאָלן געזונט זיין, באַטראַכטן די ליבע, ווי אַ געטלעכן געשאַנק, וואָס מען מוז איבערגעבן בירושה צו קינדער און צו קינדס־קינדער.

דער גרעסטער טייל פּאַציענטקעס זיינען טאַקע מאַמעס אין בליענדיקן עלטער. אויף זייערע שפּיטאָל־טישלעך שטייען די בילדער פון זייערע בייביס, וואָס האָדעווען זיך אונטער דער אויפזיכט פון באָבעס אָדער שוויגערס. ס'זיינען פאַראַן פּאַציענטקעס, וואָס האָבן שוין לאַנגע חדשים ניט געזען זייערע קינדער. מען רעדט נאָר פון צייט צו צייט דורכן טעלעפאָן. גאַנץ אָפט קומט אַרויס אַ פּאַציענטקע פון טעלעפאָן־ביידל מיט פאַרווייינטע אויגן. איך דרייעריקע מיידעלע האָט צו איר אַריינגעשריען אין טעלעפאָן אַריין:

— „מאַ, קאָם האָום!" — מאַמעלע, קום שוין אַ היים! כ'וועל דיר העלפן וואַשן די „דישעס" (געשיר), כ'וועל דיר העלפן איינקויפן אין די קראָמען!

— „מאַ, קאָם האָום!"

פון די דאָזיקע דריי קינדער־ווערטער קאָן טאַקע צעריסן ווערן דאָס האַרץ ניט נאָר ביי דער קראַנקער מאַמען, נאָר אויך אַפילו ביי דעם געזונטן טאַטן, וואָס שטייט ביים טעלעפאָן, ווען ס'קינד רעדט אַזוי צו זיין קראַנקער פרוי.

ווען כ'דערזע פאָר זיך אַ פּאַציענטקע מיט פייכט־געוואָרענע אויגן — טרייסט איך זי, אַז סוף־כּל־סוף איז אויף די געזונטע אַ גרעסערער רחמנות, ווי אויף די קראַנקע. אַ געזונטער קאָן דאָך, חלילה, קראַנק ווערן, בעת אַ קראַנקער מוז דאָך אַמאָל געזונט ווערן!

דאָך אָבער איז די טראַגעדיע פון אַ קראַנק געוואָרענער פרוי שטענדיק גרעסער, ווי די טראַגעדיע פון אַ קראַנק־געוואָרענעם מאַן.

ווען אַ מאַן לייגט זיך אַריין אין אַ לונגען־סאַנאַטאָריע — פאַרבלייבט זיין היים אַ היים. די מאַמע דערציילט אירע קינדער, אַז דער טאַטע איז אוועק־

געפארן פאר ביזנעס ערגעץ ווייט, ערגעץ ווייט, און ער וועט א לאנגע צייט ניט קומען אהיים.

קינדער זיינען שוין געוואוינט געווארן, אז טאטעס זאלן א לענגערע צייט ניט זיין אין דער היים.

ווען א פרוי אבער ליגט זיך אריין אין א לונגען־סאנאטאריע — ווערט חרוב דאס גאנצע הויז. ניט נאר די קינדער, נאר אפילו דער טאטע אליין ווייס ניט וואו זיך אהין צו טאן?

ער מוז שוין איבערגעבן די קינדער אין רשות פון זיין מאמען, צי פון זיין שוויגער און זיין אייגענע היים באקומט באלד דעם אויסזען פון עפעס א פוסט־געווארענער קרעטשמע.

דער מאן וואלט שוין גערן געוואשן די „דישעס", אבי די פרוי זאל שוין קומען געזונטערהייט צוריק א היים.

סטארעט זיך טאקע די פרוי, וואס גיכער געזונט צו ווערן — זי זאל קאנען אומקערן זיך בשלום א היים צו איר מאן מיט די קינדער.

דער פאציענטקע געלינגט טאקע אפטמאל געזונט צו ווערן גיכער, ווי דעם פאציענט, ווייל די פרוי איז בטבע א סך מער דיסציפלינירט, ווי דער מאן. זי פאלגט אלץ, וואס דער דאקטאר הייסט איר, און ווען דער דאקטאר ליגט זי אריין אין בעט — ליגט זי טאקע, בעת א מאן קאן ניט רואיק איינליגן. אפילו קראנקערהייט טראגט אים עפעס א ווילדער אימפעט. עפעס דוכט זיך אים שטענדיק, אז אן אים וועט ערגעץ־וואו אונטערגיין די וועלט.

וואלט דען א מאן געקאנט אפשווייגן א יאר נאכאנאנד, ווען דער דאק־טאר באפעלט אים צו שווייגן? כ'גלויב ניט אין דעם! א מאן מוז קומען צום ווארט!

איך האב אבער געזען א פרוי אזא, וואס האט כמעט א גאנצן יאר גע־שוויגן! אנשטאט די אזוי גערופענע „ניין מאס רייד" האט זי זיך אנגענומען מיט ניין מאס שווייגענים און געשוויגן ווי א פיש. די אויגן אירע זיינען גע־ווען פול מיט חכמה, אבער דאס מויל האט עס ניט געקאנט ארויסברענגען. אמת, זי פלעגט זיך שטענדיק ארומטראגן מיט אזא מין ספעציעלן שרייב־ברעטל און זי פלעגט זייער פלינק ענטפערן אויף אלע פראגעס דורכן ברעטל.

ביז איך געווען זייער נייגעריק צו זען, ווי אזוי די דאזיקע פרוי וועט זיך אויפפירן, ווען זי וועט שוין מאגן אנהויבן צוריידן?

עפעס האט זיך מיר געדוכט, אז נאך א יאר שווייגענים — וועט זי זיך צוּרייסן צום רײדן, ווי א דורשטיקער צום וואסער.

לאזט זיך אויס, אז איך האב געמאכט א טעות. אויך נאך דעם רייד־פארבאט האט די פאציענטקע אנגעהויבן צו ריידן זייער קורץ און זאכלעך, ווי זי וואלט די ווערטער אירע נאך אלץ געשריבן אויפן ברעטל.

האָב איך דערזען, ווי אַנדערש עס זיינען די פּרויען פון די מענער.

פאַר איין יאָר שרייבן אויפן ברעטל האָט זיך די פרוי אויסגעלערנט צו זיין אַזוי קורץ און זאַכלעך, בעת מענער, וואָס שרייבן שוין, ווייס איך, ביי פערציק יאָר נאָכאַנאַנד, ווייסן ניט אַפּטמאָל ביז היינט נאָך, ווען און וואו זיך אָפּצושטעלן (אפילו ביים ריידן).

בין איך זיך מודה, אַז פון דער דאָזיקער שוויג־פרוי האָב איך זיך עפּעס וואָס אָפּגעלערנט.

# דעלעגאַטן פון יענער וועלט

עס טרעפט אַמאָל, אַז די דאָקטוירים פון דער לונגען־סאַנאַטאָריע גיבן מיר אַן אורלויב און איך כאַפּ זיך אַריין אויף אַ „וויק־ענד" פון עטלעכע וואָכן קיין ניו יאָרק.

אין ניו יאָרק מעלד איך זיך קודם כל אין דער שרייבערישער קיבעצאַר־ניע אויף איסט בראַדוויי, וואו איך קאָן שעה'ן־לאַנג זופּן קאַווע און רויכערן סיגאַרעטלעך אָן קיין שום מעדיצינישן קאָנטראָל.

מיינע פריינט און קאָלעגן גיבן מיר, פאַרשטייט זיך, קאָמפּלימענטן, אַז איך זע אויס זייער גוט, דערפיל איך זיך אַביסל שולדיק, וואָס איך זע נאָך אויס בכלל.

אָט האָבן לעצטנס שוין ווידער אַמאָל עטלעכע קאָלעגן גאָר אינגאַנצן אויפגעהערט „אויסצוזען". זיי זיינען פּלוצלינג און אומגעריכט אַוועק פון אונדז אין אַ זייַ־געזונט!

יעדן מאָל, ווען איך קום קיין ניו־יאָרק אויף אַ „וויק־ענד" — קום איך צו אַ לויה, אָדער צו אַ יאָרצייט פון אַ קאָלעגע. די טישלעך אין אונדזער קיבע־צאַרניע ווערן אַלץ שיטערער און שיטערער באַזעצט.

איך הער, אַז פאַר די פינף יאָר, וואָס איך בין אין אַמעריקע, האָט דער י. ל. פּרץ שרייבער פאַראיין אין ניו יאָרק מקבר געווען 36 (זעקס און דרייסיק) מיטגלידער און כמעט נאָך אַמאָל אַזויפיל יידישע און העברעאישע שרייבער, וואָס האָבן ניט געהערט צום פּרץ שרייבער פאַראיין, זיינען פאַר די זעלבע פינף יאָר געשטאָרבן אין ניו־יאָרק און אין די אַנדערע שטעט פון אַמעריקע און קאַנאַדע.

דער דורכשניטס־עלטער פון אַ יידישן שרייבער, וואָס גייט אַוועק פון אונדז אין אַ זייַ־געזונט, איז צווישן פופציק און זעכציק. ווען איך דערמאָן

זיך, אז איך בין שוין אַ סך נעענטער צו זעכציק ווי צו פופציק — מוז איך דאָך ווידער אַמאָל באַשטעלן אַ ניי טעפּעלע קאַווע און פאַרציען זיך מיט אַ ניי סיגאַרעטל!

ווען כ'וועל זיך אומקערן צוריק אין דער סאַנאַטאָריע — וועל איך מיינע דאָקטוירים, פאַרשטייט זיך, ניט דערציילן, אַז איך האָב זייער פּליסיק געהיילט אין ניו יאָרק מיינע לונגען מיט קאַפעאין און ניקאָטין, ווי כ'טו שוין דאָס פערציק יאָר נאָכאַנאַנד.

אמת, ס'איז זייער מעגלעך, אַז די נייע „עקס־רעים" (רענטגענס), וואָס די דאָקטוירים וועלן פון מיר נעמען, וועלן אַנווייזן אויף עפּעס אַ נייעם ניקאָטין־וואָלקנדל, וואָס איך האָב פאַרשלעפּט פון ניו יאָרק קיין ליבערטי, אָבער וואָס פאַר אַ ווערט האָט דער דאָזיקער ניקאָטין־וואָלקנדל אין פאַרגלייך מיט די שוואַרצע כמאַרעס, וואָס באַדעקן אַלע מיינע ליטעראַרישע הימלען.

אין אייראָפּע האָט מען כמעט אַלע יידישע שרייבער אויסגעקוילעט און אין אַמעריקע שטאַרבן אויס די יידישע שרייבער פון האַרץ־אַטאַקעס.

אָבער אַט האָב איך היינטיקן מאָל אין ניו יאָרק זיך באַגעגנט פּנים אל פּנים מיט איינציקע דעלעגאַטן פון „יענער וועלט". כ'מיין דאָ די דעלעגאַטן פון דער שארית הפּליטה אין פּוילן. אויך די דאָזיקע דעלעגאַטן האָבן מיר געמאַכט קאָמפּלימענטן, אַז איך זע אויס גאַנץ גוט! האָב איך זיך ווידער אַמאָל פאַרשעמט, וואָס איך זע נאָך אויס כלומרשט גוט. ווי קאָן מען דען גוט אויסזען, ווען הינטער די פּלייצעס פון יעטווידן דעלעגאַט דערזע איך די הויכע קוימענס פון די קרעמאַטאָריומס און די פולע קאַסטנס מיט „יודן־זייף".

איינער פון די דאָזיקע דעלעגאַטן איז מיינער אַ קרוב. ערשט מיט קאַרגע צען יאָר צוריק בין איך נאָך געווען אַ בן־בית ביי אים אין הויז. דאָס איז מאַרק ביטער — דער וויצע־פּאַרזיצער פון דעם יידישן קאָמיטעט אין פּוילן. מיט גרויס האַרצקלאַפּעניש האָב איך זיך מיט אים באַגעגנט אויג אויף אויג.

איך האָב געוואוסט, אַז הינטער ביטער'ס פּאַרטיזאַנישער פּלייצע וועל איך דערזען זיין גאַנץ הויזגעזינד פון נאַוואַליפּיע גאַס אין וואַרשע. כ'וועל דערזען זיין שטילע האַרציקע מאַמען, וואָס פלעגט פון סאַמע באַגינען ביז שפּעט ביינאַכט האַלטן אין איין קאָכן און באַקן נישט נאָר פאַר דער אייגענער משפּחה, נאָר אויך שוין פאַר די געריכטע און אומגעריכטע געסט, וועלכע פלעגן האַלטן אין איין קומען און גיין פון סאַמע אינדערפרי ביז שפּעט ביינאַכט. איך וועל אויך דערזען הינטער אים זיינע דריי ליכטיקע שוועסטער, וואָס יעדע איינע פון זיי האָט געהאַט געהערט צו אַן אַנדער פּאַרטיי, אָבער אַלע אינאיינעם האָבן זיי געהערט צו דער אייז־איינציקער פּאַרטיי פון „אהבת ישראל", פון ליב האָבן מענטשן בכלל און יידן בפרט. און איך וועל אויך דערזען הינטער אים זיינע שטאַרקע און פעסט־געבויטע צוויי שוואָגערס, וואָס איינער פון זיי, מענדזשינ־

סקי, איז געווען א וויכטיקער טוער פון דער צענטראַלער יידישער שול־אָרגאַני־זאַציע („ציש״א) און דער צווייטער — הערש לענט — א וויכטיקער טוער פון די לינקע פּועלי ציון.

הערש לענט און זיין פופצן־יאָריקער בן־יחידל שענן (שאַנאַן) זיינען מיט געווער אין די הענט אומגעקומען אין די היסטאָרישע טעג פון דעם אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ און זייערע ליכטיקע נעמען זיינען אויף אייביקע יאָרן איינגעקריצט געוואָרן אין דער מאַרטיראָלאָגיע פון אונדזער פאָלק. אויך אַלע אַנדערע משפחה־מיטגלידער פון מלך ביטער זיינען אומגעקומען מיט א העל־דישן מאַרטירער־טויט.

אין מיר באַפאַלן א פּחד, ווען איך האָב הינטער מאַרק ביטער׳ס פּלייצע דערזען דעם שוואַרצן אָפּגרונט, וואָס האָט פאַרשלונגען א גאַנץ פאָלק מיט זיידעס און באָבעס, מיט טאַטעס און מאַמעס, מיט ברידער און שוועסטער, מיט קינדער און קינדס־קינדער. טאַמער האָט זיך איינער פון א משפּחה, צי איי־נער פון א גזע יע געראַטעוועט על פּי נס, צי על פּי צופאַל — האָט ער נישט אפילו וועמען אָנצוזאָגן, אַז ער לעבט, אַז ער איז דאָ! ווי גרוים עס מוז זיין דער עלנד פון א לעבן־געבליבענעם יידישן מענטשן, וועלכער האָט ניט אפילו וועמען אָנצוזאָגן, אַז ער, איינער פון א גזע, איז לעבן געבליבן!

— דיר, מלך, איז נאָך גוט! — האָב איך פּרובירט טרייסטן מיין קרוב און מיין גואל הדם. דו האָסט נאָך וועמען אָנצוזאָגן, אַז דו לעבסט. דו האָסט נאָך קרובים אין אַמעריקע!

האָט מלך (אָדער מאַרק) ביטער אַרויסגענומען פון זיין בוזעם־קעשענע א בילדל פון א קינד, פון א פינף־יאָריקן פּרעכטיקן יינגעלע און ער האָט צו מיר אַזוי געזאָגט:

— דאָס איז די איינציקע טרייסט מיינע, דאָס איז דער איינציקער המשך פון אונדזער גזע!

האָב איך זיך פאַנאַנדערגעוויינט פאַר פרייד, קוקנדיק אויף אָט דעם וואונ־דערלעכן יינגעלע, וואָס איז געבוירן געוואָרן הינטער די הויכע ווענט פון דער וואַרשעווער געטאָ און וואָס פון אים וועט זיך שוין אָנהויבן א גאַנץ ניי בלאַט געשיכטע פון דעם יידישן פאָלק אין פּוילן.

פון אים, פון אָט דעם געטאָ־יינגעלע מוזן דאָך אין משך פון דורות אַרויס־קומען נייע זעקס מיליאָן יידישע גיבורים, וואָס וועלן מיט שטאָלץ און ווירדע פאַרזעצן דעם ווייטערדיקן גאַנג פון אונדזער געשיכטע.

און נאָך איינעם א יידישן קינד פון „יענער וועלט״ האָב איך דערזען אויף די צעגליטע אַספאַלטן פון ניו־יאָרק. ס׳איז א יידישע טאָכטער פון דעם ביאַליסטאָקער אויפשטאַנד. עס איז דאָס קינדיש־אויסזעענדיקע חיה׳לע גראָס־מאַן. לויט אירע יאָרן איז זי נאָך מער ווי צוויי מאָל יינגער פון מיר, אָבער לויט

אירע איבערלעבונגען און דערפארונגען איז זי נאך מער, ווי אויף צוויי טויזנט יאר עלטער פון מיר. זי שטאמט פון די מאקאבייער, זי קומט צו אונדז די־רעקט פון תנ״ך. זי איז שוין אויך אזוי פשוט און הארציק ווי א מעשהלע פון חומש. איך וויס, אז חיה׳לע גראסמאן געהערט צום לאנד פון אונדזערע אבות און אמהות. מיטן כוח פון אונדזערע אבות און אמהות האט זי דורכגעמאכט אלע נסיונות און עקדה׳ס צווישן די קאלד־אויוונס און גאז־קאמערן פון פוילן און מיטן כוח פון אונדזערע אבות און אמהות וועט זי זיך אריינפלעכטן אין די נייע מעשי בראשית פון ארץ־ישראל.

אויך זי, דאס מוטער־קינד פון אונדזער פאלק, האט מיך א פרעג געטאן, ווי אז אלטן באקאנטן פון פארצייטיקע דורות: „וואס איך מאך?״

האב איך חיה׳לען תיכף געגעבן דעמזעלבן שאבלאנעם ענטפער, וואס איך גיב צוויי מאל אין טאג צו מיינע דאקטוירים אין דער לונגען־סאנאטאריע:

— ס׳איז אל־רייט, כ׳מאך א לעבן!

ווען מען גיט אזא מין ענטפער צו א דאקטאר אין א שפיטאל — קלינגט ער אביסעלע קאמיש, אבער ווען א יידישע ביבל־פארטיזאנקע דערהערט אזא מין ענטפער פון א יידישן שרייבער אויף איסט בראדוויי — מוז זי גלייך דער־שפירן די ביטערע איראניע, וואס שטעקט הינטער דעם דאזיקן ענטפער. ווער־דיק מיך אביסל דערהויבן און דערמוטיקן — האט חיה׳לע גראסמאן צו מיר פלוצלינג א זאג געטאן:

— כ׳וואלט וועלן האבן אייערע לידער...

ס׳איז, אגב, די ערשטע פאדערונג אויף מיינע לידער פאר די אלע פינף יאר, וואס איך בין אין אמעריקע.

האט מיר אויסגעזען צו זיין זייער קאמיש, וואס דווקא אין אמעריקע, וואו יידן מאכן, אז עין הרע, א פיינעם לעבן, אינטערעסירט זיך נים קיינער מיט מיינע לידער, בעת א דעלעגאטקע פון „יענער וועלט״ וויל זיי נאך יע האבן!

בין איך זיך מודה פאר חיה׳לע גראסמאן, אז זינט מען האט מיר דא גע־מאכט א בלוט־טראנספוזיע, האב איך אויפגעהערט צו שרייבן לידער.

איך וויל נים, אז פרעמדע בלוט־קייקעלעך („העמאגלאבינס״) זאלן ציר־קולירן אין די אדערן פון מיינע לידער.

האב איך מיין מוזע געגעבן אורלויב אויף אן אומבאשטימטער צייט, און דערווייל שרייב איך נאר פראזע.

צו פראזע־זאכן איז נים נויטיק קיין מוזע.

מען דארף נאר פארמאגן א קליין ביסעלע פאנטאזיע מיט א טראפעלע הומאר.

ווען מען פארמאגט דיביידע זאכן — קאן מען שוין אן אכציק־יאריקע

נוירם פאַרוואַנדלען אין אַ גריכישער געטין און דעם רויטן קוימען פון דער לונגען־סאַנאַטאָריע — אין אַ טרעבלינקע־קוימען.

אָבער אַט ענדיקט זיך שוין מיין דריי־וואָכיקער „וויק־ענד" אין ניו־יאָרק.

כ'האָב געהאַט בדעה זיך אומצוקערן אין דער לונגען־סאַנאַטאָריע אויסצו־אָטעמען פון זיך מיינע נייע איבערלעבונגען און דערפאַרונגען אין ניו־יאָרק, אָבער מיינע ניו־יאָרקער דאָקטוירים האָבן גאָר באַשלאָסן, אַז ס'וועט זיין פאַר מיר אַ סך געזינטער, ווען כ'ליג זיך אַריין אין דער כירורגישער אָפּטיילונג פון דער „הר סיני"־שפּיטאָל („מאַונט סייני־האָספּיטאַל"), וואָס אויף דער פינפטער עוועניו...

פון די קעטסקיל־בערג אַזש צום באַרג סיני איז טאַקע „פאַלג מיר אַ גאַנג", אָבער ווען די דאָקטוירים באַפוילן — איז „נעשה ונשמע!" — מוז מען זיי פאָלגן!

## פון די קעטסקיל־בערג צום באַרג סיני

דער איבערגאַנג פון אַ לונגען־סאַנאַטאָריע אין די קעטסקיל־בערג צו אַ כירורגישער קליניק פון דעם „הר סיני"־שפּיטאָל אויף דער פינפטער עוועניו איז געגליכן צום איבערגאַנג פון אַ טראַמוויי אין אַ סאַבוויי. ווען מען פאָרט אין אַ טראַמוויי — זעט מען דעם גאַנצן דרויסן, זעט מען די גאַנצע וועלט, בעת מען פאָרט אָבער מיט אַ סאַבוויי — זעט מען נאָר אַרום זיך די עטלעכע שכנים, וואָס ווילן פּונקט ווי דו אַרויסרייסן זיך וואָס גיכער פון דעם אומ־היימלעכן אונטערגרונט.

אויך די פּאַציענטן פון דער כירורגישער קליניק וואָלטן וועלן וואָס גיכער אַרויסראַטעווען זיך פון דעם יענעוועלטלעכן אונטערגרונט און ווידער אַמאָל דערזען די ליכטיקע וועלט.

אָבער אָפטמאָל דוכט זיך מיר, אַז איך געפין זיך גאָר אין אַ „פּאַזשאַרנער קאָמאַנדע", וואו מען האַלט אין איין לעשן דעם טויט.

די דאָקטוירים און די קראַנקן־שוועסטער לויפן אַרום טאָג און נאַכט פון בעט צו בעט, באַוואָפנטע מיט שפּריצן, קישקעס, וואַסער־פלעשער און עמערס און לעשן דעם טויט.

קוק איך זיך צו צו אַט דעם דאָזיקן מערקווירדיקן לעש־פּראָצעס און איך וואונדער זיך, וואָס די מאָדערנע מעדיצין האָט צוגעטראַכט אַזויפיל אינקוויזי־

טאַרישע מיטלען, כדי צו פאַרלענגערן דעם לעבן (און אויך די ליידן) פון דעם חולה כאַטש נאָך אויף אַ יאָר, צי אַ חודש, צי אַפילו — אויף איין־איינציקן טאָג.

דורך פאַרשיידענע וועגן און מיטלען פּאָמפּעט מען אַריין דעם ערב־מת אַזויפיל נייע לעבנס־זאַפטן („מים חיים"), אַז ער מוז שוין אַפּטמאָל, קעגן זיין אייגענעם ווילן, אָפּמוטשען זיך נאָך אַ טאָג, צי נאָך אַ וואָך, צי אַפילו — נאָך אַ חודש אַ גאַנצן, בעת סיי די דאָקטוירים און סיי די משפּחה־לייט ווייסן שוין גאַנץ גוט, אַז „די מינוטן זיינען געציילטע".

וואו איז, פרעגט זיך, די לאָגיק ?

פאַרוואָס, פרעגט זיך, זאָל די ברוטאַלע מעדיצין צווינגען אַ ערב־מת צו גוסס'ן נאָך אַ טאָג, צי נאָך אַ וואָך מער און אויסמוטשען דורך דעם די גאַנצע משפּחה, וואָס פאַלט שוין פון די פיס, היטנדיק די נשמה פון דעם גוסס, בעת מלחמה־צייט טיילט מען אויס פּרעמיעס און מעדאַלן צו יענע בראַווע און העל־דישע סאָלדאַטן, וואָס האָבן באַוויזן דעם גרויסן קונץ צו פאַרניכטן טויזנטער לעבנס מיט איין קלאַפּ ?

איך ווייס, אַז ניט איינער פון אייך וועט זיך וואונדערן, וואָס איך שטעל פּלוצים אַזעלכע נאַאיווע, אָדער תמעוואַטע פראַגעס. אָבער וואָס זאָל איך טאָן, אַז איך געפין זיך שוין איבער אַ חודש אין אַ פּלאַץ אַזאַ, וואו מען האַלט מיך אין איין באַטויבן דורך פאַרשיידענע מינים נאַרקאָטיקס ? איז טאַקע מעגלעך, אַז מיין שכל הישר איז אַרונטער פון גלייכן וועג און איך ווער פון טאָג צו טאָג אַלץ מער אידיאָטיש ?

אָבער דאָך, צווישן איין שלאָפטרונק און דעם צווייטן, הויבט מיך ווידער־אַמאָל אָן צו פּייניקן די זעלבע פראַגע : פאַרוואָס טרייסלט מען זיך אַזוי איבער דעם לעבן פון אַ אָפּגעלעבטן און שוין צעפוילטן מענטשן, וואָס דער טויט וואָלט געווען פאַר אים די גרעסטע גאולה, און פאַרוואָס פאַרגעסן מיר אַזוי גיך דעם אומקום פון צענדליקער מיליאָנען יונגע מענטשן אויף די שלאַכט־פעלדער פון אַזעלכע מלחמות, וועלכע מוזן פירן צו נייע מלחמות ?

אויך די דאָזיקע שורות שרייב איך ערב אַ נייעם שלאָפטרונק, און אויב עס וועט מיר אויסקומען, ליידער, ווידעראַמאָל זיך אויפצוכאַפּן און ווידעראַמאָל קומען צו מיינע נאַרישע געדאַנקען, וועל איך ווידעראַמאָל און נאָכאַמאָל איבער־חזרן די זעלבע פראַגע :

— פאַרוואָס מאָרדעוועט מען אַזוי לייכט אויף די שלאַכט־פעלדער און פאַרוואָס לעשט מען דעם טויט מיט אַזוי פיל עקשנות אין די שפּיטאָלן און קליניקס ?

און אויב עס וועט מיר ווידער באַשערט זיין צו האַלטן מיין פען אין דער האַנט און אייך אַמוזירן ווייטער מיט מיינע מעשׂות פון דער וועלט און פון

יענער וועלט — זאג איך אייך צו, אז איך וועל זיך ווייטער האלטן אין מיין אלטן כלל, און נעמלעך:

אנשטאט צו פארנארן דעם לעזער מיט אויסגעטראכטע מעשות פון טויזנט און איין נאכט, וועל איך מיינע לעזער ווייטער פארנארן צו זיך מיטן אמת, מיטן נאקעטן אמת, ווייל אין אונדזער יארהונדערט קלינגט דער אמת נאך טויזנט מאל פאנטאסטישער, ווי א וועלכע ניט איז מעשה׳לע פון טויזנט און איין נאכט.

יע, אויב נאר כ׳וועל בשלום ארויס פון אט דעם נייעם „אונטערגרונט״ מיינעם — וועל איך, אי״ה, אריינטראגן אין ווייסן־הויז פון וואשינגטאן א פראיעקט פון א נייעם דרעפט־געזעץ, און נעמלעך: מען זאל פאר די צו־קינפטיקע מלחמות אנהויבן צו מאביליזירן מענער און פרויען ניט יינגער פון זעכציק.

ווען די צוקונפטיקע מלחמות זאלן געפירט ווערן אויסשליסלעך דורך זקנים און זקנות, וועט עס זיין א טאפעלער אויפטו פאר דער מענטשהייט:

די אלטע לייט וועלן פארשפארן צו קרענקען און צו גוסס׳ן אין די פאר־שיידענע מינים אינקוויזיציע־פאלאטעם פון די מאדערנע שפיטעלער און קלי־ניקס און די קינדער מיט די אייניקלעך וועלן זיך פילן גליקלעך, וואס זייערע טאטעס און זיידעס זיינען אומגעקומען ווי העלדן אויף די שלאכטפעלדער און ניט ווי שמאטעס אין די מושב זקנים׳ס און שפיטעלער.

מיט זעכציק יאר און העכער איז שוין ניט מיאוס אומצוקומען אפילו פון אן אטאם־באמבע.

## אויפן שוועל פון יענער וועלט

איך האב זיך שוין איינגעלעבט אין מיין נייער שפיטאל־סביבה און כ׳קען שוין ווידער אמוזירן מיינע לייענער מיט די מעשה׳לעך פון דער וועלט און פון יענער וועלט.

מיך פארדריסט נאר, וואס די כירורגן האבן א מאדנע טבע צו באהאנדלען יעטווידן חולה (מאג ער אפילו זיין א שרייבער) נאר פון דעם ריין־פיזיאלא־גישן שטאנדפונקט, פארגעסנדיק גאר אינגאנצן, אז די פיזיאלאגיע פון דעם חולה איז אפטמאל אויך די פסיכאלאגיע זיינע...

א מענטש, וואס ליידט, זאגן מיר, אויף דער גאל, האט א גאנץ אנדער פסיכאלאגיע, ווי א מענטש מיט א הויכן בלוט־דרוק, און א מענטש וואס ליידט

פון שווינדזוכט האט ווידעראמאל אן אנדער פסיכאלאגיע, ווי א מענטש וואס לײדט פון אײפערזוכט.

איז ווי באלד יעדער חולה האט זײן אײגענע פסיכאלאגיע — האב איך שטענדיק געהאלטן, אז קרענקען איז פונקט אזא אינטימע אנגעלעגנהייט, ווי זאגן מיר, פירן א לינקע ליבע אדער פירן א טאג־בוך פון א געהיימען „יו־ען" דיפלאמאט.

א געניטער חולה מוז, ווירקלעך, זײן א פלינקער געהיים־דיפלאמאט, וואס קען פאררײדן די צײנער אפילו דעם „מאלכאמאוועס" אלײן.

איך קען פערזענלעך אײנעם אזא מין פראפעסיאנעלן חולה, וואס זינט ער לעבט האלט ער אין אײן שטארבן, און שטארבנדיק אזוי א לעבן־לאנג — האט ער שוין איבערגעלעבט אלע זײנע דאקטוירים און פראפעסארן און ער מאכט נאך עד היום א גאנץ פײנעם לעבן פון זײן פערמאנענטן טויט.

איך באגעגן גאנץ אפט דעם דאזיקן „חולה" אין מײן שפיגל און מיר ווינקען זיך איבער, ווי צוויי פארשווערער, וואס האבן שוין ווידעראמאל אפ־געטאן עפעס א געהײמען שפיצל דעם טויזנט־אויגיקן מלאך המות.

אבער אט איז מיר באשערט געווען ארײנצופאלן אין אזא מין פלאץ, וואו מענטשן קרענקען בציבור און בפרהסיה.

כ'האב דערזען פאר זיך א „וואַרד" אדער „פאלאטע" מיט זיבן און צוואנ־ציק שפיטאל־בעטן. אין יעדער בעט ליגט א צעשניטענער מענטש מיט באנ־דאזשן און מיט גומענע קישקעלעך אין די הענט, צי גאר אין די נאז־לעכער.

אײנער זיפצט, א צווײטער כראפעט, א דריטער רעדט פון שלאף, צי פון היץ, און א פערטער ליגט שוין ווי א מת.

צווישן די בעטן פליען ארום, ווי שמעטערלינגען, די ווײס־באפליגלטע קראנקען־שוועסטער מיט נאדלען און שפריצן. זײ זוכן אויף די ווײכע פלעצער פון דעם קראנקן גוף און זײ שפריצן אין אים ארײן א וועלכן ניט איז בא־טויבונגס־מיטל אדער דעם נײעם הײל־מיטל „פעניסילין".

ווען מען דערזעט פאר זיך אומגעריכטערהייט אזא מין שרעק־בילד — הויבט זיך אן צו דוכטן, אז מען איז ארײנגעפאלן אין א קריגס־לאזארעט הינ־טער די שלאכט־ליניעס. אזוי פיל פארוואונדעטע מענטשן אין אזא מין קרי־טישן צושטאנד! אויך דער אינטערנאציאנאלער באשטאנד פון די קרבנות דערמאנט גיכער אן א קריגס־לאזארעט פון דער אמעריקאנער ארמײ, אײדער אן א פרידלעכן יידישן שפיטאל פון דער פינפטער עוועניו. אט ליגט א נעגער אין שכנות מיט א כינעזער. אט ליגט אן איטאליענער אין שכנות מיט א יידן. אזא מין פרידלעכן צוזאמענלעבן צווישן די פארשײדענע ראסן און פעלקער קען מען טאקע זען נאר אויפן שוועל פון יענער־וועלט!

יע, וואס איז דען א שפיטאל, אויב נים קיין שוועל צו יענער וועלט?

און וואס איז דען א שלאפטרונק, אויב נים קיין רעפעטיציע צום טויט?

ווען מען מאכט דורך אין משך פון איין חודש אזעלכע פיר שטארב־רעפע־טיציעס (יעדע וואך א „רעפעטיציע") — פארלירט מען שוין גאר אינגאנצן דעם חשבון אויף וועלכער וועלט מען געפינט זיך: אויף דער וועלט, צי אויף יענער וועלט?

געפינענדיק זיך אין אט אזא מין נארקאטיזירטן צושטאנד — האט זיך מיר, דעם אמת געזאגט, נים איינמאל שטארק געגלוסט צו אנטלויפן פון שפי־טאל צוריק אהיים. סוף כל סוף בין איך דאך נים קיין אקטיאר פון א וועל־כער נים איז הימל־טרופע, וואס מוז יעדע וואך רעפעטירן דעם טויט! אבער ווי, פרעגט זיך, קען מען אנטלויפן פון שפיטאל ווען מען האט אלע דיינע בגדים איינגעפאקט אין א פאפירענעם זעקל און מען האט עס אפגעגעבן דער פרוי — אז זי זאל עס מיטנעמען אהיים.

יע, כ'האב איך פארגעסן צו דערציילן, אז איידער מען לייגט זיך אריין אין שפיטאל, וואס טראגט דעם הייליקן נאמען „הר סיני" („מאונט סינאי" בלע"ז) — מוז מען אויסטאן נים נאר די שיך, ווי משה רבנו האט עס געהאט געטאן, ווען ער איז געוועזן ארויף אויף דעם „הר סיני", נאר מען מוז פון זיך אראפווארפן לחלוטין אלע בגדים! איינע א קראנקן־שוועסטער פאקט איין די בגדים, לויט א געוויסן סדר, אין א פאפירענעם זעקל, און נעמלעך: צוערשט די שיך, נאכדעם די וועש, נאכדעם די הויזן, דאס וועסטל, דאס רעקל, דאס אויבער־העמד מיטן שניפס און איבער דעם אלעמען — דעם קאפעליוש, וואס דעקט צו די אלע בגדים, אין וועלכע ס'האט זיך ערשט מיט עטלעכע מינוט צוריק נאך געהאט געפונען א מענטש, א לעבעדיקער מענטש!

דער נאקעטער חולה באקומט פון דער „נוירס" א שפיטאל־העמד מיט א פאר שפיטאל־גאטקעס פון פארשיידענע מאסן און קאלירן, ווי אויך נאך — א שפיטאל־כאלאט אז א גארטל, און ער ווערט שוין, הייסט עס, א פארטיקער „פיישאן", בעת די פרוי וואס האט באגלייט אין שפיטאל אריין איר קראנקן מאן, באקומט פון דער זעלבער נוירס איר מאן צוריק, אבער שוין אן איינ־געפאקטן אין א פאפירענעם זעקל. אין דעם דאזיקן זעקל, וואס די פרוי טראגט אוועק צוריק אהיים, איז, אייגנטלעך, פאראן טאקע דער גאנצער מאן אירער: זיינע שיך, זיינע אונטערשטע און אויבערשטע בגדים, ווי אויך אפילו זיין קאפעלוש. עס פעלט נאר אין זעקל דעם מאנס לייב־און־לעבן.

ווען כ'האב דורכן שפיטאל־פענסטער געכאפט א קוק ווי אזוי מיין פרוי מארשירט אוועק פון שפיטאל צו דער סאבוויי, טראגנדיק איןביידע הענט דעם פאפירענעם „ארון" מיט די נאך נים אפגעקילטע בגדים פון איר מאן — איז

מיר שוין געווארן קלאָר, אַז אויף אַזאַ אופן גרייט מען שוין צו באַצייטנס די פרוי פון דעם חולה צו ווערן אַן אלמנה...

האָט מיר שטאַרק פאַרקלעמט דאָס האַרץ, דערזעענדיק מיין פרוי אין אַזאַ מין ערב אלמנה־צושטאַנד, אָבער אַזוי ווי די „נוירס", וואָס האָט מיך געפירט אין „וואָרד" אַריין, איז געווען נאָך זייער יונג און זייער בלאָנד — האָב איך אונטערדריקט אין זיך דעם פאַרלאַנג זיך אויסצוואווינען איבער דעם טראַגישן גורל פון מיין פרוי מיט איר פּאַפּירענעם מאַן־זאַק.

איצטער איז אייך שוין קלאָר פאַרוואָס איך האָב אויך געמוזט אונטער־דריקן אין זיך דעם פאַרלאַנג צו אַנטלויפן פון שפּיטאָל נאָך איידער מען באַ־שפּריצט מיך מיט די פאַרשיידענע מינים באַטויבנגס־מיטלען און נאָך איידער מען באַטויבט מיך מיט די פאַרשיידענע מינים נאַרקאָטיקס.

אין אַ שפּיטאָל־כאַלאַט קען מען אויף דער פינפטער עוועניו ווייט ניט לויפן. בפרט נאָך, ווען אַלע מיינע שפּיטאָל־„בגדים" טראָגן אויף זיך דעם גאַנץ גרויסן שטעמפּל פון „הר סיני". וועלכער משוגענער ייד אַנטלויפט עס אין די הוילע גאַטקעס פון דעם „הר סיני"? אדרבא, אַ גאָטספאַרכטיקער ייד דאַרף זיך אונטערוואַרפן זיין גורל און ער מוז ענטפערן „נעשה ונשמע" אויף אַלץ, וואָס די דאָקטוירים זאָגן און וואָס די נוירסעס זאָגן.

יע, די נוירסעס שפּילן אין שפּיטאָל אַ פּיל גרעסערע ראָליע ווי די דאָק־טוירים. די דאָקטוירים זעט מען דאָך ניט מער ווי אַ פּאָר מאָל אין טאָג, אָבער מיט די נוירסעס לעבט דער פּאַציענט אַלע פיר און צוואַנציק שעה פון מעת לעת.

אַ דאַנק די ליבע, האַרציקע נוירסעס פון מאַונט סאַינאַי האָספּיטאָל האָב איך ראַדיקאַל געענדערט מיין סקעפּטישע מיינונג וועגן דעם אַזוי־גערופענעם „שוואַכן געשלעכט".

איך האָב באַוואונדערט זייער אייזערנעם געדולד, כ'האָב באַוואונדערט זייער גרויסע איבערגעגעבנקייט צו די פּאַציענטן און כ'האָב אויך באַוואונדערט זייער שטילע ראָמאַנטיק, ניט געקוקט אויף דעם, וואָס עס קומט זיי אויס צו פאַרנעמען זיך אין שפּיטאָל מיט זייער אַ סך ניט־ראָמאַנטישע ענינים...

אַ באַזונדער שוואַכקייט האָב איך באַקומען צו דער נוירס, וואָס פאַרנעמט זיך מיטן איינשלעפערן די פּאַציענטן איידער מען גייט זיי אָפּערירן.

די דאָזיקע נוירס האָט מיך אין משך פון איין חודש פיר מאָל איינגע־שלעפערט, און יעדן מאָל האָב איך געפילט אין איר אַ גאַנץ אַנדער טעם.

ס'איז מעגלעך צוליב דעם, וואָס זי פלעגט צו מיר ריידן אַ גוטן, זאַפ־טיקן יידיש אַפילו דאָ, ווען זי פלעגט אַריינפּאָמפּן אין מיר וואָס מער עטער, אָדער „איטער", ווי מען זאָגט אין אַמעריקע.

איך האָב זיך שוין אויף אַזוי פיל געהאַט צוגעוואוינט צו דער „איטער"־

שוועסטער, אז כ'פלעג מיט איר פלורטעווען אפילו ליגנדיק שוין אונטער דער מאסקע.

— ביי דיר שלאף איך איין אזוי רואיק, אזוי געשמאק! — האב איך איינמאל א זאג געטאן צו דער נוירס פון אונטער דער גאז־מאסקע, און די נוירס האט מיר מאמעדיק־ווייך געענטפערט:

— עטעם טיפער, נאך טיפער!

אבער וואס טיפער כ'פלעג אריינעטעמען אין זיך דעם עטער, אלץ העכער פלעג איך זיך אויפהויבן אין די בלויע הימלען אריין און פארשווינדן אין דער אייביקייט, נאך וועלכער איך יאג זיך א לעבן־לאנג.

א צווייטן מאל האב איך נאך באוויזן אויסצודעקלאמירן פאר מיין שלאף־שוועסטער דעם ערשטן פערז פון מיינעם א שלאף־ליד:

„די מאסקע ליגט אויף מיין געזיכט,
איך עטעם איין דעם עטער.
מיין גוף פארלירט באלד זיין געוויכט,
איך פלי שוין צו די געטער...”

דעם צווייטן פערז האב איך שוין ניט באוויזן אויסצודעקלאמירן, ווייל כ'בין שוין טאקע געווען אוועקגעפלויגן צו די געטער פון אלימפ...

אגב, מוז איך דא פעסטשטעלן, אז דאס אוועקפליען אין די בלויע הימלען אריין קומט אן א סך לייכטער און אנגענעמער, ווי דאס אויפכאפן זיך; ריכטיקער געזאגט, ווי דאס אויפשטיין „תחית המתים” נאך א דורכגעמאכטער אפעראציע.

דאס אפשטארבן אויף עטלעכע שעה אונטער דער עטער־מאסקע דויערט ניט אפילו קיין איין מינוט, בעת דאס אויפשטיין „תחית המתים” קומט אן בוכשטעבלעך מיט דער גרינער גאל (אויב אפילו מען האט זי אויסגעשניטן).

דער אויסגעצערטער קערפער לעכצט נאך אביסל וואסער און מען גיט ניט אפילו קיין טעפעלע קאווע נאך אזא מין דורכגעמאכטער הימל־רייזע!

בין איך לחלוטין ניט מקנא די אלע יידן, וואס וועלן, נעבעך, מוזן אויפשטיין תחית המתים, ווען משיח וועט קומען.

אויב נאך א שטארב־רעפעטיציע, וואס דויערט ניט מער ווי עטלעכע שעה, קומט אן נאכדעם די ווידערדערוואכונג מיט אזויפיל אויסערגעוויינלעכע יסורים — שטעל איך זיך שוין פאר, ווי שווער און פיינלעך ס'וועט זיין דער תחית המתים פראצעס פאר יענע יידן, וואס זיינען שוין טויט הונדערטער אדער טויזנטער יארן!

כ'וואלט ניט וועלן זיין צווישן די, וואס וועלן מוזן אויפשטיין תחית המתים, ווען משיח וועט קומען!

כ'האב שוין געהאט גענוג תחית המתים „טראבל” אויף דער וועלט, צו וואס נאך מוטשען זיך אויך אויף יענער וועלט?

# אויף די קראַנקע האַלט זיך די וועלט

קרענקען בציבור אין אַ שפּיטאָל איז אַ סך באַקוועמער און אפילו פּריי־לעכער ווי קרענקען, חלילה, ביי זיך אין דער היים.

אין דער היימישער סביבה וועט אַ חולה קיינמאָל ניט געזונט ווערן אַזוי גיך ווי אין אַ שפּיטאָל. איז דער חולה אַ גביר — וועלן שוין די דאָקטוירים מיט די „נוירסעס" זען, אַז זייער פּאַציענט זאָל קרענקען אַביסעלע לענגער... (ס'וועט אים, חלילה, ניט פאַרשאַטן...). איז דער חולה אַ פּראָלעטאַריער — ווערט ער דאָך אַז אמת'ע אַנשיקעניש פאַר זיין הויזגעזינד, און דאָס מאַכט דעם חולה נאָך קראַנקער ווי ער איז.

אין אַ שפּיטאָל אָבער דערפילט זיך דער חולה מונטער און דערהויבן שוין צוליב דעם אַליין, וואָס ער דערזעט באַלד, אַז אַ סך אַנדערע מענטשן קרענקען אויך. ער איז, הייסט עס, ניט דער איינציקער, וואָס דער מלאך המות לויערט שוין אויף אים.

נאָך מערער, דער שפּיטאָל־חולה איבערצייגט זיך באַלד, אַז ער איז, חלילה, ניט קיין אַנשיקעניש פאַר די געזונטע, נאָר פּונקט פאַרקערט: ער ווערט גאָר אַ ניצלעכער עלעמענט פאַר דער געזעלשאַפט!

אויף יעטווידן שפּיטאָל־חולה — מעג ער זיין אַ גרויסער קבצן — וואַרטן שוין פאַרשיידענע מינים מענטשן, וועלכע מאַכן פון דעם חולה אַ גאַנץ פיינעם לעבן...

אַנשטאָט צו זיין אַ פּאַראַזיט, וואָס פאַלט צו לאַסט דער משפּחה, ווערט גאָר דער חולה אַ פּרנסה־געבער! דאָס הויבט זיין שטימונג. ער באַקומט אויך מער דרך־ארץ צו זיך אַליין.

אָט, למשל, האָט מיר איינער אַ חולה פון מיין „וואָרד" (פּאַלאַטע) געמאַכט דעם פאָלגענדיקן חשבון:

— אונדזער שפּיטאָל, — זאָגט צו מיר מיין בעט־שכן, — פאַרמאָגט נײַן הונדערט בעטן. ניט אַלע בעטן זיינען שטענדיק פאַרנומען. אין דורכשניט פאַר־מאָגט דער שפּיטאָל יעדן טאָג ביי זיבן הונדערט און פופציק פּאַציענטן. אַר־בעטן אין שפּיטאָל גופא ביי טויזנט אָנגעשטעלטע. נעמלעך: פינף און זיבע־ציק דאָקטוירים, דריי הונדערט נוירסעס (קראַנקן־שוועסטער) און די איבעריקע אין דער וועשעריי, אין דער קיך, אין דער אַפּטייק און אַזוי ווייטער.

איבער אַ העלפט פון די שפּיטאָל־אָנגעשטעלטע, — האָט מיין חולה־סטאַ־טיסטיקער פאַרגעזעצט, — זיינען פאַמיליען־מענטשן. אַזוי אַרום באַקומט זיך, אַז פון די זיבן הונדערט און פופציק פּאַציענטן אין אונדזער שפּיטאָל ציען

זייער חיונה מינימום ביי צוויי טויזנט מענטשן, ד. ה., אז איין חולה שפּייזט אַן ערך דריי געזונטע!

נאָך אַמאָל אַזוי פיל מענטשן מאַכן אַ לעבן פון אונדזער שפּיטאָל אומ־דירעקט! — האָט מיין בעט־שכן ווייטער געצויגן זיין סטאַטיסטישן פאָדעם. — דאָס זיינען די אַרבעטער און באַלעבאַטים פון יענע פאַבריקן, וואָס אַרבעטן אויס די פאַרשיידנסטע מינים שפּיטאָל־מכשירים און חפצים, ווי כירורגישע מעסערלעך, שערעלעך, פּינצעטקעס, שפּריצן, נאָדלען, וואַטע, מאַרליע, באַנ־דאַזשן, אַקסידזשען אַפּאַראַטן, עקס־רעי מאַשינען (רענטגען), געדערים שפּאַק־טיוועס, ליילעכער, קישנס, מאַטראַצן, פּאַטענטירטע רפואות, פּאַטענטירטע שפּיטאָל־בעטן, פּאַטענטירטע נאַכט־טעפּ, שוין ניט גערעדט פון די פליייש־ליי־פעראַנטן, ברויט־ליפעראַנטן, מילך ליפעראַנטן און אַלע אַנדערע מינים שפּי־טאָל־ליפעראַנטן.

אַזוי אַרום מאַכן שוין ביי פיר טויזנט מענטשן אַ לעבן פון די זיבן הונ־דערט און פופציק פּאַציענטן אין אונדזער שפּיטאָל! — האָט מיין בעט־שכן אונטערגעפירט זיין פריילעכן סך־הכל צו זיין מערקווירדיקן שפּיטאָל־חשבון.

מיט אַנדערע ווערטער, הייסט עס, אַז פון יעדן שפּיטאָל־חולה ציען זייער חיונה ביי זעקס געזונטע מענטשן.

— אָבער וואַרט נאָר, וואַרט! — האָט זיך מיין בעט־שכן געגעבן אַ זעץ־אויף אַ באַגייסטערטער פון זיין אייגענעם סך הכל. — דער חשבון איז נאָך ווייט ניט קיין פאַרענדיקטער! מען מוז נאָך צוגעבן די אַלע מענטשן, וואָס מאַכן אַ גאַנץ פיינעם לעבן אויך פון די מתים, ניט פאַר אונדז געדאַכט! האָט איר דען אַ פאַרשטעלונג וויפיל מענטשן עס לעקן אָפּ אַביינדל פון יעט־ווידן מת? — די תהלים־זאָגערס און די הספדים־מאַכערס, די מאַגרעבערס און די מצבה־קריצערס, די „אל מלא רחמים'ניקעס" און די נעקראָלאָגן־שרייבערס, די געדונגענע קדישים און די חזנים, די אַרונ'ס, די תכריכים, די פּודערס מיט די שמינקעס, וואָס מען לייגט אָן אויף דעם מת, אַז ער זאָל אויסזען נאָך יינגער ווי ווען ער איז געווען געגאַנגען צו דער חופּה, די קברים־היטערס און די יאָרצייט־ליכט, די טרויער־קליידער פאַר די אַלמנות און די שאַקאָלאַד־שאַכט־לען ביים מנחם־אבל זיין. ווער קען דען אויסרעכענען אויפן קאָפּ די אַלע זאַכן, וואָס האָבן צו טאָן מיט דער מתים־אינדוסטריע אין אַמעריקע! — האָט מיין אַפּערירטער בעט־שכן, שוין ווערנדיק מיד פון זיין צו־לאַנגן חשבון זיך אויסגעצויגן רחבות'דיק אויף זיין בעט, ווי ער וואָלט געווען געוואַרט, אַז די אַלע געזונטע, וואָס מאַכן פון אים אַ לעבן, זאָלן קומען אים פערזענלעך צו באַדאַנקען פאַר דער חיונה, וואָס ער שאַרט זיי צו דורך זיינע קרענק.

דעם אמת געזאָגט, האָב איך זיך אויך דערפילט אַ סך תקיפ'ער פון אַט דעם טשיקאַווען שפּיטאָל־חשבון. לאָזט זיך אויס, אַז קראַנקערהייט ציען פון

מיר זייער חיונה ביי זעקס געזונטע מענטשן, בעת געזונטערהייט קען איך קוים מאכן א לעבן פאר צוויי!...

מיין קראנקן־תקופות איז ביי מיר נאך מער געשטיגן, ווען איך האב דער־זען, אז ארום די שפיטאל־קראנקע מאכן א לעבן נאך פיל אנדערע מענטשן, וועלכע מיין בעט־שכן האט גאר אינגאנצן פארגעסן אריינצושטעלן אין חשבון.

אט זיינען זיי: ערשטנס, די פרויען פון דעם אזוי גערופענעם „סאשעל סוירוויס" (אזא מין צדקה־געזעלשאפט). די דאזיקע פרויען פרעגן אויס יעט־ווידן ניי־אנגעקומענעם פאציענט וועגן זיין סאציאלער און מאטעריעלער לאגע, צי האט ער א פרוי מיט קינדער, און אויב ער האט אזעלכע, צי האבן זיי פון וואס צו לעבן, וויבאלד דער „לעבן־מאכער" אליין ליגט קראנק; אויב דער חולה איז ווירקלעך אן ארימאן, באקומט, מן הסתם, די ערב־אלמנה מיט אירע ערב־יתומים די נויטיקע הילף.

אט די דאזיקע גוטהארציקע „סאשעל" פרויען פארדינען כשר זייער וואכן־געהאלט, ווייל טאן גוטס צו געפאלענע באצאלט זיך סיי אויף דער־וועלט און סיי אויף יענער־וועלט!

צווייטנס, קומען אריין אין שפיטאל נאך אנדערע פרויען, וואס זארגן זיך פאר די ליידיגע הענט פון די פאציענטן. די הענט ביי דעם חולה זיינען דאך געזונט — איז צו וואס זאלן זיי פוסטעפאסעווען אין דעם שפיטאל? ליגן זיי פאר דעם חולה פארשיידענע מינים האנט־ארבעטן: אויספלעכטן פון קאלירטע רימען־שנירלעך בראסלעטן, רינגעלעך, ביימעלעך, גאַרטלען אדער גאר אנשטאפן מיט וואטע פארשיידענע מינים געוואנטענע חיות און עופות. די אלע חפצים, וואס די פאציענטן ארבעטן אויס, באקומען זיי געשענקט צום אייביקן אנדענק פון שפיטאל, און די קוסטארנע פרויען זיינען גליקלעך, ווען עס געלינגט זיי אויסצובריינגען אביסל סחורה פון זייערע אנגעשטאפטע האנט־בייטלען.

אויך די דאזיקע סימפאטישע פרויען (אדער מיידלעך?) פארדינען כשר זייער וואכן־געהאלט. זיי קנעלן אריין אזוי לאנג מיטן חולה וועגן דער וויכ־טיקייט פון א וועלכער ניט איז האנט־ארבעט, אז אפילו איך בין שוין אויך געווארן ביי זיי א מייסטער, און אויב ס'וועט זיך ביי מיר, חלילה, אויסלאזן דער טאלאנט צום שרייבן, וועל איך שוין קענען ווערן א בייטלמאכער...

און, דריטנס, זיינען פאראן אין שפיטאל נאך אנדערע פרויען (אדער מיידלעך?), וואס זארגן זיך פארן גייסטיקן צושטאנד פון די פאציענטן. דאס זיינען די פארוואלטערקעס פון דער שפיטאל ביבליאטעק. א פאר מאל אין דער וואך פארן זיי אריין אין אונדזער „וואַרד" (אדער פאלאטע) מיט א ביבליא־טעקל אויף רעדלעך און זיי פרעגן יעדן פאציענט, צי וויל ער א וועלכן ניט איז בוך צום לייענען. אמת, דער אויסוואל פון די ביכער איז ניט קיין גרויסער,

אבער דערפאר זיינען זיי אין פארשיידענע שפראכן: ענגליש, דייטש, איטא־ליעניש און יידיש.

דאס רוב פאציענטן זאגן זיך אפ פון די ביכער, און כ׳מיין, אז זיי זיינען גערעכט. קען מען דען פארטיפן זיך אין א װעלכן ניט איז בוך, ווען מען גע־פינט זיך אין א „פאזשארנער קאמאנדע", וואו מען האלט טאג און נאכט אין איין לעשן דעם טויט! פלעגן טאקע די צוויי ביכער־פרויען גאנץ אפט ארויס־פירן פון „װארד" די זעלבע צאל ביכער, וואס זיי האבן געהאט אריינגעפירט, אבער א װאכן־געהאלט פארדינען זיי שוין צוליב דעם אליין, וואס זיי זארגן זיך ספעציעל פאר די גייסטיקע אינטערעסן פון דעם חולה.

דער אינטעליגענטערער חולה פילט זיך אפטמאל באליידיקט, וואס די דאקטוירים און די נורסעס אינטערעסירן זיך דער עיקר מיט דער נאקעטער פיזיאלאגיע (טעמפעראטור, פולס „אשר־יצר" פראצעסן וכדומה), פארגעסנדיק גאר אינגאנצן, אז דער חולה פארמאגט נאך אויך א נשמה, צי א גייסט, וואס נויטיקט זיך אויך אין „וויטאמינען" (טרייסט, צערטלעכקייט, מיטגעפיל).

דעריבער טאקע דערפרייען זיך די פאציענטן מיט די צוויי ביכער־פרויען, וואס אפעלירן צו זייער גייסט, צו זייער נשמה.

אמת, קיין ביכער נעמט ער ביי זיי טאקע ניט, אבער פארברייינגען מיט זיי ווענן העכערע ענינים קאן מען דאך!

היינטיקן מאל האב איך נאר געוואלט אויפמערקזאם מאכן מיין בעט־שכן, אז ער האט פון זיין שפיטאל־סטאטיסטיק אויסגעלאזט די אויבן־דערמאנטע דריי מינים פרויען, וואס מאכן אויך א לעבן פון די שפיטאל־פאציענטן.

ווען כ׳האב מיין בעט־שכן אנגעוויזן אויף זיין פעלער, האט ער צו מיר געזאגט, אז ער איז גראד איצט פארנומען מיט א פיל גרעסערן חשבון. ער וויל, נעמלעך, וויסן וויפיל געזונטע מענטשן אין אמעריקע מאכן בכלל א לעבן פון די קראנקע.

— ווייסט איר דען גענוי וויפיל קראנקע עס זיינען פאראן אין אמעריקע?

— האב איך אים פאר׳חידוש׳ט א פרעג געטאן.

— געוויס ווייס איך! — האט מיר מיין בעט־שכן מיט זיכערקייט אן ענטפער געטאן.

— אט האב איך היינט געלייענט אין ציַיטונג, אז יעדער צענטער איינ־וואוינער פון אמעריקע מוז איין מאל אין יאר אריינקומען אין א שפיטאל, דאס הייסט, אז פון די הונדערט און פערציק מיליאן איינוואוינער מוזן ביי פערצן מיליאן דורכמאכן איין מאל אין יאר א װעלכע ניט איז שפיטאל־באהאנדלונג.

— ווען מיר כפל׳ען יעדן איינעם פון די פערצן מיליאן חולאים אויף די זעקס געזונטע, וואס מאכן פון אים א לעבן, ווי מיר האבן פריער אויסגערעכנט,

באקומט זיך דערנסטמאל, אז גאנצע פיר און אכציק מיליאן איינוואוינער פון אמעריקע מאכן א לעבן פון אונדז קראנקע!

— ס׳לייגט זיך ניט אויפן שכל, אז גאנצע פיר און אכציק מיליאן געזונטע מענטשן זאלן מאכן א לעבן פון פערצן מיליאן קראנקע! — האב איך פרובירט אפפרעגן דעם גוזמא׳דיקן סך־הכל פון מיין בעט־שכן.

— זאג איך אייך בפירוש, אז ווען ס׳פאסירט עפעס א נס און די מענטשן אין אמעריקע הערן־אויף כאטש איין יאר צו קרענקען און שטארבן, וואלט גאנץ אמעריקע אויסגעצויגן די פיס פאר הונגער! — האט זיך שוין מיין בעט־שכן אנגעהויבן צו קאכן!

— ווייסט איר דען וויפיל איין ניו יארק אליין פארמאגט דראג־סטארס, שפיטעלער, קליניקס, סאנאטאריומס, מושב זקנים׳ס, דאקטוירים, נוירסעס און אמבולאנסן?

— ניין, איך ווייס ניט! — האב איך געזאגט דעם אמת.

— וויבאלד איר ווייסט ניט, דארפט איר זיך מיט מיר ניט דינגען! — איז שוין מיין בעט־שכן געווארן אויף מיר ברוגז.

— ווער דינגט זיך מיט אייך! איך האב נאר געוואלט זאגן, אז אין אייראפע האלט מען אמעריקע פאר דאס געזינטסטע לאנד. איין קלייניקייט — אמעריקע! — האב איך זיך אנגעהויבן צו פארענטפערן פאר מיין בעט־שכן.

— עקאנאמיש איז טאקע אמעריקע דאס געזינטסטע לאנד! — האט מיין בארעדעווודיקער בעט־שכן געמוזט צוגעבן, אבער די גאנצע עקאנאמיק פון לאנד איז געבויט אויף אונדז — קראנקע!

— אפילו די אויטאמאביל אינדוסטריע, וואס איז איינע פון די גרעסטע אינדוסטריעס אין לאנד, „פראדוצירט" אין משך פון יאר פיל מער מתים און קאליקעס, איידער נייע אויטאמאבילן...

— וואס זייט איר דערמיט אויסן? — האב איך שוין ניט געקענט מער אויסהאלטן פון מיין אפעריירטן נודניק.

— איך בין אויסן צו זאגן, אז מיר, קראנקע, האבן ניט וואס אראפצו־פאלן ביי זיך. אויף אונדז, קראנקע, האלט זיך די וועלט!

האב איך שוין געמוזט מסכים זיין מיט מיין שכן, אז אויך קרענקען איז אין אמעריקע א וויכטיקע קאנסטרוקטיווע טעטיקייט. בין איך געווארן שטאלץ, וואס אויך איך קען דורך מיינע קרענק געזינטער מאכן די עקאנאמיק פון לאנד.

נאך דעמדאזיקן „קאנסטרוקטיוון" שמועס מיט מיין קראנקן בעט־שכן האב איך שוין געמוזט אויפגעבן מיין טריפה׳נעם געדאנק צו אנטלויפן פון שפיטאל נאך איידער מען וועט אנהויבן מאכן איבער מיר די פארשיידענע מינים כירורגישע עקספערימענטן.

איצט ווייס איך שוין, אז ליגנדיק אין שפיטאל ברייננ איך דער מענטש־הייט פיל מער נוצן ווי זיצנדיק ביי דעם שרייבטיש...

פון מיין שרייבן צי איך חיונה קוים פאר צוויי, בעת פון מיין קרענקען מאכן א לעבן גאנצע זעקס!

זאל זיי וואויל באקומען!

## מעשיות פון דריי „קאצעטלער"

צווישן די זיבן־און־צוואנציק פאציענטן פון מיין „וואַרד" (פאלאטע) זיינען אויך געווען דריי פאציענטן „פון יענער וועלט", דאס הייסט פון אויש־וויץ. איך האב זיי באלד דערקענט לויט די אויסגעברענטע נומערן אויף די הענט.

בטבע האבן די ניצול־געווארענע „קאצעטלער" נישט ליב צו קאָקעטירן מיט די שענדלעכע צייכנס פון זייער טראגישער פארגאנגענהייט. אדרבא, זיי וואלטן וועלן וואס גיכער פארגעסן דעם היטלער־גיהנום, וואו ס'האט זעקס יאר נאכאנאנד געבושעוועט די פארווילדערונג פון דעם מענטשלעכן מין.

אבער אין א כירורגישן קליניק איז שווער צו באהאלטן די נאקעטקייט פון די אייגענע הענט. די שפיטאל־העמדער זיינען בריים און לאנג, און אַז קנעפלעד, ווי תכריכים. ווי נאר א פאציענט גיט א הויב־אויף זיין האנט פאר־קאשערט זיך דער ארבל פון זיך אליין ביזן אקסל און מען דערעזט די גאנצע נאקעטקייט פון דער אויפגעהויבענער האנט.

די דריי נומערירטע פאציענטן „פון יענער וועלט" פלעגן זייער אפט אויס־שטרעקן זייערע הענט צו די צוויי ביכער־פרויען, וואס פלעגן אריינרעדלען מיט זייער באוועגלעך שפיטאל־ביבליאטעקל אין „וואַרד" אריין. די „קאצעטלער" פלעגן שלינגען ביכער ווי וויטאמינען. די צוויי ביכער־פרויען האבן קיינ־מאל נישט געקאנט באפרידיקן זייער דורשט נאך ביכער. בפרט נאך, ווען די ביכער, וואס זיי האבן געפאדערט, האבן געדארפט זיין אין דער דייטשישער שפראך, און די שפיטאל־ביבליאטעק פארמאגט נישט קיין סך דייטשישע ביכער.

אט, למשל, האט זיך דער יידישער „שומאכער־מייסטער" פון וויען פאר־בענקט נאך היינע'ן. ער ווייסט, דער שוסטער, אז היינריך היינע האט אין זיינע ווערק פאראויסגעזאגט דייטשלאנדס וויסטן סוף, און דערפאר טאקע האבן די נאצים אויסגעברענט דעם „לארעליי"־דיכטער פון דער דייטשישער ליטעראטור.

ביז איך געווען נייגעריק צו וויסן ווי אזוי א יידישער שוסטער פון וויען קומט צו היינע'ן.

האט מיר דער נומערירטער „קאצעטלער” פון אוישוויץ דערציילט, אז ווען ער איז נאך געווען געגאנגען מיט א יאר פערציק צוריק אין דער פאלקס־שול פון דעם צוויטן באצירק אין וויען (א יידישער באצירק) האט שוין דער פאלקס־לערער געהאט איינגעשטודירט מיט זיינע שילער אלע בעסטע לידער פון דעם גרעסטן און באליבסטן דייטשישן דיכטער.

— היינריך היינע — האט מיר דער שוסטער ווייטער דערציילט — איז געווען אין עסטרייך־אונגארן באזונדערס שטארק באליבט און פאפולער שוין צוליב דעם אליין, ווייל די אומפארגעסלעכע פרוי פון דעם באליבטן „קאיזער אונד קעניג” פראנץ יאזעף, די קעניגין עליז, וואס די אנטרכיסטן האבן זי דער־שטאכן אין 1904טן יאר, איז געווען שטערבלעך פארליבט אין דעם לאנג שוין געשטארבענעם יידיש־דייטשישן דיכטער, און זי האט אלע זיינע לידער גע־קענט אויף אויסווייניק.

— שוין צוליב דעם אליין — האט מיר דער ווינער שוסטער געזאגט — האבן אלע שול־קינדער פון עסטרייך־אונגארן געלערנט אויף אויסווייניק היי־נע'ס לידער, און אייניקע פון זיי, ווי די „לארעליי”, „די וועבער” און אנדערע, געדענקט ער נאך ביז היינט אויף אויסווייניק, אבער א סך פון זיי האט ער שוין, לײדער, פארגעסן. און גראד איצטער, ווען עס בענקט זיך אים אזוי שטארק נאך זיין אייגענער דערשאסענער „מאיעסטעט” אין וויען, וואו ער איז געווען דער בארימסטער „שומאכער־מייסטער” פון דעם צוויטן באצירק, וואלט ער זייער גערן ווידעראמאל געלייענט זיין באליבטן דיכטער היינריך היינע.

— קאנט איר דאך בעטן ביי די ביכער־פרויען זיי זאלן אייך ברענגען היינע'ן — האב איך פרובירט בארויקן דעם שוין־אפערירטן היינע־שוסטער פון וויען.

— כ'האב שוין עטלעכע מאל געבעטן, האבן זיי מיר אבער אנשטאט היי־נע'ן געבראכט אן אנדער דייטשישן דיכטער, וואס איך הער פון אים צום ערשטן מאל — האט דער שוסטער אויסגעצויגן זיין לאנגע, דארע האנט צום שפיטאל־טישל, וואו עס איז געלעגן א באנד לידער פון דעם בארימטן דייטשישן ליריקער מאריא ריינער רילקע.

ווען דער שוסטער האט מיר דערלאנגט רילקעס לידער האט זיך זיין תכריכים־ארבל פארקאטשעט ביז צום אקסל און כ'האב דערזען א סקעלעטן־האנט מיט אן אויסגעגעבענטן נומער פון זיבן ציפערן.

האט מיך דער דאזיקער נומער א ברען געטאן אין הארצן. ס'האט זיך מיר שטארק פארגלוסט אויסצופרעגן דעם ווינער שוסטער ווי אזוי ער איז

ניצול געוואָרן פון די נאַציסטישע גאַז־קאַמערן און קאַלכאַייוונס. אָבער איך ווייס שוין פון דער דערפאַרונג, אַז אַ געוועזענעם „קאַצעטלער" דאַרף מען ניט שטעלן קיין שום פראַגעס אַזוי לאַנג ביז ער אַליין הויבט אָן צו דערציילן.

האָב איך זיך געמאַכט תמ'עוואַטע און כ'האָב ווייטער געבלעטערט ריל־קעס לידער, וואָס אַ סך פון זיי האָב איך שוין געהאַט געלייענט אין מיינע יונגע דיכטער־יאָרן.

— זיינע לידער זיינען ניט שלעכט, אָבער זייער אַלטמאָדיש — האָט מיר דער שוסטער פּלוצלינג אַ זאָג געטאָן — ווי קומט ער צו היינע'ן!

האָט מיך פאַרדראָסן וואָס דער ווינער שוסטער איז אַזוי מבטל די לידער פון דעם צאַרטן ליריקער מאַריאַ רײַנער רילקע און איך האָב אָנגעהויבן חושד צו זיין דעם שוסטער, אַז אים פעלט פּשוט דער פיינער חוש פאַר פּאָעזיע, ניט געקוקט אויף דעם וואָס ער האָט זיך אויפגעהאָדעוועט אויף היינע'ן.

— פאַרשטייט איר יידיש? — האָב איך אים פּלוצלינג אַ פרעג געטאָן.

— אַ, געוויס, אין די „קאַצעטן" האָב איך זיך אויסגעלערנט צו ריידן יידיש.

— אויב אַזוי וועל איך אייך באַלד איבערזעצן אין יידיש רילקעס „בעט־לער־ליד" און איר וועט זען, אַז זיין ליד פון אַ בעטלער איז פאַר אונדז, יידן, אויך איצטער נאָך גענוג אַקטועל. ס'קאָן אַפילו ווערן דאָס ליד פון אַ „קאַ־צעטלער".

— אדרבא, כ'וואָלט עס טאַקע וועלן זען — האָט דער שוסטער סקעפּטיש אַ זאָג געטאָן, ניט גלויבנדיק, אַז מען קאָן אויך אין „זשאַרגאָן" איבערגעבן די אַלע „משוגענע איינפאַלן" פון דעם דייטשישן דיכטער.

בין איך אַוועק צו מיין בעט, וואו אין מיין שפּיטאָל־טישל איז געווען פאַרשטעקט מיין גאַנצער שרייבערישער קלאַפּער־געצייג און כ'האָב באַלד פאַר־יידישט רילקעס בעטלער־ליד אויף אַזאַ מין אופן:

איך קלאַפּ אין טיר און טויער,
פון רעגן — נאַס, פון זון — פאַרברענט,
נאָר ס'טרעפט אַמאָל: כ'יפאַרקוועטש אָן אויער
מיט איינער פון די בעטלער־הענט —
דערקען איך נישט מיין אייגן קול!
איך האָב נאָך נישט קיינמאָל געהערט אַזאַ מין פרעמדן קול!
דאַן ווייס איך שוין נישט מער,
ווער בעטלט עס און שרייט,
ווער שרייט עס דאָרטן, ווער?
צוליב אַזאַ מין קליינקייט!

דער דיכטער, ווייס איך, שרייט דאָך וועגן עפּעס מער!
באַהאַלט איך דעמסטמאָל מיין געזיכט אין ביידע הענט,
דערשפּירן באַלד די בעטלער־הענט אין זיך
אַ וויכטיקן געוויכט.
דאָס רו איך אַזוי אָפּ
אויף איינעם פון די בעטלער־ראַנען.

— — — — — —

אַבי די מענטשן זאָגן,
אַז כ׳האָב נישט וואו אַהינצוטאָן מיין קאָפּ!

— נו, קאָן דען ניט רילקעס ליד פון אַ בעטלער אויך ווערן דאָס ליד פון אַ „קאַצעטלער״? — האָב איך זיגעריש אַ פרעג געטאָן דעם נומערירטן „קאַצעטלער״ פון אוישוויץ.

דער ווינער שוסטער האָט געמוזט מודה זיין, אַז אין יידיש איז אים רילקעס ליד געוואָרן טאַקע אַ סך נעענטער און פאַרשטענדלעכער ווי אין דייטש, און ער האָט געמוזט אויך מסכים זיין, אַז עכטע דיכטונג בלייבט שטענדיק געגנוג מאָדערן און אַקטועל.

— איך האָט רעכט, הער טשאַרני — האָט מיר דער שוסטער אַ זאָג געטאָן מיט התפּעלות — אויך די „באַפּרייטע״ קאַצעטלער קלאַפּן אין אַלע טירן און טויערן נאָך אַזאַ מין „קליינינקייט״ ווי ברויט און פרייהייט, אָבער די וועלט, די גרויסע וועלט, בלייבט טויב און שטום צו זייערע ווייגעשרייען, און אונדזערע מידע קעפּ מוזן זוכן רו אין די אייגענע בעטלער־הענט...

אַזוי אַרום האָב איך דורך דער איבערזעצונג פון רילקעס אַ ליד באַקומען דעם שליסל צום האַרצן פון דעם ווינער יידישן שוסטער־פּאָעט און ער האָט מיר פאַרטרויט די געשיכטע פון זיין נאַקעט־געוואָרענעם לייב־און־לעבן. ער האָט מיט מיר דורכגעמאַרשירט זיין גאַנצן גיהנום־וועג דורך די אַלע פאַרניכטונג־לאַגערן פון וויען ביז אוישוויץ, וואו ער האָט נאָך ביז דער לעצטער מינוט געמייסטערט לאַקירטע שטיוועלעך און מעשטעם פאַר די צעיושעטע נאַצים און נאַציכעס.

ווען עס קומט אָבער צו דעם עצם נס, דורך וועלכן יעדער איינער פון די לעבנגעבליבענע „קאַצעטלער״ איז ניצול געוואָרן, בלייבן זיי שטיל און שטום, ווייל זיי אַליין קאָנען נאָך נישט באַנעמען דעם גרויסן וואונדער ווי אַזוי און צוליב וואָס זיי זיינען געבליבן לעבן.

אויך די אַנדערע צוויי נומערירטע פּאַציענטן פון מיין „וואָרד״ האָבן מיר בשום אופן נישט געקאָנט דערקלערן דעם נס, וואָס האָט זיי אָפּגעראַטעוועט פון די גאַז־קאַמערן און קאַלכאַייוונס אין אוישוויץ.

איינער פון זיי, א דאָקטאָר פון בערלין, האָט זיך ערשט דאָ, אין ניו יאָרק, דערוואוסט, אַז ער איז לעבנגעבליבן אַ דאַנק דעם, וואָס זיין אויסגעבערענטער נומער ענדיקט זיך מיט דער ציפער דרייצן.

דרייצן איז בגמטריא „אחד", האָט אים איינער אַ ראַבינער דערקלערט, און אין זכות פון אָט דעם „אחד" איז ער געבליבן לעבן.

— איך בין טאַקע פאַרבליבן דער איין־און־איינציקער פון אַ ברייט־פאַר־צווייגטער משפּחה — האָט דער בערלינער דאָקטאָר צוגעגעבן — אָבער די פראַגע, צוליב וואָס איך בין געבליבן לעבן פייניקט מיך נאָך פיל מער ווי די פראַגע ווי אַזוי איך בין געבליבן לעבן... יעדע נאַכט קומט מיר צו חלום מיין פאַרגאַזטע פרוי מיטן קינד און עס זעט מיר אויס זייער קאַמיש וואָס איך ליג איצטער אין אַ ניו יאָרקער שפּיטאָל, כדי צו ווערן נאָך געזינטער ווי איך בין...

— פאַר וועמען דאַרף איך איצטער מיין געזונט, האַ? — האָט מיך דער בערלינער דאָקטאָר אָנגעקוקט מיט פייכט־געוואָרענע אויגן.

ביז איך אַוועק צו דעם דריטן „קאַצעטלער" פון מיין „וואַרד", צו דעם פופצן־יאָריקן בחור'על פון טשעכאָסלאָוואַקיע.

אויך ער, דער יינגל, האָט זיך ערשט דאָ, אין ברוקלין, דערוואוסט, אַז ער איז געראַטעוועט געוואָרן דורך אַ בגמטריא...

די נאַציס האָבן געפירט אַ גאַנצן צוג מיט קינדער צו די גאַז־קאַמערן פון אוישוויץ. ווען מען האָט די קינדער אָנגעהויבן אויסלאָדן פון די וואַגאָנעס, האָבן זיי זיך געמוזט אויסשטעלן צו פינף אין אַ ריי. אַזוי איז געווען דאָס געזעץ.

אינ'ם טויטן־צוג זיינען געווען זעקס הונדערט און עלף יידישע קינדער. האָט זיך אַזוי געמאַכט, אַז דער יינגל פון טשעכאָסלאָוואַקיע, אגב, אַ זון פון אַן אָנגעזעענעם יידישן כלל־טוער, איז גראַד געווען דער זעקס הונדערט און עלפטער און ער האָט ניט געהאַט צו זיך קיין אַנדערע פיר, וואָס זאָלן אויספילן דאָס פולע פינפטל... האָט אים דער „קאַפּאָ" אָפּגעשטופּט אין אַ זייט, ווייל ער האָט ניט צו אים קיין אַנדערע פיר. איז דער צעטומלטער יינגל שטיין געבליבן איינער אַליין אויף דער באַן־פּלאַטפאָרם, בעת די אַנדערע זעקס הונדערט און צען יידישע קינדער האָבן אין אַ שערענגע פון הונדערט און צוויי און צוואַנציק „פינפטלעך" אַוועקגעמאַרשירט צום טויט.

שפּעטער אַביסל האָט זיך דער יינגל אַריינגעשטעלט אין אַ פּאַרטיע „קאַ־צעטלער", וואָס זיינען געטריבן געוואָרן צו דער אַרבעט, און אַזוי אַרום איז ער שוין געבליבן לעבן.

— אָבער איינער אַ ראַבינער אין ברוקלין — האָט דער יינגל באַלד צו־געגעבן — האָט מיר דערקלערט, אַז איך בין געבליבן לעבן אין זכות פון אונד־זער תורה. די תורה, האָט מיר דער ראַבינער געזאָגט, איז בגימטריא זעקס

הונדערט און עלף, און וויבאַלד איך בין גראָד געווען דער זעקס הונדערט און עלפטער בין איך לעבן־געבליבן...

אזוי אַרום איז מיר שוין געוואָרן קלאָר ווי אזוי די אַלע דריי „קאַצעט־לער" פון אוישוויץ האָבן זיך געראַטעוועט און די אַלע דריי זיינען אריינגע־פאַלן אין דעם „הר־סיני" שפּיטאָל פון דער פינפטער עוועניו אין ניו יאָרק, וואו זיי האָבן געמוזט אָפּערירן זייערע אונטערגעריסענע לייב־און־לעבנס.

— ס'אַ טייער לאַנד, אַמעריקע! — האָט מיר אַ זאָג געטאָן דער יינגל פון טשעכאָסלאָוואַקיע — אין אַמעריקע טראַכטן אַלע פון דעם ווי אזוי צו מאַכן אַ לעבן, און אין אייראָפּע טראַכט מען נאָר פון דעם ווי אזוי צו מאַכן אַ טויט איינער דעם צווייטן. ס'אַ טייער לאַנד, אַמעריקע!

האָב איך באַלד מסכים געווען מיט דעם יינגל, אַז אַמעריקע איז ווירקלעך אַ טייער לאַנד.

## די מזוזהלע

יעדן מאָל, ווען איך זעץ זיך שרייבן אַ נייעם קאַפּיטל וועגן מיינע נייע איבערלעבונגען און דערפאַרונגען אויפן שוועל פון יענער וועלט — ליגט איך אוועק אויף דעם ווייסן בלעכענעם שרייבטישל פון דער לונגען־סאַנאַטאָריע אין די קעטסקיל בערג די גאָלדענע מזוזה'לע, וואָס איך האָב מיטגעבראַכט פון דעם „הר סיני"שפּיטאָל אויף דער פינפטער עוועניו אין ניו יאָרק.

איך טו דאָס ניט נאָר צוליב דעם, ווייל כ'בין אויף דער „הר סיני" עוועניו געוואָרן פּרימער אָדער אַבערגלויבישער, נאָר איך טו דאָס, דער עיקר, צו־ליב דעם ווייל די מזוזהלע האָט מיר געהאָלפן דאַרטן צו איבערלעבן אַזעלכע וויכטיקע באַרג־סיני איבערלעבונגען, פאַר וועלכע די קעטסקיל בערג זיינען ניט גענוג הויך.

יע, די בלעכענע מזוזהלע פון גאָלד־קאַליר האָט הינטער זיך אַ טראַגישע געשיכטע, וועלכע איך מוז אריינגעמען אין דער באַשרייבונג פון מיינע נייע הימל־אַוואַנטורעס.

אָבער איידער איך גיב איבער די געשיכטע פון דער מזוזהלע — מוז איך צוערשט באַשרייבן דעם אויסערליכן אויסזען אירן, ווייל אַ סך פון מיינע לעזער האָבן געוויס אויף זייערע טירן פּונקט אַזעלכע מזוזהלעך, ווי די, וואָס ליגט איצטער אויף מיין בלעכענעם שרייבטישל, און כ'וואָלט ניט וועלן, אַז אויך מיינע לעזער זאָלן האָבן די זעלבע ווייסטע אַנטוישונג, וואָס איך האָב גע־האַט...

די מזוזהלע, על כן, האט דעם אויסזען פון א מיניאטורנער ספר תורהלע מיט פיר עץ חיים׳לעך. אויף איר מעטאלענער מענטעלע איז אויסגעדריקט א מגן דוד מיטן הייליקן ווארט „שדי”. אונטער דעם „שדי” מגן דוד זיינען אויסגעפרעסט די לוחות מיט די צען געבאטן („עשרת הדברות”) און איבער זיי — א כתר תורה. די מזוזהלע פארמאגט נאך פון ביידע זייטן פיר גאלדענע פליגעלעך מיט לעכלעך — מען זאל זי, הייסט עס, קענען לייכט צושלאגן צו די אושאקעס פון די דרויסנדיקע אדער אינעווייניקסטע טירן.

ווען מען דערזעט אויף א טיר אזא מין ספר תורה׳דיקע מזוזהלע, גלוסט זיך זי א קוש צו טאן, אויב אפילו מען איז ניט רעליגיעז אדער אבערגלויביש. שוין דער מגן דוד אליין רופט איצטער ארויס ביי יעטווידן יידישן מענטשן געוויסע גרויסע סענטימענטן, ווער רעדט נאך ווען אויך די „עשרת הדברות” אונדזערע ליגן איצט צעטראטענע און פארשעמטע אין אלע עקן וועלט!

האט איינער א פאציענט פון דעם „הר סיני” שפיטאל מיטגענומען פון זיין היים די מזוזהלע — זי זאל אים שיצן פון אלע בייזע רוחות און אנשיקע־נישן.

אמת, דער שפיטאל טראגט טאקע א גאנץ פיינעם הייליקן נאמען, אבער דאך זיינען אויף די שפיטאל־טירן ניטא קיין מזוזות.

א פרומער ייד, וואס מוז דורכמאכן א וועלכע ניט איז אפעראציע, פילט זיך דעריבער אין דעם „הר סיני” שפיטאל גאנץ עלנד און הילפלאז.

אמת, דער שפיטאל פארמאגט אן אייגענע שולכעל, וואו אין די גרויסע יום טובים, דער עיקר — ראש השנה און יום כפור — קומען פאר די אזוי־גע־רופענע „סוירוויסעס” („גאטעסדינסטן” בלע״ז), אבער א ייד, וואס געדענקט נאך גאנץ גוט דעם הייליקן ציטער פון די ימים נוראים אין דער אלטער היים, קען דורך די דאזיקע „הר סיני סוירוויסן” מיטן רבונו של עולם זיך ניט באַ־העפטן.

ערשטנס, פעלן, דוכט זיך מיר, די מזוזות אפילו אויף די טירן פון דער שפיטאל־שול גופא.

צווייטנס, ברענט איבער דעם ארון קודש אזא מין רויטער עלעקטרישער „נר תמיד”, וואס דערמאנט גלייך אין די, טויזנט מאל להבדיל, קלויסטער־לאמפאדעס, וועלכע פינקלען בלוטיק אונטער די הייליקע בילדער פון דעם גע־קרייציקטן.

דריטנס, ווערן ביי די דאזיקע „סוירוויסעס” אזוי שטארק פארקריפלט די נעמען פון אונדזערע אבות און אמהות, אז מען דערקענט זיי גאר ניט!

האט איר געהערט אמאל, אז אונדזערע אבות זאלן הייסן „אייבראם”, „אייזיק” און „דזשייקאב”?

(באזונדערס שטארק האט מיך פארדראסן אויף יצחק׳ן, וואס האט דורכ־

געמאכט קינדווייז אלע שרעקן פון דער עקדה און פלוצלינג גאר איז ער אין אמעריקע געווארן אז „אייזיק״!)

און האט איר געהערט אמאל, אז אונדזער טייערע, הארציקע מוטער רחל, וועלכער הערט ניט אויף עד היום צו באוויינען אירע קינדער, אז אט די מו־טער רחל זאל גאר ווערן א „רייטשעל״!

(וועז יעקב אבינו דערוויסט זיך, ווי די יידן פון אמעריקע האבן פאר־קריפלט דעם נאמען פון זיין היים־געליבטער רחל'ען — וויי־וויי, ווי ס'וואלט אים ווי געטאן!).

איז שוין איצטער קלאר, אז ווען א פרומער ייד לאזט זיך אוועק מיט זיין קראנק געווארענעם לייב־און־לעבן צו דעם „הר סיני״ שפיטאל — דארף ער מיטנעמען א מזוזהלע, וועלכע זאל אים באשיצן אויך פון די דאזיקע אייזיק־רייטשעל־„סוירוויסען״.

בפרט נאך, ווען אין דער כירורגישער אפטיילונג קומט אוים גאנץ אפט דורכצומאכן אונטער א שלאף־טרונק די גאנץ ריזיקאלישע „לופט־רייזעס״ פון דער וועלט צו יענער וועלט און צוריק. אויף אזעלכע „רייזעס״ איז זייער וויכ־טיק צו האבן ביי זיך א מזוזהלע. ממה נפשך: קומט מען בשלום פון יענער וועלט צוריק — איז דאך קלאר, אז די מזוזהלע האט דיך געראטעוועט! אויב אבער, חלילה, ניט — האט מען, לכלהפחות, וואס צו באווייזן. מען קומט, הייסט עס, צום רבונו של עולם ניט מיט ליידיקן!

כ'וואלט אבער גע'עצה'ט יעדן פאציענט, וואס נעמט מיט אין שפיטאל אריין א מזוזהלע, ער זאל זי צוערשט איבערקוקן, צי זי איז, חלילה, ניט פסול געווארן! מען קען דורך דעם אויסמיידן א סך בזיונות און הארץ־קלעמעניש סיי אויף דער וועלט און סיי אויף יענער וועלט!

אט, למשל, האט איינער א פאציענט פון מיין „ווארד״ (פאלאטע) געהאט מיטגענומען אין שפיטאל אריין די אויבנבאשריבענע מזוזהלע. ער האט זי געהאט פארשטעקט אין איינער א טיפער קעשענע פון זיין שפיטאל־כאלאט. ער האט זיכער געגלויבט, דער פאציענט, אז די מזוזהלע וועט אים באשיצן און באַ־שירעמען פון אל־דאס בייז און זי וועט אים ברענגען בשלום צוריק אהיים. דער פאציענט איז אבער, ליידער, ניט געקומען צוריק אהיים! די גאלדענע מזוזהלע האט אים ניט באשיצט און ניט באשירעמט. דער פאציענט איז געשטארבן, אבער זיין שפיטאל־כאלאט איז געבליבן לעבן.

יע, אלע שפיטאל־כאלאטן, סיי פון די געזונט־געווארענע פאציענטן און סיי פון די געשטארבענע, ווערן אין דער וועשעריי גוט געזויבערט און דעזינ־פעקצירט, כדי אנדערע פאציענטן זאלן אין זיי ווידעראמאל קענען געזונט ווערן אדער, חלילה, שטארבן.

פארשטייט זיך, אז איידער מען ווארפט אריין די כאלאטן אין דער וואש־

מאשין, קאנטראלירט מען די קעשענעס, צי האט מען אין זיי עפעס וואס ניט פארגעסן? אזוי ארום איז די מזוזהלע אריינגעפאלן אין דער שפיטאל־וועשע־ריי („לאנדרי"). איינער א לעזער מיינער, וואס איז פארבונדן מיט דער „הר סיני" וועשעריי, האט די מזוזהלע געבראכט צו מיר, ווי א מתנה פון יענער וועלט. איז מיר די דאזיקע מתנה געווען שטארק אנגעלייגט, יעדן מאל, ווען מ'פלעגט מיר נעמען „אפסטעז", ד. ה., אויפן אויבערשטן שטאק צו מאכן איבער מיר פארשיידענע מינים כירורגישע עקספערימענטן, פלעג איך א קוש טאן די מזוזהלע און איר זאגן: „אויף ווידערזען!" און ווי נאר איך פלעג קומען צו זיך נאך יעטווידער אפעראציע, פלעג איך ווידעראמאל א קוש טאן די מזוזהלע און זאגן איר: „שלום!"

אזוי ארום איז מיר שוין די מזוזהלע געווארן איינגעבאקן אין הארצן און כאטש איך בין בטבע ניט רעליגיעז אדער אבערגלויביק, האב איך דאך אנגע־הויבן צו גלויבן אין איר באהאלטענעם כוח, וועלכער שיצט מיך פון אל־דאס שלעכטס.

צוליב דעם טאקע האב איך זי אויך מיטגענומען אין דער לונגען־סאנאטא־ריע פון די קעטסקיל בערג, וואו איך האלט זי שטענדיק אויף מיין ווייסן בלע־כענעם שרייבטיש, כדי מיינע ארטיקלען וועגן דעם „הר סיני" שפיטאל זאלן, חלילה, ניט אנווארפן קיין שלאפטרונק אויף מיינע געטרייע לעזערינס און לעזער.

אבער די גאנצע צייט האט מיך געפייניקט דער געדאנק, פארוואס האט דיזעלבע מזוזהלע ניט אפגעראטעוועט אויך דעם אמת'ן באלעבאס אירן, וועל־כער האט זי געבראכט אין שפיטאל אריין?

מיט וואס, פרעגט זיך, האט זיך יענער פאציענט, ע"ה, קעגן איר פאר־זינדיקט, וואס זי האט אים ניט באשיצט און ניט באשירעמט, בעת מיך האט זי אפגעהיט פון אלע געפארן?

האב איך דיזעלבע פראגע געשטעלט צו מיין סאנאטאריע־דאקטאר, וועל־כער איז אליין אויך א „רעפיודזשי" א פליכטלינג „פון יענער וועלט", און ווי אלע פליכטלינגען האט ער אויך מיטגעבראכט פון זיין חרוב געווארענער אלטער היים א סך רעליגיעזע סענטימענטן און טראדיציעס.

האט מיך דער דאקטאר באלד א פרעג געטאן, צי האב איך גוט בודק געווען די מזוזהלע, אפשר איז זי, חלילה, פסול געווארן?

— ניין, הער דאקטאר, כ'האב זי ניט בודק געווען, ווייל איך האב זי גאנץ צופעליק באקומען בירושה פון א געשטארבענעם פאציענט אין דעם „הר סיני" שפיטאל.

— אויב אזוי, לאמיר זי בודק זיין — האט דער דאקטאר א זאג געטאן מעשה רב, און ער האט גאנץ פארזיכטיק געעפנט דאס בייכל פון דער גאלדע־נער מזוזהלע. ס'האט זיך אנטפלעקט אין איר אינגעווייד... ניט קיין פרשה

געשריבן אויף פּאַרמעט, און ניט אַפילו קיין שטיקל פּאַרמעט־פּאַפּיר באַדרוקט מיטן הייליקן טעקסט, נאָר אַ פּראָסט־פּשוט שטיקל פּאַק־פּאַפּיר, וואָס וואַלגערט זיך אונטער די פיס.

זיינען מיר ביידע שטיין געבליבן צעטומלטע און באַליידיקטע פון אָט דעם גרויסן חילול השם אַדער חילול הקדוש. אַזעלכע „גאָלדענע" מזוזהלעך אין דער פאָרם פון מיניאַטור־ספרי־תורה'לעך ווערן דאָך פּראָדוצירט אין אַמעריקע, מסתמא, אין די צענדליקער טויזנטער. יידישע מענטשן קלאַפּן זיי אָן אויף די טירן; יידישע חולאים נעמען זיי מיט אין די שפּיטאָלן; יידישע סאָלדאַטן טראָגן זיי אין די שינעלן און יידישע ליפּן קושן זיי אין צייטן פון גרויסע סכנות און שווערע איבערלעבונגען.

איצטער איז מיר שוין קלאָר געוואָרן פאַרוואָס יענער פּאַציענט איז געשטאָרבן! זיין מזוזהלע האָט אים ניט געקענט באַשיצן, ווייל איר הייליקער אינגעווייד איז גאָר געווען אָנגעשטאָפּט מיט אַ באַליידיקנדיקן שטיקל פּאַק־פּאַפּיר.

און איצטער איז מיר שוין אויך קלאָר געוואָרן, פאַרוואָס אַ סך יידן פון אַמעריקע זיינען געוואָרן אויסגעליידיקט פון יעטווידן יידישן אינהאַלט. ס'איז אַ בלעכענע יידישקייט. פון דרויסן זיינען כלימר'שט אויסגעקלאַפּט אַלע יידיש־רעליגיעזע סימבאָלן: אַ מגן דוד, אַ שדי, אַ כתר תורה מיט די לוחות, אָבער אינעווייניק, אין הארצן גופא, איז שרעקלעך פּוסט, איז באַליידיקנדיק ליידיק!

— אַ, „לאָרד פון אייבראַהאַם, אייזיק און דזשייקאָב!" — זע, באַשיץ די יידן פון אַמעריקע פון אָט אַזאַ מין פאַלסיפיצירטער יידישקייט און מאַך זיי ווידער פאַר אַ פאָלק פון אברהם, יצחק און יעקב!

אַזוי בין איך איצטער מתפלל צו מיין ירושה־מזוזהלע, וואָס איר פּוסטן אינגעווייד פיל איך איצט אָן מיט מיינע נייע איבערלעבונגען און זעאונגען אויפן שוועל פון יענער וועלט.

איך גלייב, אַז ניט איינער פון מיינע גוטע און פרומע לעזער וועט, איבער־לייענענדיק דעם דאָזיקן קאַפּיטל, באַלד איבערקוקן די אַלע מזוזות פון זיינע טירן...

כ'וואָלט ניט וועלן, אַז אויך מיינע לעזער זאָלן אומזיסט קושן אַן „עגל הזהב'דיקע" מזוזהלע פון גאָלד־בלעך מיט אַ פּוסטן אינגעווייד!

# אין אַמעריקע ווערט פֿון אַלץ אַ „קיים"

לצים זאָגן, אַז איך האָב בכיון אויסגעביטן די שטילע, געמיטלעכע לונגען־סאַנאַטאָריע אין די עטסקיל־בערג אויף דעם זייער טומלדיקן און לעבנסגע־פֿערלעכן „הר־סיני"־שפּיטאָל פֿון דער פֿינפֿטער עוועניו, כדי איך זאָל האָבן אַ נייע סעריע אַרטיקלען וועגן דער וועלט און יענער וועלט.

דאָס איז, פֿאַרשטייט זיך, ניט מער ווי אַ בלבול פֿון מיינע ניט פֿאַרגינערס, וועלכע גלויבן, אַז צוליב אַ טעמע איז אַ שרייבער גרייט צו שפּרינגען אַפֿילו דעם מלאך־המות אין פּיסק אַריין.

אין דער אמת'ן אָבער דאַרף אַ שרייבער קיינמאָל ניט יאָגן זיך נאָך אַ טעמע. דאָס איז אַן אַרבעט פֿאַר זשורנאַליסטן און קאָרעספּאָנדענטן. פֿאַר דעם אמת'ן שרייבער איז זיין גאַנצער אַרום שטענדיק פֿול מיט טעמעס, ווי דער ביינאַכטיקער הימל מיט שטערן. ווען איך זאָג „אמת'ע שרייבער" — מיין איך אַזאַ מין שרייבער, וואָס האָט שטענדיק געניג מוט צו שרייבן דעם אמת.

זאָג איך אייך דעם אמת, אַז איידער איך גיי שרייבן אַ נייעם קאַפּיטל וועגן מיינע נייע איבערלעבונגען און דערפֿאַרונגען אויפֿן שוועל פֿון יענער־וועלט — האָב איך נאָך ניט די קלענסטע אַנונג וועגן וואָס און וועגן וועמען כ'וועל אייך היינט דערציילן. איך ווייס נאָר, אַז פֿון יעטווידער קליינינקייט אָדער נאַרישקייט לאָזט זיך מאַכן אַ „קיים".

איך זאָג „קיים" און ניט טעמע, ווייל פֿון אַלע ענגלישע ווערטער און ווערטערלעך, וואָס האָבן זיך איינגעבירגערט אין דעם אַמעריקאַנער יידיש, איז מיר אַמבעסטן געפֿעלן געוואָרן דאָס איינזילביק ווערטל „קיים".

מיטן ווערטל „קיים" קאָן מען באַצייכענען פֿאַרשיידענע מינים קענגשטאַנדן, צושטאַנדן און סיטואַציעס.

אַ ביכער־שראַנק, למשל, הייסט אין אַמעריקע אַ „ביכער־קיים"; אַ לע־דערנע טאַש־בייטל איז אַ „ברייוו־קיים," און אַ קאַסטן ביר־פֿלעשער איז אַ „ביר־קיים".

אָבער ניט נאָר חפצים אַליין, אויך לעבעדיקע מענטשן קאָנען אָפּט פֿאַר־וואַנדלט ווערן אין „קייסעס".

ווען איינער, למשל, באַגייט אַ וועלכן ניט איז פּאָליטישן אָדער קרימי־נעלן פֿאַרברעכן — ווערט ער פֿאַר די לאַיערס און ריכטערס אַ „קיים". ווען איינער ווערט, ניט פֿאַר אונדז געדאַכט, קראַנק און פֿאַלט אַריין אין אַ שפּיטאָל — ווערט ער פֿאַר די דאָקטוירים און נויערסעס אַ „קיים". ווען מאַן און ווייב צעקריגן זיך און ס'האַלט שוין, ניט פֿאַר אונדז געדאַכט, ביי אַ גט — ווערט פֿון זיי ביידן אַ „קיים".

האָט מיר טאַקע איינער פון מיינע בעט־שכנים אין שפּיטאָל דערציילט, אַז ס'איז שוין באַלד אַ יאָרצענדליק ווי ער לעבט ניט מיט זיין ווייב, נאָר ער לעבט מיט אַ „קיים". אויפן אַמעריקאַנער לשון הייסט עס, אַז מאַן און ווייב „לאַיערן" זיך. ער האָט זיין לאַיער, זי האָט איר לאַיער און די ביידע לאַיערס מאַכן דערוויל אַ גאַנץ פיינעם לעבן פון צעשטערטע פאַמיליען־לעבנס.

אַזעלכע מאַן און ווייב־„קייסעס" ציען זיך, געוויינלעך, יאָרנלאַנג, ווייל קיינער פון די פאַראינטערעסירטע צדדים איז סוף־כל־סוף ניט שטאַרק פאַראינטערעסירט צו דערפירן זייערע „קייסעס" ביזן לאַגישן סוף. פאַר די ביידע לאַיערס איז דאָך אַזאַ מין גט־„קיים" אַ מקור פון חיונה. באַמיען זיך טאַקע די לאַיערס, אַז מאַן און ווייב זאָלן זיך קיינמאָל ניט גט'ן און זיי זאָלן זיך אויך קיינמאָל ניט איבערבעטן... אויך פאַר דער פרוי איז אַ סך באַקוועמער און אפילו „פרייליכער" צו „לאַיערן" זיך מיט איר מאַן, וועלכער מוז איר נאָך סיי־ווי־סיי געבן אויף דער חיונה, איידער צו בלייבן, חלילה, גאָר אינגאַנצן אַ גרושה! (אגב, איז פאַר אַ מאַנלאָזער פרוי דאָס פאַרברייננגען מיט איר לאַיער כאָטש אַ פּאָר שעה אין דער וואָך אויך עפּעס ווערט)... און דער ווייבלאָזער מאַן פילט זיך אויך אַ סך תקיפ'ער, ווען ער ווייס, אַז זיין פרוי, וועלכע איז אים געווען אַמאָל אַזוי ליב און נאָענט, איז נאָך פון אים עד־היום אָפּהענגיק. זי קאָן אפילו ניט גיין מיט אירן אַ פריינט אין טעאַטער, ווייל איר מאַנס לאַיער קאָן נאָך צו־שטעלן עדות, אַז זיין קליענטס פרוי איז ניט געגנוג מאָראַליש — און דאָס שמעקט שוין מיט אַ גט.

מיט איין וואָרט, די קעגנזייטיקע שנאה צווישן מאַן און פרוי קאָן זיי פאַרבינדן פונקט אַזוי גוט (און אפשר נאָך שטאַרקער) ווי זייער אַמאָל־געוועזענע קעגנזייטיקע ליבע.

ווען מען ווערט שטאַרק אָפּגעפרעמדט און דערווייטערט פון דער אייגענער פרוי — קאָן מען זי, לאָזט זיך אויס, ערשט ריכטיק ליב קריגן, ווי אַן אשת־איש.

אַזוי טאַקע האָט עס פּאַסירט מיט מיין בעט־שכן, וואָס האָט צוליב זיין יאָרן־לאַנגער ווייב־„קיים" זיך אַרויפגעאַרבעט אויף אַ מאַגן־געשוויר („אַלסער"), וועלכן די שפּיטאָל־כירורגן האָבן שוין אויסגעשניטן. פאַרשטייט זיך, אַז די ביידע לאַיערס (פון זיין צד און איר צד) האָבן אַרויסגעוויזן צו זיין קרענק ניט קיין קלענערן אינטערעס ווי די דאָקטוירים. דער לאַיער פון זיין צד האָט דעם פּאַציענט געטרייסט, אַז ס'איז גראָד גוט פאַר זיין גט־„קיים", וואָס ער איז קראַנק געוואָרן. פון אַ קראַנקן מאַן קאָן די ווייב ניט פאָדערן אַזעלכע גרויסע אַלימענטן, ווי זי פאָדערט פון אים.

דער לאַיער פון איר צד האָט זי געטרייסט, אַז ווייבאַלד איר מאַן האָט שוין אָנגעהויבן, דאַנקען גאָט, צו קרענקען — וועט זי שוין פריער־שפּעטער

ווערן אַן אַלמנה, און דאָס איז דאָך פאַר איר אַ סך באַקוועמער איידער צו ווערן, חלילה, אַ גרושה.

אָבער דער פּאַציענט אַליין האָט באַלד נאָכדעם ווי ער איז געקומען צו זיך פון דעם שלאָפטרונק, זיך מודה געווען פאַר מיר, אַז ווען די „קיים" זיינע (ד. ה. די ווייב) קומט אים איצטער מבקר חולה זיין — וואָלט ער איר אַלץ מוחל געווען! פאַר דעם געלט, וואָס די ביידע לאָיערס פּאָמפּן אַרויס פון זייער גט־„קיים", וואָלטן זיי דאָך געקאָנט פאָרן אויף אַ באַניטן „האָנימון" קיין פלאָרידע!

מעגלעך, אַז דער אָפּערירטער פּאַציענט האָט נאָך געהאַט געריעדט פון שלאָף. ס'איז אויך מעגלעך, אַז ווען מען מאַכט דורך אונטערן שלאָפטרונק די ערשטע שטאַרב־רעפּעטיציע — גיט „דאָרטן" ווידער דער מלאך פון שכחה אַ שנעל אונטערן נאָז, כדי דער מענטש, וואָס ווערט נאָך דער אָפּעראַציע ווי אויפ'סניי געבוירן, זאָל לחלוטין פאַרגעסן זיין גאַנצע טראַגישע פאַרגאַנגענהייט.

האָט מיך, דעם אמת געזאָגט, שטאַרק פאַרדראָסן, וואָס מיין בעט־שכנ'ס ווייב־„קיים" איז ניט געקומען מבקר־חולה זיין איר באַניטן מאַן. זי וואָלט דאָך געקאָנט זיין מיט אים איצטער אין פלאָרידע און פּראָוון מיט אים אַ נייעם „האָנימון".

— שוין בעסער צו האָבן דעם „אַלסער" פון דרויסן איידער, חלילה, אינעווייניק! — האָט מיר מיין אָפּערירטער בעט־שכן שפּעטער דערקלערט דעם שכל, פאַרוואָס ער איז נאָך דער אָפּעראַציע גרייט געוואָרן זיך איבערצובעטן מיט זיין פאַרלאָיערטער פרוי.

און אַ צווייטער בעט־שכן האָט מיר דערציילט, אַז ניט נאָר לעבעדיקע מענטשן קאָנען פאַרוואַנדלט ווערן אין „קייסעס", נאָר אויך אַפילו מתים, ניט פאַר אונדז געדאַכט.

אָט, למשל, האָט איינער אַ פעטער אין פּענסילווייניאַ סטייט געגרינדעט אַ בית־עולם. אַזוי ווי דער פעטער זיינער האָט פאַרמאָגט אַ גאַנץ פיינע רבנ'ישע באָרד און עטלעכע „גרינע" פּלימעניקעס, וועלכע האָבן געמוזט מאַכן אַ לעבן, האָט ער אָפּגעקויפט אַ שטיק פעלד און פאַרלייגט דאָרטן אַ בית־עולם. ער האָט אָבער קוים באַוויזן, דער פעטער זיינער, זיך אַרויפצואַרבעטן אויף די ערשטע עטלעכע צענדליק מתים — ערשט די באַנק, וואָס האָט אים אויסגעבאָרגט געלט, וועלכן ער האָט ניט ריכטיק אויסגעצאָלט — האָט אים געצוואונגען אָפּצולייִדיקן דעם פּלאַץ. אַזוי־אַרום האָט זיך זיין פעטער פאַרפלאָנטערט אין אַ גאַנץ שווערער מתים־קייס, און דער סוף איז געווען, אַז די עטלעכע צענדליק מתים האָבן געמוזט „אַריבערמופן" צו אַ „פּאָטערס־פילד", ד. ה. צו אַזאַ מין קהל'שן בית־עולם, וואו מען איז מקבר אָרימעלייט אָן אַ גראָשן געלט.

האָב איך זיך פאַרגעשטעלט דאָס בילד, ווי אַ זייגער צוועלף ביינאַכט גייען

ארוים פון זייערע קברים אלע באנקראָטירטע מתים, שטעלן זיך אוים אין גליי־כע סקעלעטן־רייען און מאַרשירן אוועק פאַרשעמטע און באַליידיקטע צו דעם בחינמ׳דיקן „פּאַטערס־פילד״.

האָב איך זיך שטאַרק דערשראָקן פאַר אָט דעם סקעלעטן־מאַרש אין פּענ־סילווייניאַ־סטייט. ס׳קען דאָך פּאַסירן, אַז אויך מיר זאָל אויסקומען „אַריבער־צומופן״ פון „הר סיני״־שפּיטאָל צו אַ וועלכן ניט איז „פּאַטערס פּילד״, ווייל כ׳האָב זיך באַצייטנס נישט געהאַט באַוואָרנט מיט קיין שטיקל קרקע אויף אַ וועלכן ניט איז לייטישן בית־עולם.

אמת, איך ווייס, אַז דער יידישער פּען־קלוב, דער י. ל. פּרץ שרייבער פאַראיין און דער אַרבעטער רינג וועלן מסתמא נאָכן טויט זיך איינשטעלן פאַר מיר און זיי וועלן, אי״ה, מיך אַוועקלייגן ניט צו־ווייט פון וולאַדעקן, ע״ה, אָבער די פּעסימיסטן טענה׳ן, אַז אין אַ דור אַרום וועט די גאַנצע יידישע ליטע־ראַטור אין אַמעריקע פאַרוואַנדלט ווערן, חלילה, אין אַ „פּאַטערס־פילד״ פון באַנקראָטירטע יידישע שרייבער...

כ׳גלויב נישט אַזאַ מין פינסטערער נבואה. אדרבא, איך בין מער ווי זיכער, אַז אין אַ דור אַרום וועט די יידישע ליטעראַטור אין אַמעריקע און אין גאָר דער וועלט (אויך אַפילו אין ארץ ישראל) ווערן נאָך מער דערהויבן און געהייליקט, ווייל ס׳איז געוואָרן אַ ליטעראַטור פון דער גרעסטער קידוש־השם־תקופה אין אונדזער וועלט־געשיכטע.

דעריבער טאַקע בין איך געוואָרן שטאָלץ, וואָס אויך איך געהער צו אַזאַ מין מאַרטירער־ליטעראַטור, וועלכע די צוקונפטיקע דורות אונדזערע וועלן שטו־דירן און לערנען, ווי אַ פּרשה חומש מיט רש״י, אָדער ווי אַ פּרק משניות.

מיך האָט נאָר פאַרדראָסן, וואָס ניט די דאָקטוירים און ניט די נוירסעס פון דעם „הר סיני״־שפּיטאָל קענען לייענען יידיש, און דעריבער האָבן זיי מיך באַהאַנדלט ווי אַ פּראָסט־פּשוטע „קיים״, וואָס אַזעלכע האָבן זיי יעדן טאָג אין די צענדליקער.

איז ווייבאַלד איך האָב דורך דעם געהייליקטן און געלייטערטן יידיש ניט געקאָנט קומען אין אַן אינטימען קאָנטאַקט נישט מיט די דאָקטוירים און נישט מיט די נוירסעס — האָב איך זיי אָנגעהויבן צו איגנאָרירן און איך פלעג אויף אַלע זייערע פראַגעס ענטפערן זיי דאָס רוב קאַפּויר.

אַזוי, למשל, פלעג איך אויף זייער שאַבלאָנער פראַגע:

„האַו דו יו פיל טודעי, מיסטער טשאַרני?״

פלעג איך שטענדיק ענטפערן מיט אַ געמאַכטן שמייכל: „וואָנדערפול!״

סיי די דאָקטוירים און סיי די נוירסעס האָבן גאַנץ גוט געוואוסט, אַז דער „מיסטער טשאַרני״ קען זיך ניט פילן „וואָנדערפול״, ווייבאַלד ער ליגט איינגע־

מויערט אין גיפס פון קאפ ביז די פיס און איין האנט זיינע איז גאר צוגע־ נייט צום בויך.

איך האב זיך אבער יע געפילט „וואונדערלעך", ווייל ליגנדיק אט אזוי אין געהאקטע וואונדן, האב איך זיך מיט אלע מיינע געדאנקען אריבערגע־ טראגן קיין טרעבלינקע און מאידאנעק, און אזוי ארום צוגעטראגן פרייוויליג אויך מיינע יסורים צו די גרעסטע יסורים פון מיין פאלק.

שוין דאס אליין איז געווען פאר מיר א שטיקל טרייסט.

אבער ניט די דאקטוירים און ניט די נוירסעס האבן געקענט באנעמען די דאזיקע גלייכגילטיקע באציאונג צו מיינע אייגענע יסורים — האבן זיי זיכער אריינגעשריבן אין מיין שפיטאל־„קיים", אז איך בין אויך גייסטיק נישט אין דער בעסטער ארדנונג...

דעריבער וואָרן איך באצייטנס די צוקונפטיקע היסטאריקער פון דער יידישער ליטעראטור, וועלכע וועלן געוויס שטודירן אויך מיין שפיטאל־קיים, אז זיי זאלן ניט נעמען צו־ערנסט דעם דיאגנאז וועגן מיין פסיכישן און גייסטיקן צושטאנד...

און איך וואָרן אויך קעגן אלע לצים און קיבעצערס, וועלכע זיינען מיך שטענדיק חושד, אז צוליב א נייער טעמע בין איך גרייט צו שפרינגען דעם מלאך המות אין פיסק אריין!

איך יאג זיך נישט קיינמאל נאך טעמעס, ווייל פאר אן אמת־שרייבער איז יעטווידן קלייניקייט, אדער נארישקייט די בעסטע טעמע.

אט זעט איר דאך, ווי איך האב געמאכט היינט א גאנצע גרויסע „קיים" פון דעם איינזילביקן ענגלישן ווערטל „קיים", וואס האט זיך אזוי גוט איינ־ געבירגערט אין דעם אמעריקאנעם יידיש.

הלואי ווייטער ניט ערגער!

## א בארמהערציקער קוש

„די וועלט איז א שפיטאל, וואו יעדער חולה וויל בייטן זיין בעט" — אזוי האט נאך מיט א יאר הונדערט צוריק געהאט פעסטגעשטעלט דער פראנ־ צויזישער דיכטער שארל באדלער אין זיין לידער־בוך „בלומען פון שלעכטס".

און אויך דער יידישער דיכטער פון ניו יארק — אליעזר גרינבערג — האט אין זיין נייעם און פיינעם לידער־בוך „די לאנגע נאכט" באשטעטיקט, אז „די וועלט איז נאך אלץ א שפיטאל", און ער דערציילט באדלער'ן, אז „ער" (דער וועלט־חולה) וואלט פון בעט זיך אויפגעהויבן און אנטלאפן — איז ער

צום בעט געשמידט מיט שאַרפע וויטאַקן, „ווי דו אַמאָל! אַ דור קומט, אַ דור פאַרגייט, קאַטאַסטראָפן קומען נאָך קאַטאַסטראָפן און די וועלט מיט „בלומען פון שלעכטס" איז דאָסזעלבע שפּיטאָל".

דערלויב איך זיך דאָ אָפּצופרעגן די גאַנץ טראַגישע פעסטשטעלונגען פון מיינע צוויי קאָלעגן (באָדלער און גרינבערג). ווען די וועלט וואָלט, ווירקלעך, געווען געגליכן צו אַ שפּיטאָל — וואָלט אונדזער וועלט אויסגעזען אַ סך אַנ־שטענדיקער און לייטישער ווי זי זעט אויס ביז צום היינטיקן טאָג.

אַ שפּיטאָל איז אַ קוזניע פון רחמים און ליבשאַפט, בעת די וועלט איז פון תמיד אָן געווען אַ פאַבריק פון רשעות און רציחה.

ווי אַ געניטער שפּיטאָל־מענטש קאָן איך דאָ פעסטשטעלן, אַז אויף דער פריי האָב איך נאָך אין ערגעץ ניט געהאַט באַגעגנט אַזוי פיל ליבשאַפט און גוטסקייט, ווי איך האָב עס געהאַט באַגעגנט אין די שפּיטעלער פון גאָר דער וועלט.

ניט די וועלט איז אַ שפּיטאָל, וואו יעדער איינער וויל בייטן זיין בעט, נאָר פונקט פאַרקערט — די אמתע וועלט אַנטפּלעקט זיך ערשט אין שפּיטאָל, וואו יעדער חולה פילט זיך אין זיין בעט ווי אַ מלך אויף זיין טראָן.

דער שפּיטאָל־חולה איז שטענדיק אַרומגערינגלט ניט נאָר מיט דאָקטוירים און נוירסעס, וואָס ווייזן אים אַרויס די גרעסטע אויפמערקזאַמקייט און גוטס־קייט, וועלכע געהערן צו זייער באַרוף, נאָר ער איז אויך אַרומגערינגלט מיט די מער־געזינטערע בעט־שכנים, וועלכע זיינען שטענדיק גרייט צו טאָן עפּעס גוטס פאַר די מער־אומבאַהאָלפענע בעט־שכנים זייערע.

אַזוי, למשל, וועל איך קיינמאָל ניט פאַרגעסן דעם כינעזער זשאַרזש, וואָס איז געווען איינער פון די באַוועגלעכסטע פאַציענטן אין אונדזער „הר־סיני"־שפּיטאָל. ניט דער כינעזער האָט געקענט ריכטיק פאַרשטיין מיין אַמעריקאַני־זירטן יידיש און ניט איך האָב געקענט פאַרשטיין זיין אַמעריקאַניזירטן כינעזיש, אָבער זשאַרזש האָט שוין געוואוסט, אַז איך בין אַ גרויסער ליבהאָבער פון קאַווע — פלעגט ער מיר צו יעדן פרישטיק אָפּשענקען זיין טעפּעלע קאַווע, ווי ער וואָלט געווען מיינער אַ לייבלעכער ברודער.

דאָס כינעזישע טעפּעלע קאַווע פלעגט שטאַרק הויבן מיין יידישן בטחון און ס'פלעגט מיר ווערן גרינגער צו קלעטערן נאָך העכער אויף דעם יסורים־לייטער פון דעם „הר־סיני" שפּיטאָל.

און כ'וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסן דעם מאַן „מיט דער זילבערנער ברוסט" ווי די פאַציענטן פלעגן אים רופן, ס'איז אַ יידישער מענטש, וואָס די „הר סיני" כירורגן האָבן זיין אָפּערירטן ברוסטקאַסטן באַפעסטיקט מיט אַ זילבער־נער פּלאַטע. כ'פלעג זיך מיט אים באַגעגענען גאַנץ אָפט אין דעם רויכער־

צימער, וואו די פּאַציענטן פון אַלע נאַציאָנאַליטעטן פלעגן אין די וואָלקנס סיגאַרעטן־רויך שליסן צווישן זיך אייביקע פריינטשאַפט.

האָט דער מאַן מיט דער זילבערנער ברוסט געזען, אַז איך בין פּונקט אַזאַ ליידנשאַפטלעכער רויכערער ווי ער. אָבער אַט האָט מען מיך איינמאָל אַרונ־טערגעפירט פון דעם אָפּעריר־זאַל אַז איינגעגיפּסעוועטן פון קאָפּ ביז די פיס, ווי מען וואָלט מיך פאַרוואַנדלט אין אַן עגיפּטישער מומיע. דער מאַן מיט דער זילבערנער ברוסט איז פון דעם צווייטן עק „וואַרד" (פּאַלאַטע) געקומען מיך מבקר חולה זיין. איך בין נאָך געווען געלעגן אַ צעטומלטער פון דעם נייעם שפּיצל, וואָס די כירורגן האָבן מיר אָפּגעטאָן (מיט די בעסטע כוונות, פאַר־שטייט זיך). כ'בין נאָך אויך געווען צעטומלט פון דעם צופיל „איטהער", וואָס מען האָט געהאַט אין מיר אַריינגעפּאָמפּעט, ווי געזאַלין — איך זאָל קענען אויסהאַלטן די נייע הימל־רייזע פון דער וועלט צו יענער וועלט און צוריק. האָט זיך דער קאָפּ געריסן פון מיינע איינגעמויערטע אַקסלען, ווי אַ לופטבאַלאָן רייסט זיך פון זיינע אַנקערס. די געדאַנקען האָבן זיך געדרייט מיט דער שנעל־קייט פון אַ פּראָפּעלער אַרום זיך אַליין אָן קיין שום צוזאַמענהאַנג. אַט שווים איך שטיל און עלאַסטיש, ווי אַ צעפּעלין־פיש אַנטקעגן דער לבנה, וועלכע כ'האָב בדעה איינצושלינגען. אַט יאָג איך זיך מיט דער שנעלקייט פון אַ באָמבער איבער אומבאַקאַנטע שטעט און לענדער און כ'זוך דעם ריכטיקן פּלאַץ, וואו אויפצורייסן די וועלט. אַט זיץ איך שוין אין ראַיאַל קאַפּעי צווישן אַקטיאָרן און דיכטער און כ'באַוואונדער דעם אויסערגעוויינלעכן זכרון פון דעם קעלנער, וואָס געדענקט אַזוי גוט דעם חשבון פון יעטווידן גאַסט באַזונדער, און אַט שטיי איך שוין ביי די קאַלד־אויוונס פון טרעבלינקע און איך לייען אַ לעקציע וועגן דעם תחית המתים מאָטיוו אין דער יידישער ליטעראַטור און אַ פּאָר מיליאָן פאַרגאַזטע יידישע מענטשן אַפּלאָדירן מיך!

הלואי זאָל קיין יידישער מענטש ניט געפּרואווט ווערן צו איבערלעבן יענעם אויסערגעוויינלעכן מהומה־און בהלה־צושטאַנד, ווען די פּראָפּעלער־האַסטיקע געדאַנקען און זעאונגען באַפאַלן דעם אָפּערירטן לייב־און לעבן, אייד־דער ער אָטעמט אויס פון זיך דעם גאַנצן איטהער־געזאַלין, וועלכן מען האָט גע־האָט אין אים אַריינגעפּאָמפּעט.

בין איך קוים געקומען צו זיך פון מיין נייעם הימל־פּלאַנטער — ערשט איך האָב דערזען ביי מיין בעט דעם מאַן מיט דער זילבערנער ברוסט.

— איר ווייסט, וואָס פאַר אייך וואָלט איצט גוט געווען? — האָט צו מיר די זילבערנע ברוסט אַ זאָג געטאָן מיט גרויס מיטגעפיל.

— אדרבא, וואָס? — האָב איך אים אַ פרעג געטאָן.

— אַ סיגאַרעטל!

— אָבער ווי מאַכט מען דאָס? אין „וואַרד" טאָר מען דאָך ניט רויכערן!

— זייט רואיק, איר וועט שוין באלד רויכערן! — האט צו מיר די זיל־בערנע ברוסט א זאג געטאן, ווי א פארשווערער, וואס ווייסט שוין אלע קונצן.

האט ער קודם־כל פארצויגן פון אלע פיר זייטן דעם פארהאנג ארום מיין בעט, ווי דאס טוט, געוויינלעך, דער „ארדערלי", ווען די בעט ווערט אויך א „טאילעט". באלד נאכדעם האט ער מיר אונטערגעטראגן א ברענענדיקן סי־גארעטל. ער אליין, דער מאן מיט דער זילבערנער ברוסט, האט זיך אוועקגע־שטעלט שמירה ביי מיין פארהאנגענער בעט, — עס זאל ניט אנקומען פלוצ־לינג קיין דאקטאר אדער א נוירס. יעדע ווײלע פלעגט ער ארײנקוקן צו מיר הינטערן פארהאנג און מיך בארואיקט — איך זאל זיך ניט איילן, און דאס רויך זאל איך לאזן אונטערן בעט...

האב איך זיך ניט געאיילט און געלאזט דעם סיגארעטן־רויך קייקלען זיך אונטערן בעט אזוי לאנג, ביז דער שומר האט מיר אנגעזאגט, אז עס איז גענוג!

דענסטמאל האט דער מאן מיט דער זילבערנער ברוסט געעפנט מיין בעט. די הויכע און ברייטע פארהאנגען האבן, ווי ריזיקע פעכערס, געהאלפן פאר־טרייבן דעם סיגארעטן־רויך פון אונטער מיין בעט, און ווען די נוירסעס מיט די דאקטוירים זיינען געווען געקומען צוריק פון זייער מיטאג — איז שוין פון דעם רויך קיין שפור ניט געבליבן.

וועל איך, קיינמאל ניט פארגעסן אט די גרויסע טובה, וואס דער מאן מיט דער זילבערנער ברוסט האט צו מיר געטאן אין די זייער קריטישע שעה'ן פון מיינע שווערע „הר־סיני"־איבערלעבונגען.

דער סיגארעטל האט מיך ממש געראטעוועט. דער ניקאטין האט באלד פארטריבן דעם „איטהער" פון אלע מיינע רמ"ח אברים. דער קאפ האט זיך באלד אויסגעלייטערט, ווי א זומערדיקער הימל נאך א שטורמישן געוויטער. איז מיר געווארן קלאר, אז מענטשלעכע גוטסקייט און ליבשאפט קאן נאך עד היום אויפטאן פיל מער, ווי דער נייער וואונדער־מיטל פעניסילין.

פאר אזא מין „וועלט־חולה," ווי איך, זיינען הפנים, קאפעאין און ני־קאטין פונקט אזוי וויכטיק ווי פעניסילין.

די דאקטוירים מיט די נוירסעס פארשטייען עס ניט, אבער מיינע בעט־שכנים, ווי אויך אייניקע פון מיינע פען־קאלעגן און לעזערס מיינע, האבן עס יע פארשטאנען. א דאנק זיי איז מיין שפיטאל־טישל שטענדיק געווען איבער־געלאדן מיט פלעשער קאווע און מיט סיגארעטן ווי א „דראג־סטאר".

אבער ניין, אויך אפילו א נוירס, א קינדעריש־צעשטיפטע בלאנדע נוירס, האט איינמאל געהאט באנומען דעם טיפן „וועלט־שמערץ" פון דעם איינגע־גיפסעוועטן יידישן דיכטער און זי האט מיך געהאט בפרהסיא א קוש געטאן.

איך גלויב ניט, אז אויף די קורסן פון בארמהערציקע שוועסטער זאל מען לערנען די נוירסעס ווען און ווי מען דארף אמאל א קוש טאן א פאציענט. איך

ביז גאַנץ זיכער, אַז זי האָט עס געטאָן ניט לויט די פאַרשריפטן פון אַ װעלכער ניט איז באַרעמהערציקער שוועסטעריי, נאָר לויט דער אייגענער איניציאַטיװ אירער. זי האָט זיך, נעמלעך, דערוואוסט, די בלאָנדע שוועסטערל, אַז ליגנדיק אַט אַזוי אין גיפּס, בין איך שוין אַלט געוואָרן ניין און פופציק יאָר, און אַז צוליב דעם טאַקע האָב איך פאַרפאַסט אַ ליד אַזאַ, אין וועלכן איך מאַך דעם חשבון, אַז ווי באַלד מיין טאַטע איז געשטאָרבן צו זיבן און דרייסיק און מיין ברודער װאָלאָדעק — צו צוויי און פופציק, איז שוין פאַר מיר ניט מיאוס צו שטאַרבן אויפן שוועל פון זעכציק!

האָט אָבער די בלאָנדע שוועסטערל פאַרטריבן פון מיין בעט דעם גע־שפּענסט פון טויט דורך דעם, וואָס זי האָט מיך פּלוצלינג אַ קוש געטאָן אין שטערן און אויסגעזונגען פאַרן גאַנצן „וואָרד”:

„העפּי בוירטדעי טו יו!” — ד. ה. אַ גליקלעכער געבורטסטאָג אויף אייך!

— און די געזינטערע פּאַציענטן האָבן באַלד איבערגע׳חזר׳ט:

„העפּי בוירטדעי טו יו!”

פון יענעם טאָג אָן האָבן שוין אַלע פּאַציענטן פון מיין „וואָרד” אָנגע־הויבן מער טראַכטן פון זייערע געבורטסטעג איידער פון זייערע אָפּענע און באַהאַלטענע וואונדן...

אויך אַ קוש פון אַ נוירס קאָן אַמאָל היילן אַ וואונד נאָך גיכער, ווי דער נייער הייל־מיטל פּעניסילין...

האָב איך דאָ היינט עקסטראַ צענויפגעקליבן די עטלעכע „בלומען פון גוטס”, וואָס עס האָבן מיר אונטערגעטראָגן פרייוויליק דער בינעזער זשאַרזש, דער מאַן מיט דער זילבערנער ברוסט און די בלאָנדע צעשטיפטע נוירס, כדי צו איבערצייגן מיינע לייענער (ווי אויך מיינע קאָלעגן באַדלער און גרינבערג), אַז ווען מ׳וואָלט געקאָנט די קראַנק־געוואָרענע וועלט אונדזערע אַריינלייגן אין אַ שפּיטאָל, וואָלט זי אפשר אויך געוואָרן אַ קוזניע פון רחמים און ליבשאַפט, און ניט קיין פאַבריק פון רשעות און רציחה.

און אַט איז דאָס ליד, וואָס איך האָב ליגנדיק אין גיפּס אָנגעשריבן צו מיין 59־טן געבורטסטאָג:

מיט זעכציק יאָר איז שוין ניט מיאוס מיר צו שטאַרבן
(ביז זעכציק פעלט מיר היינט נישט מער, ווי איינער).
מיין שטערן ציילט שוין ניין און פופציק טיפע קאַרבן
און וויפיל ס׳ציילט מיין האַרץ — דאָס ווייס נישט קיינער.

מיין טאַטע איז געשטאָרבן ערב אַכט און דרייסיק,
מיין ברודער, וואָלאָדעק, האָט געלעבט מיט פופצן מערער.

און איך גאַר — דער מוזיניק־זקן — שרייב נאָך פּליסיק
אַמוזיר־געשיכטעס פאַר מיינע לעזער און פאַרערער.

פאַרוואָס אָבער האָט גאָט געשטראָפט מיך מיט אריכת ימים —
איך זאָל אַ לעבן־לאַנג זיך פּייניקן מיט חבלי־מיתה?
איך קאָן דעם „מאַלכאַמאָוועס" נאָך פון וויג, איך קאָן אים!
און אויב איך לעב נאָך היינט — לעב איך דורכאויס מיט נסים.

נאָך אַפּטמאָל דוכט זיך מיר, אַז איך בין לאַנג שוין, לאַנג געשטאָרבן,
ווי ס׳האָבן מיר פאַראויסגעזאָגט די גרויסע פּראָפעסאָרן,
איז יעטווידער געבורטסטאָג מיינער אַן אומזיסטער קרבן
און כ׳בין שוין פּשוט מיד צו ציילן די קרבנות־יאָרן.

איך בין אַפילו מיד מיין יובל־ליד צו שרייבן ווייטער,
מיין לעצטן ליד פאַר מיינע לעצטע לעזער און פאַרערער.
איך וויים, מיין פאָלק איז איצט געגליכן צו אַן אויסגעלאָשן שייטער,
און איך — אַן אויסגעלאָשן פונק זיינער, נישט מערער!

„הר סיני"־שפּיטאָל
מוצאי יום כפור, תשי״ז.

כ׳מיין אַז דאָס ליד איז ווערט אַ קוש פון אַ נוירס...

# די געשפּאָלטענע מצבה

אין סאָוועט־רוסלאַנד איז אָנגענומען, אַז אַ שרייבער דאַרף זיין אַ נשמה־אינזשעניר. ער דאַרף, הייסט עס, פון פאַרשידענע מינים איבערלעבונגען, פאַרמעסטונגען און דערגרייכונגען אויפבויען אַזעלכע ליטעראַריש־קאָנסטרוקטיווע ווערק, וואָס זאָלן קאָנען ברענגען נוצן דעם גאַנצן כלל צוליב וועלכן ער לעבט און שאַפט.

אין אַמעריקע אָבער באַציט מען זיך צו אַ שרייבער, ווי צו אַ נשמה־דאָקטאָר.

און ווי אַלע געניטע דאָקטוירים, מוז אויך דער שרייבער אין אַמעריקע קאָנען אַפּשפּרעכן אַלע „עין־הרע׳ס" ביי זיינע לעזער און אויסגלייכן אַלע זיינע נשמה־קאָנפליקטן.

צוליב דעם טאַקע האָבן די צייטונגען אין אַמעריקע אָנגעשטעלט פֿאַר זייערע שטענדיקע מיטאַרבעטער ניט נאָר אַמתע דאָקטוירים, וואָס זאָרגן זיך פֿאַר דעם פֿיזישן צושטאַנד פֿון די לעזער, נאָר אויך נאָך אַזעלכע שרייבער־פּסיכאָלאָגן, וואָס זאָרגן זיך אויך פֿאַר דעם נשמה־צושטאַנד פֿון די לעזערס.

דאָס אַזוי גערופֿענע „בינטל בריוו" פֿאַרנעמט אין יעטווידער צייטונג דאָס אָנגעזעענסטע אָרט. די לעזער רעדן זיך אָראָפּ פֿון האַרצן פֿאַרן „רעדאַקטאָר" און דער „רעדאַקטאָר" באַרויִקט זיי מיט זיינע קלוגע עצות.

אַזוי ווי אָבער דער נשמה־דאָקטאָר, וועלכער ענטפֿערט אויף אַלע בריוו, שרייבט זיך נישט אונטער מיט זיין נאָמען, גלויבן די לעזער, אַז יעטווידער שרייבער, וואָס איז פֿאַרבונדן מיט אַ צייטונג, איז געוויס אַ נשמה־פּסיכאָלאָג, וואָס איז שטענדיק בכוח צו פֿאַרענטפֿערן אַלע האַרבע שאלות פֿון די לעזערס.

דעריבער וואונדער איך זיך נישט מער, ווען אויך מיינע לעזערס פֿאַרטרויען זיך צו מיר, סיי שריפֿטלעך און סיי מינדלעך, און אַזוי אַרום פֿאַרוואַנדל איך זיך אַפּטמאָל אין אַ „בינטל בריוו".

איך פֿאַרשטעל זיך דעמאָלט פֿאַר אַ גרויסן בר דעת, וועלכער איז פּעאיק אַריינצוקוקן אין די פֿאַרבאָרגנסטע ווינקלעך פֿון מיין לעזערס נשמה, כּדי צו קאָנען אויסגעפֿינען די ריכטיקע תּרופֿה.

אמת, איך ווייס אין פֿאָראויס, אַז מיינע עצות צו די לעזערס קאָנען זיי העלפֿן, ווי אַ טויטן באַנקעס. אָבער איך ווייס אויך, אַז שוין דורך דעם אַליין, וואָס דער לעזער באַקומט די גוטע געלעגנהייט זיך אָראָפּצורעדן פֿון האַרצן, — ווערט אים דורך דעם אַ סך לייכטער, ווייל ער באַפֿרייט זיך פֿון זייער אַ שווערער משׂא, וועלכע דריקט אים אַפּטמאָל ביז ווייטאָק, ביז משוגעת.

אַפֿילו אויפֿן שוועל פֿון יענער וועלט, דאָס הייסט אין אַ שפּיטאָל, וואו דער מלאך־המות שטייט שטענדיק צוקאָפּנס און וואו די פֿיזישע ווייטאָקן שטעכן דורך אַלע רמ"ח אברים ביז צו יענער וועלט, — איז אַפֿילו, הייסט עס, אויפֿן שוועל פֿון טויט קאָן זיך דער מענטש ניט באַפֿרייען פֿון די אַלע קלייניקייטן און נאַרישקייטן, וואָס האָבן אים צעבראָכן זיין לעבן.

אָט, למשל, האָט איינער אַ בעט־שכן אין דעם „הר סיני" שפּיטאָל מיר פֿאַרטרויט איינמאָל די געשיכטע פֿון זיין צעבראָכן לעבן, וואָס האָט געקלונגען ווי אַ וידוי פֿון אַ גוסס.

ער האָט זיך צו מיר פֿאַרטרויט נאָר דערפֿאַר, ווייל איך בין אַ שרייבער, און ער איז געווען שטאַרק פֿאַראינטערעסירט — דער חולה מסוכן — איך זאָל דעם וידוי זיינעם פֿאַרעפֿנטלעכן אין דער פּרעסע.

— זאָל, אדרבא, די וועלט וויסן, אַז איך בין געפֿאַלן אַ קרבן פֿון ריין־ווייבערישע קאַפּריזן און משוגעת'לעך! — איז געווען זיין לעצט וואָרט צו מיר.

דער עיקר האָט אים פֿאַרדראָסן, וואָס צוליב די קאַפּריזן פֿון זיין צווייטער

פרוי, האט ער געמוזט פארראטן זיין ערשטע פרוי, וועלכע האט אים געמאכט פאר אן אלמן.

צווערשט האב איך נישט געקענט פארשטיין, ווי אזוי מען קאן „פארראטן" א טויטע פרוי. אבער שפעטער איז מיר שוין קלאר געווארן, אז ער האט פאר־ראטן נישט די פרוי זיינע, די טויטע, נאר דעם קבר אירן.

אויף דער הייסער מינוט, ווען ער איז געווארן אן אלמן, האט ער ביי דעם סעמעטערי־דעפארטמענט פון זיין ארגאניזאציע שוין געהאט לכתחילה באשטעלט צוויי קברים, כדי אויך ער זאל נאך הונדערט און צוואנציק יאר קאנען רוען זיין אייביקע רו אין דער נאענטסטער שכנות מיט זיין היים־געליבטער פרוי. די יתומים־קינדער זיינע געווען שטאלץ, וואס דער טאטע האט זיך באצייטנס באווארנט מיט א קבר לעבן דער מאמען.

ווען עס איז געקומען די צייט פון שטעלן א מצבה, האט ער לכתחילה באשטעלט א טאפלטן שטיין, וואס אויף איין העלפט פון דעם שטיין איז געווען אויסגעקריצט דער הייליקער נאמען פון זיין פארשטארבענער פרוי, ע"ה, און די צווייטע העלפט שטיין איז געבליבן גלאט, כדי מען זאל שפעטער, נאך די הונדערט און צוואנציק יאר זיינע, קאנען אויסקריצן אויך זיין נאמען — ווי אין פסוק שטייט: „הנאהבים והנעימים בחייהם ובמותם לא נפרדו", ד. ה., אז די היים־געליבטע ווערן ניט צעשיידט אפילו נאכן טויט זייערן.

אבער ווי לאנג, פרעגט זיך, קאן א ייד אין אמעריקע בלייבן זיצן אן אלמן? ווי נאר די קינדער וואקסן אונטער און זיי ווערן זעלבסטשטענדיק — צעפליען זיי זיך ווי פייגעלעך פון זייער נעסט און דער אלט־געווארענער טאטע פארבלייבט עלנד ווי א שטיין.

איז אים איינגעפאלן, דעם עלנד־געווארענעם טאטן, חתונה צו האבן א צווייט מאל און פארענדיקן זיין לעבן מעשה באלעבאס. אפילו די קינדער זיינע האבן צווערשט מסכים געווען, אז זייער טאטע זאל זיך נעמען א באלע־באסטע אין הויז אריין.

איז אבער אין דער צווייטער פרוי באלד נאך דער חתונה אריין א דיבוק, רחמנא לצלן. זי האט זיך אנגעהויבן בונטעווען, די צווייטע פרוי, פארוואס איר מאן האט באשטעלט א שותפות'ן קבר מיט זיין ערשטער פרוי! ס'באקומט זיך, הייסט עס, אז מיט דער ערשטער פרוי האט ער פארשניטן א בונד אויף אלע אייביקייטן, בעת זי, די צווייטע פרוי — איז ביי אים נישט מער ווי א צייטווייליקע דערשיינונג, ווי א דינסט, צי א נוירס...

האט זי אים אזוי לאנג געיאדעט און גענודעט, ביז ער האט זיך געמוזט אפזאגן פון זיין צוגעגרייטן קבר לעבן זיין ערשטער פרוי און אפילו צעשפאלטן דעם מצבה־שטיין אויף צוויי באזונדערע העלפטן...

פון דעמאָלט אָן — האָט מיין בעט־שכן ווייטער דערציילט — איז אויך זיין לעבן מיט דער צווייטער פרוי צעשפּאָלטן געוואָרן אויף צוויי באַזונדערע העלפטן... זי איז אים געוואָרן נישט נאָר פרעמד און ווייט, נאָר ער האָט זי אַפילו פיינט באַקומען.

ער האָט זיך קיינמאָל נישט געקאָנט פאָרשטעלן אַז אַ פרוי זאָל קאָנען ווערן אויפערזיכטיק אַפילו אויף אַ שטיין!

— איר זענט דאָך אַ שרייבער, אַ מענטשן־קענער! — איז עס מעגלעך, אַז אַ פרוי זאָל ווערן אויפערזיכטיק אויף איר פאָרגייערקע, כאָטש יענע איז שוין יאָרנלאַנג אויף דעם עולם האמת? — האָט מיך מיין בעט־שכן אָנגעקוקט מיט אַזעלכע מאָדנע פאַרגלעזערטע אויגן, וועלכע האָבן אַריבערגעקוקט צו יענער וועלט שוין פיל מער, ווי צו דער וועלט.

— פאַר אַן אייפערזיכטיקן מענטשן זענען מעגלעך אַלע אוממעגלעכקייטן — האָב איך פּרובירט צו באַרואיקן מיין אָפּשטאַרבנדיקן בעט־שכן.

— אַבי מיין צייטונג האָט מיך באַרואיקט, אַז אין צוויי יאָר אַרום וועט זיך מיין פרוי איינשטילן און זי וועט אויפגעבן אירע אייפערזוכט־סצענעס.

— כ׳גלויב נישט, אַז אייער צייטונג זאָל אייך געבן אַזאַ נאַרישן ענטפער!

— האָב איך פּרובירט זיך איינשטעלן פאַר מיינע פען־קאָלעגן אין די יידישע רעדאַקציעס.

— איך האָב טאַקע באַוויזן דעם דאָזיקן ענטפער צו מייינעם אַ קאָזין, וואָס איז אויך אַ שרייבער, האָט מיר מיין קאָזין דערציילט, אַז ער קען פאַר־זענלעך יענעם „חכם" פון דער רעדאַקציע, אָבער אַזוי ווי אויך יענער שרייבער האָט שטאַרק געליטן פון זיין אייפערזיכטיקער פרוי, האָט ער זיך אין צוויי יאָר אַרום מיט איר גע׳גט, און פון דעמאָלט אָן טרייסט ער אַלע מענער, וואָס שרייבן אין רעדאַקציע בריוו וועגן זייערע אייפערזיכטיקע פרויען, אַז אין צוויי יאָר אַרום וועט די אייפערזוכט פאַרשווינדן...

— מיט אַנדערע ווערטער הייסט עס, אַז מער ווי צוויי יאָר קאָן אַפילו אַ שרייבער ניט אויסהאַלטן פון זיין אייפערזיכטיקער פרוי. והא ראיה: ער האָט זיך מיט איר גע׳גט, בעת איך האָב שוין אויסגעהאַלטן גאַנצע צוואַנציק יאָר, און ס׳ווערט ערגער פון יאָר צו יאָר! — האָט מיין בעט־שכן ווידעראַמאָל אָנגעשטעלט אויף מיר זיינע פאַרגלעזערטע אויגן מיט אַן אָפּגלאַנץ פון יענער וועלט.

— כ׳וועל אייך זאָגן דעם אמת, אַז אין אייער עלטער און אין אייער איצטיקן צושטאַנד איז פשוט מיאוס צו טראַכטן וועגן אַזעלכע נאַרישקייטן! יאַ אייפערזוכט, ניט אייפערזוכט — אַבי געזונט ווערן און מאַכן ווייטער אַ לעבן! — האָב איך פּרובירט אויס׳מוסר׳ן מיין אַלטן בעט־שכן.

— אויב איר מיינט, אז איך רעד, חלילה, נארישקייטן, האט איר א גרויסן טעות! — האט זיך דער חולה ווידער אומגעקערט צו דערזועלבער טעמע. — איר ווייסט דאך גאנץ גוט, אז כ'בין שוין איצטער נענטער צו מיין ערשטער פרוי, ווי צו מיין צווייטער, און אויב נאר עס איז טאקע פאראן א יענע וועלט, וועל איך זיך דאך פשוט שעמען צו ווייזן זיך אויף אירע אויגן! זי איז דאך די מאמע פון מיינע קינדער! זי איז דאך געווען מיין ערשטע היים־געליבטע פרוי! איז ווי אזוי האב איך דאס געקאנט צוליב א קאפריז פון א נארישער יידענע צעברעכן אונדזער בשותפותדיקע מצבה און אויפגעבן מיין קבר, וואס האט געזאלט זיין אין שכנות מיט אירינן?

— אבער אייער צווייטע פרוי האט איר דאך אויך ליב געהאט — האב איך שוין פרובירט איינשטעלן זיך פאר זיין צווייטער פרוי, כאטש זי איז געשלאגן מיט דער מכה פון אייפערזוכט.

— די צווייטע פרוי האב איך קיינמאל נישט ליב געהאט אזוי שטארק ווי די ערשטע, ווייל אויך זי, די צווייטע, האט שוין געהאט א מאן, וועלכן זי האט יונגערהייט פארטריבן אין קבר אריין. און ווי נאר עפעס א קריגעריי צווישן אונדז ביידן, רופט זי שטענדיק ארויס פון יענער וועלט דעם ערשטן מאן אירן און שטעלט אים פאר אז עדות, אז איך בין אן אויסוואורף, א רשע מרושע און דערצו נאך — א ווייבערניק!

— קאן מען דען ליב קריגן אזא פרוי, וואס האלט דיך שטענדיק אין איין פארגלייכן מיטן ערשטן מאן, וועלכן זי אליין האט פארטריבן אין קבר אריין?

— וואס־זשע זענט איר אויסן מיט דער גאנצער מעשה? — האב איך שוין נישט געקאנט מער אויסהאלטן פון מיין בעט־שכן, וועלכער איז שוין געווען א סך נענטער צו יענער וועלט, ווי צו דער וועלט.

— איך בין אויסן, אז איר זאלט מיין גרויס אומגליק באשרייבן אין אייער צייטונג. כ'ווייס, אז מיין פרוי לייענט שטענדיק אייער צייטונג, באזונדערס דעם בינטל בריוו, וועלכער שפיגלט אפ אלע טראגעדיעס פון דעם יידישן לעבן אין אמעריקע. ווייל איך טאקע, אז סיי מיין איצטיקע פרוי און סיי מיינע קינדער זאלן וויסן, אז איך האב פארן טויט חרטה געהאט אויף דעם גרויסן חטא, וואס איך בין באגאנגען לגבי מיין ערשטער פרוי, ע"ה און אויב עס איז מעגלעך, זאלן טאקע די יורשים מיינע מיך מקבר זיין ניט צו־ווייט פון מיין ערשטער פרוי.

— אזא מין צוואה איז דאך אן ארבעט פאר א „לאיער" און נישט פאר קיין שרייבער! — האב איך פרובירט ארויסדרייען זיך פון זיין לעצטער בקשה צו מיר.

— דאס איז נישט קיין צוואה, נאר א ווארנונג צו אלע מענער, וואס האבן אייפערזיכטיקע פרויען, אז זיי זאלן זיך ניט לאזן פון זיי פארפירן!

— אָל ראַיט! כ'בין גרייט צו באַשרייבן אייער טראַגעדיע, אָבער גע־דענקט, אַז איר וועט נאָך דאַרפן פאַרענדיקן אייער לעבן מיט אייער צווייטער פרוי ביז הונדערט מיט צוואַנציק יאָר, און כ'האָב מורא, אַז איר וועט נאָך חרטה האָבן... — האָב איך געוואָרנט מיין בעט־שכן, כאָטש איך האָב גאַנץ גוט געוואוסט, אַז זיינע טעג זיינען שוין געציילטע.

מיין אָפּשטאַרבנדיקער בעט־שכן האָט זיך אָבער נישט דערשראָקן פאַר מיין וואָרנונג און ווידעראַמאָל מיך געבעטן — כ'זאָל אומבאַדינגט באַשרייבן די טראַגעדיע פון זיין לעבן, וואָס אַזעלכע טראַגעדיעס שפּילן זיך אָפּ אין די צענדליקער טויזנטער, נאָר מען ווייסט נישט פון זיי!

דערפּיל איך דאָ די לעצטע בקשה פון מיין בעט־שכן, וואָס איז שוין אויף דעם עולם האמת, און איך האָף, אַז די צווייטע פרוי זיינע — די אלמנה — וועט מיר מוחל זיין.

אויף אַ פאַרשטאָרבענע מאַן קאָן מען דאָך שוין מער ניט זיין אייפער־זיכטיק! איז זאָל ער זיין אַ גוטער בעטער פאַר אונדז אַלעמען, אָמן!

## אַ בריוו צו מיינע לעזער אין אייראָפּע

איייניקע לעזער מיינע אין אייראָפּע האָבן טענות פאַרוואָס איך געברויך אין מיינע פעליעטאָנען אַזעלכע ענגלישע ווערטלעך, וואָס זיינען זיי אומבאַקאַנט.

„איך וויים נאָר, — שרייבט מיר איינער אַ לעזער פון פּאַריז, — די אַמע־ריקאַנער ווערטלעך „אָל־ראַיט" און „אָ־קעי," וועלכע עס געברויכן גאַנץ אָפּט די באַאַמטע פון „דזשאַינט" און פון דער „אונרא," כאָטש עס איז נאָך גאַנץ וויים פון צו זיין „אָל־ראַיט" אָדער „אָ־קעי".

און ווייבאַלד די יידן אין אייראָפּע זיינען נאָך גאַנץ וויים פון צו זיין „אָל־ראַיט" אָדער „אָ־קעי", קוויקן זיי זיך דאָרט מיט די יידישע צייטונגען פון אַמעריקע, וואו מען קאָן נאָך געפינען פון אַלדאָס גוטס, אָבער די אַמעריקאַניז־מען, אויך אפילו אין מיינע „אייראָפּייאישע פעליעטאָנען", — ווי דער לעזער רופט זיי, — שטערן אים אָפּטמאָל דעם גייסטיק געגוס וואָס מען קאָן פון זיי האָבן.

דעריבער בעט ער מיך, דער לעזער פון פּאַריז, אַז איך זאָל אויף להבא זען אויסצומיידן די ענגלישע ווערטלעך, וואָס לייגן זיך אַוועק ווי שטרויכל־שטיינער צווישן מיר און מיינע לעזער־פריינט אין אייראָפּע.

אַ צווייטער לעזער מיינער פון די לאַגערן אין דייטשלאַנד איז אפילו ניט פויל געווען צענויפצושטעלן אַ רשימהלע פון די אַלע ענגלישע ווערטלעך, וואָס

ער האט באגעגנט אין מיינע ארטיקלען, און ער בעט מיך, אז איך זאל זיי אים פארטייטשן אין יידיש.

ער וועט האבן דערפון, — שרייבט ער מיר, — א טאפלטן נוצן: ערשטנס, וועט ער קאנען בעסער פארשטיין מיינע „הומאריסטיש־פילאזאפישע פעליעטאנען" (אזוי כאראקטעריזירט ער מיינע ארטיקלען), און צווייטנס, וועט ער אין זיינע שמועסן מיט די באאמטע פון „דזשאינט" און פון דער „אונרא" קאנען אריינווארפן אן אמעריקאנער ווערטל, און דאס געפעלט זיי שטענדיק.

עס האט שוין אפילו פאסירט א פאל, — שרייבט מיר ווייטער דער זעלבער לעזער — אז איינער א „די־פי" (אן אויסגעווארצלטער) האט פון איינעם אן „אונרא"־באאמטן באקומען א גאנצן פעקל סיגארעטן נאר דערפאר, ווייל יענער האט אים אריינגעבראקט א פאר פיינע אמעריקאנער ווערטלעך.

ווען איך האב אבער דערזען די רשימהלע פון די ענגלישע ווערטלעך, וואס מיין „די־פי"־לעזער האט ארויפגעפישט פון מיינע שפיטאל־פארצייכנונגען, האב איך אים תיכף געענטפערט מיט דער לופט־פאסט, אז ער זאל, למען השם, קיין איינעם פון זיי ניט געברויכן אין זיינע שמועסן מיט די שלוחים פון אמעריקע, ווייל ער קאן נאך, חלילה, באקומען פון זיי ניט קיין פעקל סיגארעטן, נאר — האלדז־און־נאקן!

אט, למשל, האט איר דא אייניקע ווערטלעך פון דער צוגעשיקטער רשימהלע (ניט פאר אונדז געדאכט): אלסער, קענסער, טי־בי, עקס־רעי, נוירס, סעמעטערי וכדומה.

און א דריטער לעזער פון אייראפע פרעגט מיך דעם אונטערשייד צווישן דעם „הר־סיני"־שפיטאל און דעם „מאונט־סאיני"־האספיטאל. ער מיינט, דער לעזער מיינער, אז דאס זיינען צוויי באזונדערע שפיטאלן, וואס אין איינעם פון זיי (אין דעם „הר־סיני") קרענקען נאר יידן און אין דעם צווייטן (אין דעם „מאונט־סאינאי") קרענקען נאר גויים.

ווייל איך דא דערקלערן מיינע אויסגעווארצלטע לעזער אין אייראפע, אז ניט געקוקט אויף דעם, וואס איך אליין בין נאך אין אמעריקע א „גרינער", א „רעפיודזשי", א „די־פי"־ליטעראט, מוז איך אבער אין מיינע „פעליעטאנען" געברויכן פון צייט צו צייט אייניקע אמעריקאניזמען, וואס אן זיי קאן זיך שוין ניט באגיין אפילו א שרייבער פון אייראפע.

פרובירט, אדרבה, אפשטעלן אויף בראדוויי א וועלכן ניט איז יידן און אים א פרעג טאן ווי אזוי מען קומט אמבעסטן צום „הר־סיני"־שפיטאל, אדער, חלילה, צו דער „הר־כרמל"־בית־עולם פון דעם ארבעטער־רינג — וועט ער אייך אנקוקן ווי א צעדרייטן און ניט וויסן וואס אייך צו ענטפערן. אבער ווען איר וועט אים א פרעג טאן ווי אזוי מען קומט צום „מאונט־סאינאי"־האספיטאל,

אָדער, חלילה, צו דער „מאָונט־קאַרמעל״־סעמעטערי, וועט ער אייך תיכף ומיד אָנווייזן דעם ריכטיקן וועג צו יענער וועלט...

דאָס באַווייזט נאָר, אַז דער אַמעריקאַניזירטער ייד איז שוין צו דעם „מאָונט־סאַינאַי״ אַ סך נעענטער, ווי צו דעם „הר־סיני״.

אַט, למשל, האָב איך אין דעם „מאָונט־סאַינאַי״־האָספּיטאַל פאַרהערט אין יידישקייט איינעם אַ פּאַציענט, וואָס האָט זיך אויפגעהאָדעוועט אויף דער איסט־סייד פון ניו־יאָרק און ער רעדט נאָך האַלב־יידיש און האַלב־ענגליש. האָב איך ביי אים געפרעגט (אויך האַלב־יידיש און האַלב־ענגליש), וואָס ער ווייס פון „מאָזעסן״, וועלכער האָט אונדז געבראַכט פון דעם „מאָונט־סאַינאַי״ די „האָלי באַיבעל״?

האָט מיר דער פּאַציענט גאַנץ תמימותדיק געענטפערט, אַז ער הערט צום ערשטן מאָל, אַז דער „מענעדזשער״ פון „מאָונט־סאַינאַי״־האָספּיטאַל הייסט „מאָזעס״ און אַז דער „מיסטער מאָזעס״ זאָל דאָ האָבן געהאַט אָנגעשריבן אַ „באַיבעל״.

דאָס קלינגט ווי אַן אַנעקדאָט, אָבער דאָס איז, ליידער, אַ פאַקט.

איך מיין, אַז אונדזער יידיש לעבן אין אַמעריקע איז „צעבוטשערט״ געוואָרן זינט מיר האָבן דאָ פאַרלאָרן דעם אַלט־היימישן קצב, ע״ה.

„בוטשער״ איז ווידער אַמאָל אַזאַ מין אַמעריקאַניזם, וועלכער לאָזט זיך ניט

דאָס וואָרט „קצב״ איז ניט דאָס זעלבע וואָס „בוטשער״. קצבים פלעגן איבערזעצן אין יידיש.

קיינמאָל ניט אויסהענגען קיין שילדן, אַז זיי פאַרקויפן „בשר כשר״, בעת „בוטשערס״ מוזן אויסהענגען אַזעלכע שילדן, ווייל גויאישע פלייש־הענדלער הייסן אויך „בוטשערס״.

(אַגב, וואונדער איך זיך אויף די יידישע פלייש־הענדלער, וואָס זיי דולדן דעם דאָזיקן „בוטשער״־טיטל. איך קען צווישן זיי אַ סך איידעלע און אינ־טעליגענטע מענטשן. אייניקע פון זיי לייענען אפילו מיינע אַרטיקלען און פאַרשטייען זיי!).

אָבער אַ בוטשער איז דאָך ניט קיין קצב!

ווער פון אונדז געדענקט נאָך ניט דעם אַלטהיימישן קצב, וועלכער פלעגט שטענדיק האָבן צו טאָן מיט די כלי קודש פון שטעטל — מיטן שוחט און רב? ווי אָפט פלעגט פּאַסירן, אַז דער קצב פלעגט מוזן שלעפּן אַזש צום רב אין הויז אַריין די אָקסענע פּאָר לונגען מיטן לאַנגען אָקסן־גאָרגל, ווייל מען האָט באַ־מערקט אויף די לונגען אַ שטיקל סירכא. דער קצב פלעגט מוזן אָנבלאָזן דורך דעם אָקסן־גאָרגל די סירכא־לונגען אַזוי טיף און שטייף, אַז ביי אים אַליין,ביים קצב, פלעגן די לונגען שיער ניט פּלאַצן פון צו־פיל אָנגעבלאָזנקייט. דער־

ביי פלעגט ביים קצב שיער ניט ארוים די זעל פאר גרוים שפאנונג, צי דער רב וועט פסקענען כשר, צי טריף.

אויב, חלילה, טריף, איז ער דאך אומגליקלעך, אבער דאך האט נאך קיין איין קצב ניט געטראגן קיין הארץ אויפן רב, וואס האט זיין „גסה" טריף גע־מאכט.

דין איז דין! אזוי שטייט אין די הייליקע ספרים און מען מוז זיך אונ־טערווארפן דעם פסק־דין!

אבער אין אמעריקע זיינען ניטא קיין דינים. אין אמעריקע זיינען נאר פאראן „לאאס". דאס איז ווידער אמאל אזא מין אמעריקאניזם, וועלכער לאזט זיך ניט פארייִדישן.

א שוויגער, למשל, הייסט אין אמעריקע „מאדער־אין לא" אזו א שנור הייסט „דאוטער־ אין לא". קאן מען דען זאגן אין יידיש „א מאמע על פי דין", אדער „א שנור על פי דין"? כ'מיין, אז ס'איז שוין א סך באקוועמער צו לעבן אונטער איין דאך מיט א שוויגער ווי מיט א „מאדהער־אין לא". א שוויגער איז פארט אן אייגענער מענטש. בעת א „מאדהער־אין־לא" שמעקט מיט קאזנא, שמעקט מיט געזעץ.

אפילו איך אליין בין שוין דא אויך געווארן א „פאדהער־אין־לא" און א „בראדער־אין־לא", ד. ה. א שווער און א שוואגער, אבער איך קעמף קעגן דער דאזיקער „לא"־קרובהשאפט. איך וויל ניט זיין א קרוב על פי געזעץ. מיין קרובהשאפט מיט דער וועלט ווערט באשטימט שטענדיק דורך מיינע אייגענע געפילן און סענטימענטן, אבער ניט דורך די „לאס".

דעריבער טאקע וויל איך אויך ניט, אז מיין צעזייט און צעשפרייט פאלק זאל שטענדיק זיין ביי די אומות העולם ניט מער ווי א פאלק „אין־לא"...

מיר איז שוין דערעסן געווארן צו זיין שטענדיק א „נאציאנאלע מינדער־היט" ביי די אלע מינדערווערטיקע פעלקער פון גאר דער וועלט.

אפילו איצטער, ווען די „אומות העולם" האבן א דריטל פון אונדזער פאלק אויסגעהרגעט, זיינען מיר נאך אלץ א מערהייט, ווייל אויך אפילו די אומגע־בראכטע זעקס מיליאן קדושים און מארטירער וועלן קולטור־היסטאריש איבער־לעבן די אלע פעלקער, וועלכע האבן זיי אומגעבראכט...

אבער אנטשולדיקט מיר, וואס איך האב דא אפגעווייכט אביסל פון מיין „הומאריסטיש־פילאזאפישן" שרייב־נוסח.

שולדיק אין דעם איז איינער אן אנאנס אין א יידישער צייטונג, וועלכער האט „צעבוטשערט" דעם דאזיקן קאפיטל.

דער אנאנס דערציילט, אז אין איינעם א געוויסן האטעל וועט מען האי־יאר פראווען די ריכטיקע כשרע סעודות לכבוד „קריסטמעס" און חנוכה (אן קיין שום להבדיל).

בין איך נייגעריק צו וויסן, וועלכער רב „אין־לא" האט עס געגעבן דעם האטעל זיין „הכשר" אויף די שטרענג־כשרע „קריסטמעס"־סעודות?

און וואס האט בכלל אונדזער חנוכה צו טאן מיט די, טויזנט מאל להבדיל, „קריסטמעס" („ווייהנאכטן", בלע"ז)?

צי דען האבן מיר שוין אזוי גיך פארגעסן, אז די „קריסטמעס"־פעלקער אין איראפע האבן אקארשט אויסגעשניטן א סך מער יידישע קינדערלעך וויפיל יאלקעס („קריסטמעס־ביימלעך) מען האט האי־יאר אויסגעשניטן אין אמעריקע צוליב די געכשרטע „קריסטמעס"־האטעלן?

אבער אויך ניט דאס בין איך אויסן.

איך האב נאר געוואלט אויפקלערן מיינע געציילטע און על פי נס לעבנגעבליבענע לעזער אין איראפע, אז אין דעם אמעריקאנער יידיש האבן זיך איינגעבירגערט אזעלכע ענגלישע ווערטער און ווערטלעך, וואס אז זיי קאן זיך שוין ניט באגיין אפילו א „די־פי"־ליטעראט, אויב נאר ער וויל צוגעבן צו זיינע „איראפעאישע פעליעטאנען" דעם אמעריקאנער קאלאריט.

אגב, יאגט זיך דאך איצטער גאנץ איראפע נאך דעם אמעריקאנער קאלאריט.

פריער־שפעטער, וועט דאך גאנץ איראפע מוזן אמעריקאניזירט ווערן!

אבער וואס איז אזוינס „אמעריקאניזאציע"? וויים איך נאך אליין נישט.

כ'וויים נאר, אז אמעריקע איז גוט פאר יידן!

אמעריקע איז גוט פאר יידן שוין צוליב דעם אליין, ווייל דאס ריזיקע אימפעטפולע און שעפערישע לאנד געפינט זיך נאך עד היום אין א מעשי בראשית־צושטאנד.

און וואו נאר ס'קומען נאך פאר די פארשיידענע מינים מעשי־בראשית־פראצעסן — זיינען דארטן יידן, פארשטייט זיך, די ערשטע מחותנים.

אויך די חרוב־געווארענע איראפע געפינט זיך איצטער אויפן שוועל פון עפעס א נייעם „בראשית" און ס'איז גוט, וואס אמעריקע האט איבערגענומען אויף זיך די אפטרופסות איבער איראפע, וועלכע מאכט דורך אירע נייע חבלי לידה פון עפעס א נייער וועלט.

און ס'איז אויך גוט, וואס די שארית הפליטה פון אונדזער פאלק אין איראפע לייענט אזוי גערן און פלייסיק די יידישע צייטונגען פון אמעריקע.

דורך אט די יידישע צייטונגען פון אמעריקע וועלן אונדזערע „די־פיס", אונדזערע אויסגעווארצלטע ברידער און שוועסטער איינזאפן אין זיך דעם „קאלאריט" פון אמעריקאנער יידישקייט און זיי וועלן אונדז אנהויבן בעסער צו פארשטיין און מיטפילן מיט אונדז „אמעריקאנער"...

איך בין זיך מודה, אז פאר דעם יאר צייט, וואס איך האב געהאט פארבראכט אין דער לונגען־סאנאטאריע און פאר די פאר חדשים, וואס איך האב

זיך אפגעמוטשעט אין דעם הר־סיני־שפיטאל — האב איך זיך א סך מער דער־נענטערט צו די יידן פון אמעריקע און כ׳האב זיי דערקענט, ווי ליבליכע ברי־דער און שוועסטער.

ס׳איז מיר אפילו געווארן נאענט זייער שפראך און אויסשפראך, וועלכע גיבן צו א געוויסן חן צו זייערע יידישע איבערלעבונגען און דער־גרייכונגען אויף דעם אמעריקאנער קאנטינענט.

פארדריסט מיך באמת, וואס די דאקטוירים פון דער לונגען־סאנאטאריע האבן מיך שוין דערקלערט פאר א געזונטן און כ׳מוז שוין פארלאזן די דאזיקע וואונדערליכע הייל־אנשטאלט, וואס איז געווארן פאר מיר א היים־אנשטאלט.

כ׳וועל געוויס בענקען נאך די פאר הונדערט יידישע מענער און פרויען, וואס האבן מיר פארטרויט זייערע הערצער און מיר געהאלפן צו דערקענען נענטער א ביסל דעם יידישן מענטשן פון אמעריקע.

און כדי צו שטילן אט די בענקשאפט מיינע נאך די אלע מענטשן, וואס האבן צוזאמען מיט מיר געקרענקט און געטרוימט ווידער אמאל געזונט צו ווערן — פאר איך אוועק קיין באסטאן צו מיינע קינדער און אייניקלעך, וואו כ׳וועל קאנען אונטערפירן דעם לעצטן סך הכל פון אלע מיינע הימל־רייזעס פאר דעם יאר 1946.

מיינע קינדער זיינען דאקטוירים און מיינע אייניקלעך זיינען מיינע „וויטא־מינס", פון וועלכע ס׳קומט מיר צו א שטיק געזונט.

על כן, וועט איך נאך הערן פון מיר אויך פון באסטאן, וואו איינער א געזונט־געווארענער „טי־בי"־קאלעגע האט מיר אין דער סאנאטאריע געהאלפן צענויפקלעפן אין איין בוך די אלע מיינע איבערלעבונגען און דערפארונגען אויפן שוועל פון יענער וועלט און ער האט מיר אויך צוגעזאגט צו באגעגענען מיך אין באסטאן מיט א ניי־יאר־באנקעט, וועלכן איך האב כשר פארדינט.

## צווישן מתים און משוגעים

ס׳איז מיר איינגעפאלן צו באגעגענען דעם ניי־יאר 1947 דווקא אין באסטאן.

צו באסטאן האב איך א שוואכקייט נאך פון די קינדער־יארן־אן.

כ׳דערמאן זיך, אז ווען איך האב געדארפט ווערן בר־מצוה איז די מאמע מיינע, ע"ה, געגאנגען צום שניט־קרעמער איינקויפן פאר מיר צום ערשטן מאל א שטיקל שטאף אויף א בגד. (ביז בר־מצוה פלעג איך מוזן טראגן די קורץ־

געוואָרענע בגדים פֿון די עלטערע ברידער). האָט די מאַמע געזאָגט צום שניט־קרעמער אַזוי צו־זאָגן:

— גיט מיר, איך בעט אייך, אַ גוטן שטיקל באַסטאָן (מיטן טראָפּ אויף דער צווייטער זילבע), ווייל באַסטאָן לויפֿט ניט איין אַזוי גיך, ווי די אַנדערע שטאָפֿן.

אַזוי אַרום בין איך שוין צו בר־מצוה געוואָרן אַ „באַסטאָנער".

דערפֿאַר אפֿשר האָט מיך באַסטאָן אַזוי פֿיין אויפֿגענומען אין פֿערציק יאָר אַרום, ווען כ'בין געקומען אַהין צום ערשטן מאָל דירעקט „פֿון יענער וועלט", דאָס הייסט — פֿון דעם נאַצי־אָקופּירטן פּאַריז.

און אויך איצט, ווען איך האָב שוין ווידער אַמאָל דורכגעמאַכט מיינע עט־לעכע הימל־רייזעס פֿון דער וועלט צו יענער וועלט און צוריק — האָב איך באַשלאָסן אַנצוהייבן מיין באַנייטן לעבן פֿון דעם יאָר 1947 ווידער אַמאָל אין באַסטאָן, וואָס איז ווירקלעך אַ שטאָט אַזאַ, וועלכע „לויפֿט קיינמאָל ניט איין."

אדרבא, באַסטאָן ווערט גרעסער פֿון יאָר צו יאָר. מיט עטלעכע יאָר צוריק האָבן מיך מיינע באַסטאָנער פֿריינט און לייענער געהאַט אויפֿגענומען זייער וואַרעם, נאָר אין מעטעפּען און אין ראַקסבורי, אָבער האַי־יאָר בין איך שוין אויך געווען דער גאַסט פֿון דאָרטשעסטער, ברוקלאַין און ראָזלינדייל.

באַזונדערס וואַרעם בין איך אויפֿגענומען געוואָרן אין ראָזלינדייל, ווייל כ'בין געקומען אַהין לכתחילה ניט ווי אַ שרייבער צו זיינע לייענער, נאָר ווי אַ טאַטע צו קינדער און ווי אַ זיידע צו אייניקלעך.

ס'האָט זיך מיט מיר פּשוט פֿאַרגלוסט נאָך אַלע מיינע טשיקאַווע „באַרג־סיני"־איבערלעבונגען זיך אויסצורוען אַביסל אין מיין ענגן פֿאַמיליען־קרייז און אויסלאָדן פֿון זיך אַלע מיינע טאַטע־זיידע־סענטימענטן.

דאָס הויז וואו די קינדער האָבן מיך מכנים אורח געווען, געהערט צום מעדיצינישן פּערסאָנעל פֿון דעם באַסטאָנער סטייט־האָספּיטאַל. דאָס איז אַזאַ מין האָספּיטאַל, וואו ס'האַלטן זיך אויף ביי עטלעכע טויזנט פּאַציענטן, וועל־כע האָבן פֿאַרלאָרן זייער גייסטיקן גלייכגעוויכט. די פֿענסטער פֿון מיין צימער גייען אַרויס צו דעם אַזויגערופֿענעם „פֿאָרעסט־היל" בית־עולם, וואָס איז פֿול מיט מצבות.

אַזוי אַרום בין איך אויף דעם נייעם יאָר אַרומגערינגלט געוואָרן פֿון אַלע זייטן מיט צוויי קאַטעגאָריעס אַמאָל געוועזענע מענטשן: מיט משוגעים און מיט מתים.

מיינע לעזער ווייסן, אַז איך געהער נאָך ניט דערווייל צו קיין איינער פֿון די דאָזיקע קאַטעגאָריעס, אָבער דאָך ציט מיך שטענדיק צו די ביידע.

האָט זיך מיר טאַקע שטאַרק געגלוסט צו כאַפּן אַ שמועס כאַטש מיט עט־

לעבע משוגעים און אויסהערן זייערע טענות צו דער וועלט (אויך איך האָב גענוג טענות צו דער וועלט — אפשר זיינען זיי די זעלבע?)

האָב איך זיך אָבער דערוואוסט, אַז אין אַמעריקע זיינען פאַראַן ביי זעקס מיליאָן משוגעים! איז ווי נאָר איך דערהער די שרעק־ציפער פון „זעקס מיליאָן" — ווערט מיר אַזוי היים אין קאָפּ כאַטש נעם און ווער אויך איינער פון אָט די „זעקס מיליאָן" אומזיסטע!

האָב איך שוין געמוזט אויפגעבן דעם געדאַנק צו נעמען אינטערוויום ביי די משוגעים און כ'בין שוין פאַרבליבן מיט די מתים פון דער „פּאָרעסט־היל סעמעטערי".

מיט אָט די מתים האָב איך, ווירקלעך, פאַרבראַכט איינע אַ וואונדערלעכע נאַכט.

דאָס איז געווען די ערשטע נאַכט פון דעם יאָר 1947.

צוערשט האָב איך געהאַט געמאַכט עטלעכע גוטע ניי־יאָר „לחיים'ס" אין דעם קרייז פון מיינע באַסטאָנער לעזער און פריינט. ס'האָט זיך מיר פאַר־דרייט דער קאָפּ פון די צו־פיל שנאַפּסן און די צו־פיל קאָמפּלימענטן, וואָס מיינע לעזער און פריינט האָבן געהאַט אין מיר אַריינגעגאָסן.

בין איך געווען גליקלעך, ווען מען האָט מיך אַ האַלב־שיכורן געבראַכט צוריק אַ היים, וואו דרויסן, פונקט אַנטקעגן פענסטער, האָט שוין געוואַרט אויף מיר די כמעט פול־געוואָרענע ניי־יאָר לבנה.

האָב איך זיך אָנגעקוקט ביים פענסטער ציילן די מצבות (דאָס איז אַ גוטע סגולה צום אויסניכטערן זיך).

איך פלעג זיך אָבער יעדע ווײַלע פאַרפּלאָנטערן אין חשבון, ווייל אין אַמעריקע זיינען אויך אפילו די מצבות, ווי פון איין שניט און פון איין קאָליר.

ווען עטלעכע טויזנט אַזעלכע סטאַנדאַרטנע מצבות גיבן זיך אַ שטעל אַוועק איינע לעבן די אַנדערע אין געדיכטע רייען — באַקומט זיך דער איינ־דרוק, ווי אַ טשערעדע גרויע שעפּסן וואָלט זיך געפּיטערט אויף אַ שניי־באַדעקטן פעלד.

האָב איך דערזען באַשיינפּערלעך, ווי די שעפּסן־מצבות באַוועגן זיך שטיל און פּאַוואָליע און אייניקע פון זיי האָבן זיך אפילו אָנגעהויבן צו בייטן מיט די קברים.

ווי עס זעט אויס, האָבן אויך די מתים געמאַכט לכבוד ניי־יאָר אַ גאַנץ פיינעם „לחיים" און זיי האָבן מיך באַשטימט פאַר זייער פּאַסטוך!

אָבער אויך זי — די לבנה־פּאַסטושקע האָט ניט אויפגעהערט צו באַזיל־בערן דעם מתים־מאַרש מיט איר מאָדנעם יענוועלטיקן שיין, וואָס נאָר פאַרליבטע און לונאַטיקער קאָנען דערשפּירן זיין טיפן דורכרינגענדיקן „עקס־רעי"־צויבער.

אַזוי ווי אָבער איך בין שוין לאַנג ניט געווען לונאַטיש־פאַרליבט — האָט

מיר די לבנה־פּאסטושקע אין יענער סקעלעטן־נאַכט אויסגעזען אַזוי פרעמד און ווייט, ווי כ׳וואָלט מיט איר קיינמאָל ניט געהאַט קיין שום מגע ומשא.

ווען איך גיי אָבער דערנאָכדעם אַרויס דרויסן — וואָלט זי מיך זיכער גע־פּאַקט אין איר זילבער־נעץ און איך וואָלט געוואָרן אַ קאַנדידאַט פאַר דעם באָסטאָנער סטייט־האָספּיטאַל.

מעגלעך, אַז פאַר מיינע לייענער וואָלט געווען גאַנץ אינטערעסאַנט, ווען איך מאַך נאָך דורך אויך דעם דאָזיקן עקספּערימענט!

אָט פיר איך דאָך מיינע לייענער שוין יאָרן־לאַנג דורך די לאַבירינטן פון פאַרשיידענע מינים איבערלעבונגען און זעאונגען אויפן שוועל פון יענער וועלט און זיי ווערן ניט מיד מיך צו לייענער ווייטער.

און וואָס איז דען משוגעת, אויב ניט קיין שוועל צו עפּעס אַ נייער יענער וועלט?

כ׳מיין, אַז אַלע גרויסע פּאָעטן און פילאָזאָפן, וועלכע האַלטן אין איין זוכן דעם אמת, זיינען אויך ערגעץ־וואו אַ ביסעלע משוגע. אויך די גרויסע רעוואָלוציאָנערן און דיקטאַטאָרס זיינען בטבע גרויסע מאַניאַקעס, ווייל זיי ווילן שטענדיק איבערבויען די וועלט לויט זייערע אייגענע השגות און קאַפּריזן כאָטש דאָס געלינגט זיי ניט קיינמאָל.

האָב איך זיך איינגערעדט, אַז אפשר געהער איך אויך צו איינער פון די דאָזיקע קאַטעגאָריעס, אָבער מיין פרוי זאָגט, אַז איך בין צו פּראַקטיש צו קאָנען ווערן גאָר אינגאַנצן משוגע!

מיין „פּראַקטישקייט" באַשטייט, אייגנטלעך, אין דעם וואָס צוליב אַ פּיי־נעם שמועס מיט מיינע לייענער בין איך שטענדיק גרייט צו גיין אין פייער און אין וואַסער. אין דער אמתן אָבער יאָג איך זיך ניט קיינמאָל נאָך קיין נייע טעמעס, ווייל כ׳קאָן נאָך ביז היינט ניט פּאַרטיק ווערן מיט דער אַלטער טעמע מיינער — מיט זיך אַליין...

אמת, ס׳איז טאַקע ניט גאָר באַשיידן צו שרייבן אַ לעבן־לאַנג וועגן זיך אַליין, אָבער די לעצער מיינע ווייסן שוין גאַנץ גוט, אַז איך בין ניט מער, ווי אַ וואַנדערנדיקע מצבה איבער די בית־עולמ׳ס פון אונדזער משוגע־געוואָרענעם יאָרהונדערט.

יעדער איינער, וואָס דערזעט מיך, איז שטענדיק גרייט צו זאָגן „קדיש" נאָך זיין אייגענער פאַרגאַנגענהייט.

יעדן איינעם דערמאָן איך עפּעס וואָס פון זיין אייגענעם אַמאָל, און דער־פאַר, אפשר, זיינען מיינע לייענער שטענדיק צו מיר אַזוי „אל מלא רחמימ׳־דיק"־גוט.

אויך אפילו אויף דער טעריטאָריע פון דעם באָסטאָנער סטייט־האָספּיטאַל

האָט זיך געפונען איינער אַ יידישער מענטש, וואָס איז געקומען צו מיר זאָגן קדיש נאָך זיין אייגענער פאַרגאַנגענהייט.

ער איז געקומען צו מיר מיט אַ טאָפּ בלומען, ווי מען קומט אויף קבר אבות צו אַ גאָר נאָענטן מענטשן.

ער איז נעמלעך דער גערטנער פון שפּיטאָל, ער איז ניט נאָר מיינער אַ געטרייער ליענער, נאָר אויך — אַ לאַנדסמאַן פון מינסק.

ער האָט דורכגעמאַכט אין מינסק דיזעלבע פאַרטיי־פּאָליטישע שול, וואָס מיינע עלטערע צוויי ברידער — ניגער און וולאַדעק — האָבן געהאַט דאָרטן דורכגעמאַכט.

ער האָט געהערט, הייסט עס, צו די גאָר ערשטע פּועלי ציון׳יקעס פון דער אַזויגערופענער „מינסקער שיטה", וואָס איז אָנגעפירט געוואָרן דורך אבע רו־בענטשיק, ע"ה, און — איר צו לענגערע יאָר — חייקע קאַהאַן (איצט — שעל־יובסקי).

דער דאָזיקער גערטנער געדענקט נאָך גאַנץ גוט פון מינסק זיינע יוגנט־פריינט א. ליטווין (ש. הורוויץ) און א. ליעסין (וואַלט). ער פלעגט זיך מיט זיי באַגעגענען גאַנץ אָפט אויך אין אַמעריקע, אָבער אין אַמעריקע זיינען די אַלע דריי (ליעסין, ליטווין און רובענטשיק) אַוועק, זאָגט ער, אויף פאַרשיידענע וועגן און אים איז קיינמאָל ניט געלונגען צו פאָטאָגראַפירן זיך מיט זיי אויף איין בילד. האָט ער זיך פאָטאָגראַפירט, דער גערטנער, מיט יעדן איינעם פון זיי באַזונדער...

יע, ס׳איז אַ מעשה פון אַ יאָר פערציק־פופציק צוריק אין מינסק, אָבער די מעשה ציט זיך נאָך ביז היינט! ליעסין, ליטווין און רובענטשיק זיינען שוין ווידער אַמאָל פאַראייניקט געוואָרן אין איין הימל־לאַנדסמאַנשאַפט, און די „מינסקער שיטה" איז איצטער אַ סברה, נאָך מער אַקטועל, ווי מיט פער־ציק־פופציק יאָר צוריק!

האָב איך, פאַרשטייט זיך, מסכים געווען מיטן גערטנער פון דעם באָס־טאָנער סטייט־האָספּיטאָל, אַז יידן נייטיקן זיך אין ארץ־ישראל, אַז יידן נייטיקן זיך אין אַ דעמאָקראַטישער וועלט־איינאָרדנונג און אַז יידן נייטיקן זיך איצטער באַזונדערס שטאַרק אין אַן אויטאָריטעטער פירערשאַפט, אָבער גראָד איצטער אַנטפּלעקט זיך נישט פאַר אונדז קיין נייער דר. הערצל, קיין נייער מעדעם און אפילו ניט — קיין נייער אבע רובענטשיק.

— אגב, ווייסט איר, מיין פריינט — האָב איך אַ זאָג געטאָן צום גערטנער, אַז אונדזער אבע רובענטשיק, ע"ה, האָט געהאַט אין ניו יאָרק אַ טאָפּלטע לויה?

— וואָס הייסט אַ טאָפּלטע לויה? — האָט מיך דער גערטנער אָנגעקוקט מיט זיינע פייכט־געוואָרענע אויגן.

— פשוט דערפאַר, ווייל אַט דער אבע רובענטשיק, וועלכער האָט בשעתו געהאַט אויפגעשטורעמט אַ דור אַ גאַנצן, איז אין אַמעריקע געשטאָרבן פּונקט אַזוי עלנד און באַשיידן, ווי עלנד און באַשיידן ער האָט דאָ געהאַט געלעבט. דער „חסד של אמת", וואָס ער האָט באַלאַנגט, האָט אים געמאַכט אַ „האַרי־אַפּ" לויה נאָך פאַר דער באַשטימטער צייט, און ווען ס'זיינען אָנגעקומען אַלע זיינע אַמאָל־געוועזענע חברים און פריינט, אים אָפּצוגעבן דעם לעצטן כבוד — איז שוין זיין אָרון געווען פאַרשטעקט אין דער עגלה.

נו, האָט מען אים אַרויסגענומען פון דער עגלה, אַריינגעטראָגן אים צוריק אין לויה־זאַל און ערשט דעמאָלט האָבן מיר אים ריכטיק מספּיד געווען. אַזוי אַרום האָט אונדזער אבע רובענטשיק, ע"ה, געהאַט אַ טאָפּלטע לויה!

דער סטייט־גערטנער איז געוואָרן שטאַרק גערירט און ס'האָבן זיך באַוויזן טרערן אין זיינע אויגן.

האָב איך זיך בכיון אויסגעדרייט מיטן פּנים צום פענסטער און כ'האָב ווידער אַמאָל אָנגעהויבן צו ציילן די מצבות פון „פאָרעסט היל"־בית עולם.

אָבער איצטער, בייטאָג, איז שוין יעדע איינע פון זיי ווידער געשטאַנען אויף דעם ריכטיקן קבר, ווי ס'וואָלט מיט זיי אין דער שיכור'ער ניי־יאָר־נאַכט קיין זאַך ניט געווען פּאַסירט...

אויך איך שטיי איצט פאַר אייך אַ ניי־געבוירענער, ווי ס'וואָלט אויך מיט מיר קיין זאַך ניט געווען פּאַסירט פאַר די לעצטע זעכציק יאָר פון מיין וואונדער־וואַנדער־לעבן אין דער משוגע־געוואָרענער וועלט.

# צווייטער טייל

# לידער

*(1946—1907)*

# ב. װלאַדעק — דאַניע

שוין פופציק יאָר ווי אַ דאַר מענטשל, מיט איינגעבויגענע אַקסלען און גרויסע אויגן שפּילט זיך מיטן לעבן.

דורכגעלעבערט פון אַלערליי חולאתן, דורכגעפרעסן פון לופוסלעך, מיט אַ רעכטער האַנט, וואָס מען דאַרף שטענדיק באַהאַלטן, האָט ער זיך אַרויסגעוויזן קליגער און שטאַרקער פון אַלע בייזוויליקייטן און ברוטאַלע שפּיצלעך פון דער נאַטור.

דאָס לעבן, ווי אַ ריזיקע כוואַליע, הויבט זיך, וואַקסט, ווערט גרעסער און גרעסער און טוט זיך אַ לאָז מיט אור־אַלטן אימפּעט אויף דער שטערונג, וואָס רופט זיך „דאַניע". אַט־אַט און ער ווערט אויסגעמישט מיט דעם זאַמד און שטיינער פון בערג און נאָר צעוואָרפענע ביינדלעך וועלן אַרומ־סטאַרטשען פון צווישן דעם שוים. אָבער דאַניע פאַרמאַכט די אויגן, טויכט אַריין אין סאַמע האַרץ פון כוואַליע, און קומט אַרויס מיט אַ מו־טיקן שמייכל און — אַ ליד.

•

אומצייליקע דאָקטוירים האָבן פאַר פופציק יאָר אין הונדערטער קליניקס אים אָפּגעזאָגט דאָס לעבן; אַפּטייקערס זענען רייך געוואָרן פון זיינע זאַלבן און רפואות; בארעמהאַרציקע שוועסטער האָבן הונדערטער מיילן גאַז פאַרברויכט צו באַנדאַזשירן זיינע וואונדן; קברנים האָבן שוין פאַר אים געהאַט קברים און אָרונס צוגעגרייט — און דאַניע טרינקט זיך זיינע צען־פופצן גלעזעלעך שוואַרצע קאַווע יעדן טאָג, זאָגט דעם מלאך־המות אַזוי גוט זיין צוצוואַרטן אין וואַרט־צימער, פאַררויכערט זיך אַ פּאַפּיראָסל און — שרייבט „באַרג אַרויף!"

•

קיינער וויל אים ניט! זיין היים, רוסלאַנד, האָט אים אומהיימלעך גע־מאַכט; פוילן האָט אים דעפּאָרטירט; לעטלאַנט האָט אים דעפּאָר־טירט; אַמעריקע האָט אים ניט אַריינגעלאָזן. אָבער ווי דאָס פאָלק

ווען ער איז, ווי די זון, וועמענס שטראַל ער איז, שפּרייזט ער איבער דער וועלט מיט אַלע זיינע רעצעפּטן און מיחושן, ווי קיינמאָל גאָרניט געווען, און דעם זעכצנטן סעפּטעמבער 1937, ווען ער האָט אָפּ־געריסן פון לוח דאָס לעצטע בלעטל פון זיין 50סטן יאָר, האָט ער אויסגע־רויכערט נאָך אַ פּאַפּיראָסל, אויסגעטרונקען נאָך אַ שוואַרצע קאַווע, אַרויסגעקוקט פון פענצטער מיט זיינע גרויסע קאַרע־בלוילעכע אויגן, אַביסל אַ הוסט געטון און — זיך ברייט צעשמייכלט.

ווייל דער איינציקער וועג דעם לעבן צו באַזיגן איז עס אויסצולאַכן און די געטער אַליין ווערן דערשראָקן, ווען זיי דערפילן דעם שאַרפן שפּיץ פון מענטשלעכן הומאָר. איינגעוויקלט אין אַ שמייכל, באַגלייט פון אַן עקשנות, וואָס ציט זיך צוריק הונדערטער, אפשר טויזנטער יאָרן, האָט דאָניע אויסגעבראָקירט זיין וועג מיט וויטאָקן און חולאתן, ווי אַ ברייטער וועג ווערט אויסגעפּלאַסטערט מיט שטיינער, און ער שפּרייזט איבער זיי צו נייע זיגן. מיין נאָפּאָלעאָן פאַרגיסט ניט קיין בלוט אויסער זיין אייגנס, אָבער דערפאַר איז זיין זיג גרעסער, ווייל ער האָט באַזיגט אַ שונא, וואָס די שטאַרקסטע און די מעכטיקסטע האָבן ניט באַוויזן בייצוקומען — דעם שליח פון טויט, דעם מלאך המות!

•

דאָניע, וואָס פאַר אַ גרויסער נס דו ביסט און וואָס פאַר אַ גרויסן גאָט מיר האָבן, וואָס ער האָט אַזאַ נס געמאַכט!

ניו־יאָרק, 1937.

# אריינפיר־ליד

## זעכציק יאָר מיינע*)

זעכציק יאָר מיינע — דאָס זענען זעכציק נסים
פון מיין אומגעריכטן וואונדער־וואַנדער־לעבן,
ווילט זיך היינט די גאַנצע וועלט באַגריסן:
— „מזל טוב!" — „מיט מזל זאָלט איר לעבן!"

זעכציק יאָר מיינע, ווי זעכציק שווערע לאַגלען
אָנגעפילט מיט ווייַנען פון יאָרצייטן און בריתן —
ס'איז דאָך גוט אַזוי דורך אַלע קרעטשמעס וואָגלען
און פון אַלע ווייַנען אונטערוועגס געניסן.

זעכציק יאָר מיינע, ווי זעכציק שוואַרצע שוואַנען
שווימען מיר אַנטקעגן מיט פולע שנאָבלען טרויער,
ס'איז דאָך אויך אין שוואַנען־ליד אַ טרייסט פאַראַנען —
אָדלערס שווימען ניט אין וואַסערן אין בלויע.

זעכציק יאָר מיינע ווי זעכציק ווייסע שוועסטער,
יעדערע פון זיי איז ענלעך צו דער מאַמען.
כ'האָב פון זיי גענומען דאָס שענסטע און דאָס בעסטע,
האָב איך זיי פאַראייביקט אין פערזן און אין גראַמען.

זעכציק יאָר מיינע, ווי זעכציק הויכע לייטערס
הויבן מיך נאָך העכער פון מיין אייגן לעבן —
וועל איך היינט ניט זאָגן יזכור נאָך די טויטע —
וועל איך בעסער זאָגן — „מיט מזל זאָלט איר לעבן!"

*) דאָס יובּילוי־ליד האָב איך געהאַט אָנגעשריבן אין פּאַריז, 1937, צו מיין פופציקסטן געבורטסטאָג. ס'איז אַריין אין דעם „דניאל טשאַרני־בוך", וואָס איז דערשינען אין פּאַריז, 1939. צום זעכציקסטן געבורטסטאָג האָב איך נאָר געענדערט דעם פופציק אויף זעכציק... צום זיבעציקסטן געבורטסטאָג וועל איך מוזן ענדערן דעם „זעכציק" אויף זיבעציק און אַז. וו.

# התחלה־לידער

## א

### איינזאַמקייט

וועןْ די זון איז ניטאָ —
איז די וועלט אַן אַ האַרץ,
איז דער הימל טויט־שוואַרץ,
און דאָס בלימל פאַרקלעמט
שטייט געטוליעט צום בוים,
און דער פויגל פאַרפרעמדט
בלאָנדזשעט אום אָן אַ היים.

ווען די לבנה ז'ניטאָ —
איז די נאַכט אָן אַן אויג,
איז די ערד אָן אַ סוד,
און דער טייך איינזאַם טראַכט,
ווי ר'וואָלט בלאָנדזשען פון וועג,
און דער וואַלד, ווי די נאַכט,
ציט זיך לאַנג אָן אַ ברעג.

ווען קיין פריינד איז ניטאָ —
איז דאָס לעבן צו שטיל,
איז דאָס האַרץ אָן אַ ציל
און דיין וואָרט אָן אַ קלאַנג,
ווי אַ חלום פאַרבלייבט,
און דאָס האַרץ טוט דיר באַנג,
און דאָס בלוט קילט אין לייב.

ווילנע, 1907

## ב

### קום צו גיין

קום צו גיין, קום צו גיין היינט ביינאַכט,
ווען דאָס אויג פון דער וועלט איז פאַרמאַכט,
ווען אויף אַלץ רוט אַ בלאַסלעכער שיין,
וואָס באַצויבערט און שלעפערט דיך איין.

קום צו גיין היינט ביינאַכט אין דער שטיל
און ניט פרעג, צוליב וואָס פאַר אַ ציל,
ווי עס פרעגט ניט דער פויגל דעם בוים,
צוליב וואָס קלויבט ער אוים דאָ זיין היים.

קום צו גיין און פאַרלעש מיין געדאַנק,
ר'איז פון לעבן פאַרסמטט שוין פון לאַנג,
וויג מיך איין אין דיין שוים, ווי אַ קינד,
מיט דיין שיין מאַך מיך בלינד, מאַך מיך בלינד!

ווילנע, 1908.

ג

## דיינע אויגן

דיינע אויגן שיטן שטראַלן,
ווי דער מזרח אין פרימאָרגן.
אַך, מיר דוכט, איך בין פאַרפאַלן —
כ'וועל ניט שלאָפן שוין ביז מאָרגן.

ס'וועט מיר ענג ווערן מיין צימער —
וועל איך ס'פענצטער האַלטן אָפן.
און אַ גאַנצע נאַכט ביים שימער
פון די שטערן וועל איך האָפן.

און וועל וואַרטן אויף דיין קומען,
ביז דער טאָג וועט זיך צעשטראַלן.
כ'וועל באַשיטן דיך מיט בלומען
און דו מיך — מיט דיינע שטראַלן.

ווילנע, 1909.

ד

## מגן דוד'ס

איך קוש דיר אוים אַ מגן דוד —
דו זאָלסט מיר געהייליקט ווערן:
דיינע אויגלעך און דיין מיילכל,
ביידע בעקלעך און דעם שטערן.

דו נעמסט אָן דאָס שפּיל פון ליבע,
ווי אַ געטליכע רפואה.
בעטסט, וואָס מערער מגן דוד'ס,
ווי סע פּאַסט זיך פאַר אַ צנועה.

און איך לאָז זיך לאַנג נישט בעטן —
כ'מגן דוד דיר גאַנץ גערן
דיינע אויגלעך און דעם מיילכל,
ביידע בעקלעך און דעם שטערן.

ווילנע, 1909.

ה

## פּסולת

איך האָב דיך, ליבע שוועסטער, ניט איין מאָל שוין באַזונגען,
ניט איין מאָל שוין געקושט אין שכרות דיינע גלידער
און ווידער איבערלעבט דאָס, באַשרייבנדיק אין לידער —
האָב איך דיך, ליבע שוועסטער, ניט איין מאָל שוין באַזונגען.

איך האָב שוין ניט איין העפטל וועגן דיר פאַרשריבן
און הונדערט נעכט אוודאי אין בענקען ניט דערשלאָפן.
ס'פאַרבלייבט פאַר דיר מיין האַרץ אויף אייביק אָפן —
האָב איך שוין ניט איין העפטל וועגן דיר פאַרשריבן.

איצט זענען פון דיין ליבע די לידער נאָר פאַרבליבן,
זיי ליגן פונקט, ווי שמות פון הייליק-אַלטע ספרים.
און ס'ליגן אויך אין האַרצן זכרונות, ווי די קברים,
און ס'איז מיר פון דיין ליבע די פּסולת נאָר פאַרבליבן.

פּעטערבורג, 1916.

ז

## שוואַנען־ליד

צוויי שוואַרצע שוואַנען שווימען
אין סאַזשעלקע געלאַסן.
די העלדזער שלאַנק געשלענגלט
צום הימל־הויך דעם בלאַסן.
עס איז די זון פאַרגאַנגען,
עס קומט די שעה פון בענקען.
צוויי העלדזער, ווי צוויי שלאַנגען
מער ווילן זיך ניט שווענקען,
ווייל ס׳הויבט זיך אָן דער הימל
אין וואַסער־בלוי צו שפיגלען
און ביידע שוואַנען טרוימען
פון שטאַרקע אָדלער־פליגלען.
זיי וואָלטן איצט געפלויגן
צום הימל־טייך צום צווייטן
זיך שנאָבלען מיט די שטערן,
מיט מילכוועגס ווייסע קווייטן.
שווימען שטיל די שוואַנען
פאַרשנאָבלט הויך און בענקען:
וואו נעמט מען אָדלער־פליגלען
אין הימל זיך צו שווענקען?

דזשענעווע, 1913.

# וואנדער־לידער

## א

### אונטערוועגנס

כ׳פאַרנעם אַפּט אונטערוועגנס
וואוהין און צוליב וואָס איך פאָר ?
איר זאָלט מיך אויך ניט פרעגן
די דאַטע און דעם יאָר.
כ׳פאַרבייט גאַנץ אָפט די נעמען
פון לענדער און פון שטעט.
כ׳זע מאָסקווע, לאָנדאָן, ברעמען
אין מיין ניו־יאָרקער הין־הער־פלעט.

אָט טרעט איך אויף אין באָסטאָן,
ווי נעכטן אין פּאַריז.
דיזעלבע רייד און טאָסטן —
און מאָרגן — סיראַקיז.

און איבערמאָרגן ווידער
פון ווילנע קיין דעטרויט —
דיזעלבע רייד און לידער
פון האַרץ צו האַרץ פאַרטרויט.

און אויך אין סינסינעטי
איז דאָ מיין היים דוקאַר ! —
נאָך גוט, וואָס באַן־בילעטן
דערציילן וואו איך פאָר...

ניו־יאָרק, 1941.

ב

## אַ האָגל

ס׳קלאַפּט אַ האָגל אויף די שינדלען,
ווי אויף סטרונעס דאַרע פינגער.
עפּעס פילט זיך — ס׳ווערט דעם הימל
לייכטער, גרינגער.

עפּעס פילט זיך — ס׳איז אַ וואָלקן
נאָך פון ווינטער וואו פאַרבליבן —
האָט אַהער אַ ווינט פון צפון
אים פאַרטריבן.

קלאַפּט דער האָגל אויף די שינדלען —
פּלאַצן שויבן פאַר געלעכטער:
נאַריש וואָלקן, ס׳איז די זון איצט
אונדזער וועכטער.

וואַנדער-וואָלקן, צפון-זינגער,
קאָנסט דיין ליד נאָך שטאַרקער האָגלען.
אפשר וועט דיר ווערן גרינגער
אין דיין וואָגלען?!

ווילנע, 1907.

ג

## דער פאַרפרוירענער

ס׳איז איינער פאַרפרוירן געוואָרן ביינאַכט,
היינט ביינאַכט
אויף אַן איינזאַמן שליאַך.
עס האָט איינער מיט לעצטן געדאַנק
נאָך געטראַכט —
פון פיר ווענט און אַ דאַך.

ס'האָט איינער געלאָזט זיך געווים
זוכן ברויט
פאַר זיין ווייב, פאַר זיין קינד,
נאָר ס'האָט אים פאַרפירט און פאַרדרייט
אַ געווירבל פון שניי און פון ווינט

און ס'האָט אים, דער פראָסט
הענט און פיס אויסגעקוועטשט,
און אויף הפקר געלאָזט
ערגעץ וואו ביי אַ קוסט
אויף אַן איינזאַמן שליאַך.

איז איינער פאַרפרוירן געוואָרן ביינאַכט,
היינט ביינאַכט
אונטער קאָלדרעס פון שניי און פון ווינט,
ר'האָט מיט לעצטן געדאַנק נאָך געטראַכט
פון פיר ווענט און אַ דאַך,
פון אַ ווייב און אַ קינד —
אויף אַן איינזאַמן שליאַך...

מאָסקווע, 1922.

ד

## ים־שווינדל

ס'וויגט זיך ווי אַ מולטערל מיין שיף פון פופציק טויזנט טאָן
צווישן בערג און טאָלן פון צעווילדעוועטן אָקעאַן —
כ'ווייס אַליין ניט, וואָס זאָל איך איצט אָנהויבן צו טאָן,
ווען ס'גאַנצע לאַנגע לעבן מיינס ווערט קלענער פון אַ שפּאָן.

צי זאָל איך זיך פאַרשטעקן אין דעם חלל פונעם רעטונגס־גורט,
צי זאָל איך לאָזן זיך אויף הפקר מיט מיין קעמפנדיקער שיף,
און פונקט, ווי זי, אַרויס אַנטקעגן ים מיט לענדן אָנגעגורט
און זיך עקשנותדיק פאַרמעסטן אויף זיין ברייט און אויף
זיין טיף.

איך האָב אויף דער יבשה דאָך קיינמאָל ניט געזען
אַזאַ פאַרווילדערטע רציחה, ווי ס'פאַרמאָגט דער ים —
ווען ס'וואָלט דערפון אַ צענטחלק פאַרמאָגט מיין פען —
וואָלט אויך מיין ליד געשטורעמט איבער פערז און גראַם.

נאָר ס'ברעכט מיין פען מיט טינט, ווי איך — מיט גרינער גאַל
און כ'ווייס אַליין ניט, וואָס זאָל איך איצט אָנהויבן צו טאָן,
ווען ס'קען אַ יעדע רגע אונטערגיין אין כף הקל,
מיין ליד, און איך, און אַלע פּופּציק טויזנט טאָן.

אַטלאַנטישער אָקעאַן, 1925.

ח

## וואַנדער־בעטן

איך ליב אַזוי צו שלאָפן אין די וואַנדער־בעטן
פון כלעריליי וואַגאָנעס, שיפן און האָטעלן.
מיט שווינדל־קאָפּ און אַקסל פרעמדע קישנס קנעטן
און שפּירן, ווי מאַטראַצן פון מיין לייכטקייט קוועלן.

ווער ווייס דען, ווער ס'איז נעכטן אָט אַ דאָ געלעגן?
ווער ווייס דען, ווער ס'וועט מאָרגן פּונקט ווי איך דאָ שלאָפן?
ס'האָט אפשר ווער געאיילט אַ היים מיט זיין פאַרמעגן,
צי אפשר איז גאָר איינער פון זיין היים אַנטלאָפן?

איך ליב אַזוי די בעטן, די נע ונדנע בעטן —
סע שמעקט פון זיי מיט ליבע, צאַנווייטאָג און זאָרגן,
איז זאָל זיך אויך מיין הארץ, מיין וואַנדער־האַרץ פאַרקנעטן
מיט אָט די אַלע וועזנס פון נעכטן און פון מאָרגן!

וויסבאַדן, 1926.

ז

## ס'טרעפט אַ מינוט

ס'טרעפט אַ מינוט —
און די וועלט ווערט דיר טייער.
ס'פאַרגלוסט זיך דיר האָבן פראַמעטעאוס' רוט

און רויבן דעם פייער
פון הימלשע ספערן —
אַז ליכטיק זאָל ווערן
אין אַלע פיר עקן
און זאָלן זיך געטער פאַר מענטשן דערשרעקן!

ס'טרעפט אַ מינוט...
ווי גיך אָבער ווערט זי פאַרשוואונדן!
ס'פאַרלעשט זיך דיין מוט
און ס'צינדן זיך אָן דיינע וואַנדערער-וואונדן.
אַנשטאָט פראָמעטעאוסעס רוט
שטייט שוין דער וואַנדער-שטאָק גרייט,
לויערט שוין ערגיץ דער טויט!

ס'טרעפט אַ מינוט!...

ווין, 1910.

# טויט־לידער

## א

### דער פינפטער

קיינער ווייס ניט דעם אייגענעם סוף,
ווי ער ווייס ניט דעם אָנהויב פון זיך.
איינער שטאַרבט בנשיקה אין שלאָף
און דער צווייטער — אין קראַנקן און שיך
אונטער בונטער בונטאַרישער פאָן,
אָדער גאָר אונטער ראָד פון פאַבריק,
און אַ דריטער אַליין טוט זיך אָן
אויפן האַלדז אַ צוויי־גראָשענע שטריק,
און אַ פערטער פאַרטאָג ווערט געקעפּט
מיט די אויגן געווענדטע צו זיך,
און דער פינפטער, וואָס לעבט נאָך און לעבט —
אוי, דער פינפטער, אַ פּנים, בין איך!
יאָ, דער פינפטער, וואָס טראָגט אָט די שטראָף
פון די טויטן די אַלע — בין איך,
און כ׳ווייס ניט מיין אייגענעם סוף,
ווי איך ווייס ניט דעם אָנהויב פון זיך.

בערלין, 1927.

## ב

### דאָס געוויין פון אַ פליג

פאַרשיידענע מינים געוויינען האָב איך שוין פאַרנומען:
ס׳געוויין פון אַ קינד
אין דעם טאָג פון זיין ברית,
ס׳געוויין פון אַ יונגער אלמנה
ביים אָפענעם קבר פון מאַן,

ס׳געוויין פון אַ זעלנער,
וואָס האָט זיך געכאַפּט אין שפּיטאָל, אַז אים פעלן די פיס,
ס׳געוויין פון אַ קו,
וואָס דערשמעקט האָט ביים שטאַל דאָס פאַרגאָסענע בלוט פון איר קאַלב,
ס׳געוויין פון אַ הימלאַזן הונט,
וואָס גיסט אוים זיין געביל צו דער פולער לבנה,
נאָר ס׳געוויין פון אַ פליג,
וועלכע רייסט זיך אומזיסט פון דעם קלעפּיקן פליגן־פּאַפּיר
איז, דוכט זיך מיר, שטאַרקער פון אַלע געוויינען!
אַ פליג אַט אַזאַ וועט דאָך קיינער ניט קומען צו הילף
און קיינער ניט וועט זי באַוויינען!
איז שווער מיר אַזוי צו פאַרטראָגן
ס׳געוויין פון אַ פליג,
וועלכע רייסט זיך אומזיסט שעה׳ן־לאַנג
פון דעם קלעפּיקן פליגן־פּאַפּיר.

פּאַריז, 1939.

ג

## צום טויט

אַך, ליבער טויט,
איך גיי דיר שטאָלץ אַנטקעגן
איך בין שוין גרייט,
נאָר זאָלסט ניט פרעגן,
ווי אַלט איך בין?
איך בין
נאָך גאָר ניט אַזוי אַלט,
מיין האַרץ איז אָבער קאַלט
און איז שוין טויט פון יאָרנלאַנג
איך בין שוין גרייט
און מיין פאַרלאַנג
איז נאָר צו דיר.
אַך, ליבער טויט,
פראַל אויף דיין טיר —
איך בין שוין גרייט!

בערן, 1913.

ד

## מיין לעצטער באַרג אַרויף

איך בין שוין מיד פון אַלע מיינע קרענק,
פון מיינע וואַנדערונגען — אויך.
איך ליג מיט פּערציק גראַד און כ׳בענק
אַהין־אַהין — צום הימל־הויך.

איך בין שוין זאַט מיט יאָרן און מיט טעג
און מיט מינוטן גוטע — אויך.
איז מיר פאַרבליבן נאָר דער לעצטער וועג:
אַהין־אַהין — צום הימל־הויך.

כ׳פאַרמאָג אויך דאָרט אַ שלל מיט פריינט
און חברטעס געטרייע — אויך.
כ׳בין גרייט אַוועקצוגיין נאָך היינט
אַהין־אַהין — צום הימל־הויך.

שוין צייט זיך שיידן מיט מיין גוף
און מיט די קליידער — אויך.
ווי גרינג ס׳וועט זיין מיין באַרג אַרויף
אַהין־אַהין — צום הימל־הויך.

פאַריז, 1938.

ו

## מיין לויה־רעפּאָרטאַזש

אין מיין לויה האָבן זיך באַטייליקט פיל באַקאַנטע מענטשן,
אַפילו אויך אַזעלכע, וואָס האָבן מיך פּערזענלעך ניט געקענט.
דער הספּד־מאַכער האָט מיין אָנדענק זייער פרום געטון־טון בענטשן
און ניט איין פרוי האָט אויפריכטיק געבראָכן זיך די הענט.

עס האָבן מערערע געזעלשאַפטן, יחידים און פאַריינען
מיט קרענץ און פרישע בלומען באַדעקט מיין טויטן גוף.
די פּרעסע האָט מיט טינט־טרערן גענומען מיך באַוויינען,
ציטירנדיק בחינם קאַפּיטלען „באַרג אַרויף״.

די ווייטערדיקע רעדנער האָבן ניט צו פיל געמאַטערט,
אַפילו איך אַליין בין ניט געוואָרן מיד.
אַנשטאָט צו זאָגן קדיש — האָט אַ יונגער רעציטאַטאָר
מיט אויגן פייכטע פאַרגעלייענט אָט דאָס דאָזיק ליד.

נאָר איינע האָט צו מיין לויה ניט געקאָנט זיך מעלדן
און ניט באַווײנט האָט זי מיין לאַנג-געגאַרטן טויט.
צי זאָל איך אייך פאַרטרויען דאָ דעם נאָמען פון מיין העלדין?
אָ, ניין! — זאָל יעדער טרעפן, ווער נאָר מיין וואונק פאַרשטייט.

און גראָד אָט די, וואָס האָט צו מיין לויה ניט געקאָנט דערשיינען
וועט אומעטום און שטענדיק דערציילן פון מיין זיין.
זי וועט נאָך לאַנג, נאָך לאַנג באַחנען און באַשיינען
אַ יעדן וואָרט מיינעם געוועבט פון פרייד און פיין.

פּאַריז, 1938.

ז

## יתום־ליד

ביי דעם שטיין פון דיין מצבה
צייל איך תמיד מיינע יאָרן —
און די ווייען פון דיין גסיסה
האָט די מאַמע מיך געבאָרן.

און מיין קינד-האַרץ האָט גערשנט
יענע אַלטע טיפע סודות,
וועלכע האָבן שוין געצייטיקט
אין די הערצער פון די זיידעס.

יאָ, איך בין אַ יונגער זקן,
מיין געדאַנק איז גרוי געוואָרן,
ווען ביים וידוי פון דיין שטאַרבן —
האָט די מאַמע מיך געבאָרן.

דוקאָר, 1914.

ח

## אויפֿן שוועל פֿון זעכציק

מיט זעכציק יאָר איז שוין ניט מיאוס מיר צו שטאַרבן
(ביז זעכציק פֿעלט מיר היינט נישט מער, ווי איינער).
מיין שטערן ציילט שוין ניין און פֿופֿציק טיפֿע קאַרבן,
נאָר וויפֿיל ס'ציילט מיין האַרץ — דאָס ווייס נישט קיינער!

מיין טאַטע איז געשטאָרבן ערב אַכט און דרייסיק,
מיין ברודער, וולאַדעק, האָט געלעבט מיט פֿופֿצן מערער,
און איך גאָר, דער מוזיניק־זקן, שרייב נאָך פֿלייסיק
אַמוזיר־געשיכטעס פֿאַר מיינע לעזער און פֿאַרערער.

פֿאַרוואָס אָבער האָט גאָט געשטראָפֿט מיך מיט אַריכת ימים,
איך זאָל אַ לעבן־לאַנג זיין פֿייניקן מיט חבלי־מיתה,
איך קאָן דעם „מאַלכאַמאָוועס" נאָך פֿון וויג, איך קאָן אים
און אויב איך לעב נאָך היינט — לעב איך דורכאויס מיט נסים.

נאָר אָפֿטמאָל דוכט זיך מיר, אַז כ'בין שוין לאַנג געשטאָרבן,
ווי ס'האָבן מיר פֿאַרויסגעזאָגט די גרויסע פּראָפֿעסאָרן —
איז יעטווידער געבורטסטאָג מיינער אַן אומזיסטער קרבן
און כ'בין שוין פּשוט מיד צו ציילן די קרבנות־יאָרן.

איך בין אָפֿילו מיד מיין יובל־ליד צו שרייבן ווייטער
מיין לעצטן ליד פֿאַר מיינע לעצטע לעזער און פֿאַרערער.
איך ווייס, מיין פֿאָלק איז איצט געגליכן צו אַן אויסגעלאָשן שייטער
און איך — אַן אויסגעלאָשן פֿונק זיינער, ניט מערער!

„מאָונט־סייניי"־האָספּיטאַל
יום כיפור, 1946.

# וולאדעק־לידער

## א

### ווי גיך דו האָסט געלעבט

ווי גיך דו האָסט געלעבט
און גיכער נאָך געשטאָרבן.
צו וואָס אַ יעדער שטרעבט
האָסטו זיך לאַנג דערוואָרבן.

דו ביזט נאָך יונגערהייט
געוואָרן אַ לעגענדע
און ס׳בלייבט אויך נאָכן טויט
דיין לעבן נישט פאַרענדיקט.

מען וועט נאָך דורות־לאַנג
דערציילן אַלע וואונדער
פון דיין צעשטראַלטן גאַנג
אין יעדן לאַנד באַזונדער.

פאַריז, 1938.

## ב

### אויפן שוועל פון משוגעת

זינט דו ביזט פון מיר אַוועק —
קאָן איך זיך קיין אָרט געפינען.
פייניקט מיך די גרויסע שרעק,
אַז איך וועל אַראָפּ פון זינען.

איך דערקען ניט זיך אַליין,
ווען איך קוק אין שפּיגל —
דאָרטן זיצט אַ פרעמד פאַרשוין
אונטער שלאָס און ריגל.

וואַרף איך זיך אַריין אין בעט,
ווי אַ פּייל פון בויגן —
ליגט שוין דאָרטן מיין סקעלעט
אָן אַ נאָז, אָן אויגן.

כאַפּ איך זיך אַרויס אין גאַס —
זיין צווישן לייטן —
זע איך אויף אַ פּולווער-פאַס
משוגעים רייטן.

ווערט נאָך גרעסער דאַן מיין שרעק,
אַז איך וועל אַראָפּ פון זינען,
איידער נאָך איך וועל דעם וועג
קריק צו דיר געפינען.

פּאַריז, 1940.

ג

## דרייסיקסטער אָקטאָבער

ביי אַלעמען פאַלט אויס דיין יאָרצייט
דעם דרייסיקסטן אָקטאָבער,
אָבער
ניט ביי מיר!
ביי מיר איז יעדער טאָג פון יאָר
דיין יאָרצייט-טאָג!
ביי מיר איז יעדער טאָג —
אַ נייער נעקראָלאָג
נאָך דיר,
נאָך מיר
און נאָך דער גאַנצער וועלט!

ניו-יאָרק, 1941.

ד

## ביי וולאַדעקס מצבה

כ'האָב אָנגעמאָסטן היינט
אויף זיך אַליין
דעם שטיין
פון דיין מצבה,
ווי ס'פלעגט אַמאָל
די מאַמע
מיר אָנמעסטן אַ בגד דיינעם,
וואָס איז אויף דיר געוואָרן שמאָל.
האָב איך אויך היינט
אַריינגעטאָן מיין גוף אין דיין מצבה
(באַהעפט דיין עבר מיט מיין הוה) —
די זעלבע הויך,
די זעלבע ברייט —
ס'איז אויך
דיין טויט,
ווי אָנגעמאָסטן פונקט פאַר מיר!

— — — — — — — — — — — —

צי וועט אויך מיר
דען זיין באַשערט
צו רוען לעבן דיר
אויף דעם געבענטשטן שטיקל ערד,
וואו ס'רוט אַ גאַנצער דור
פון קעמפער און פּאָעטן?

— — — — — — — — — — — —

אָט האָט מען היינט
געבראַכט דיר פון מאַנהעטן
מיין פריינט
טשעריקאָווער!
אויך ער
איז נעכטן נאָך געווען מיט לעבן פול
און היינט איז ער שוין פול מיט טויט!
אָט ליגט ער היינט —
מיין וואַנדער-פריינט —

צופוסנס דיין מצבה
און איך — איך שטיי
אַ צוגעקלעפּטער צו דיין שטיין
און כ׳קאָן נאָך נישט פאַרשטיין
פאַרוואָס גראָד ער —
טשעריקאָווער —
האָט אויסגעכאַפּט דעם אָרט,
וואָס האָט געהערט צו מיר ? !

— — — — — — — — — — — —

איך גיב זיך נישט קיין ריר,
ווי כ׳וואָלט אַליין
געוואָרן שוין דער שטיין
פון דיין מצבה —
אָן אבר מין החיי
פון טויט,
וואָס איז מיט לעבן פול !
אויך איך בין גרייט,
איך בין פון לאַנג שוין גרייט
זיך איינרינגלען אין קייט
פון אונדזער גרויסן דור,
וואָס ציט זיך פון דוקאָר
ביז דעם „הר-כרמל" אין ניו-יאָרק !

— — — — — — — — — — — —

אוי, וויפל טעג און יאָרן
וועל איך נאָך מוזן טראָגן
דיין נישט-פאַרענדיקט לעבן,
וואָס איז אויף דיר געוואָרן
פלוצלונג שמאָל ? !

— — — — — — — — — — — —

אוי, וויפיל טעג און יאָרן
וועל איך נאָך מוזן שטיין
אַ צוגעקלעפּטער צו דיין שטיין ?

30 אויגוסט, 1943.

# סאָציאַלע לידער

## א

### דער צעשאָסענער ציפערבלאַט

צעשאָסן איז דער ציפערבלאַט פון קלויסטערזייגער
צוויי ווייזערס פענדלען נאָך אויף נאַקעטע גערערעם.
און אונטן אויפן ברוקשטיין ליגט אַ פערדס אַ פגר —
ס׳פרעסן אים שוין הונגעריקע הינט און ווערעם.

עס האָט די מוטער-צייט אַליין פאַר שרעק געמפלט
און ס׳מאַכן איר צוויי ווייזערס משוגענע העויות,
עס האָט שוין ווידער אַ האַרמאַט וואו אויפגעצאַפּלט
און הוסטנדיק אַלץ צוגעציילט די מאָרגיקע לויות.

און אונטן אויפן ברוקשטיין ליגט אַ פערדס אַ פגר,
עס פרעסן אים שוין הונגעריקע הינט און ווערעם. —
דאָס האָט פאַרבענקט זיך נאָך אַ נייעם לעבנסשטייגער
אַ הונגעריקער פויער פון כאַרקאָוו צי פון פערם.

איצט פויזן עובר בטל צוויי לאַנגע, שוואַרצע ווייזערס
אויף קיילעכדיקן חלל, ווי שטעקלעך פון אַ בלינדן
און ס׳פויזעט אום אַ שרעק אויף גאַסן און אויף הייזער
און קיינער האָט קיין מוט אַ נאַכט-לאָמפּ אָנצוצינדן.

ווער ווייס דען, צי ס׳איז טאָג, ווער ווייס דען, צי ס׳איז אָוונט,
עס זענען אַלע וועגן צו מפיל-צייט געשלאָסן,
און אויפן רויטן מאַרקפּלאַץ שטייט אַ פערמער יון —
ער פרייט זיך, וואָס ער האָט דעם וועלטזייגער צעשאָסן.

זיין זיגעריש געזיכט שטראַלט, ווי אַ טורעם-זייגער
און וואָנצעס, ווי צוויי ווייזערס מאַכן דיר העויות —
דאָס הויבט זיך אָן פון היינט אַ נייער לעבנסשטייגער
און דו, אַ דו — ניט וויין אויף מאָרגיקע לויות...

מאָסקווע, אָקטאָבער, 1917.

ב

## צופוסנס דעם אייפל־טורעם

צי ווייסט איר, וואָס דאָס איז
זיין איינזאַם אין פּאַריז ?

דער אייפל־טורעם שטייט,
ווי אַ מצבה גרייט
צוקאָפּנס פון פּאַריז —
אַ שטאָלענער קאַפּריז
פון אַ בונטאַרן־שטאָט —
אַן אויסגעשריי צו גאָט !
ביינאַכט נאָר פלאַמען־אויף
אויפן אייפל־טורעם גוף
די אותיות : „סיטראָיען" — *)
ס'זאָל אויך דער הימל זען
דער אומזין פון דעם זין :
שאַמפּאַניער מיט בענזין.
— — — — — — — — — —

שאַמפּאַניער מיט בענזין ! —
ס'איז יעדער אות אַ שפּין
אויף שטאָל־געוועבטן גוף,
ס'איז יעדער אות אַ רוף
צום אויפּברויז און צום בונט,
נאָר ס'איז דער מענטש אַ הונט
און קיינער פרעגט פּאַרוואָס,
אויף טרעפן פון מעטראָס
צעלייגן זיך, פון שאָף
(ווי שוואַרצע, בלודנע שאָף)
די היימלאָזע צום שלאָף

*) „סיטראָיען" — דער אויטאָ־קעניג פון פראַנקרייך האָט אָפּגעדונגען דעם אייפל־טורם פאַר ליכט־רעקלאַמעס.

און קיינער פרעגט פאַרוואָס
עס וואַלגערט זיך אין גראָז
אַ גאַנצענעם מעת-לעת
אַ קראַנקער, צי אַ מת ?

צי ווייסט איר, וואָס דאָס איז
זיין איינזאַם אין פאַריז ?

איך הער, אויף מאָנפּאַרנאַס
איז היינט אינמיטן גאַס
געפאַלן פּלוצעם טויט
(פאַר בענקשאַפט, צי פאַר נויט ?)
אַ דייטשער עמיגראַנט
(זיין נאָמען אומבאַקאַנט)
נאָר אין קאַפע „קופּאָל"
איז גרויס געווען די צאָל
פון די, וואָס זענען גרייט
זיך קושן מיטן טויט !
און ס'טורעמט אויף אַ צער
ביים דיכטער און ביים נאַר
(אַפילו אויך ביי מיר
צום צווייטן-דריטן ביר)
ווען ס'בליצן אויף אויפסניי,
ווי לאָזונגען אין מאַי
די אותיות : „סיטראָיען" —
ס'זאָל אויך דער הימל זען
דעם אומזין פון דעם זיין —
שאַמפּאַניער מיט בענזין !

צי ווייסט איר, וואָס דאָס איז
זיין איינזאַם אין פאַריז ?

פאַריז, 1934.

ג

## טויטשטראָף

יעדע נייע טויטשטראָף אין מאָסקווע צי אין ניו-יאָרק,
יעדע נייע טויטשטראָף אין וואַרשע צי אין רעוועל —
לייגט זיך אוים אויף מיין געוויסן מיט אַ פרישן אבל-טרויער,
ווי איך וואָלט שוין ווידער אומגעבראַכט מיין ברודער הבל.

יעדע צייטונג ברענגט מיר יעדן טאָג אַ פרישן קרבן,
יעדע צייטונג רויטלט זיך מיט פרישינקע בלוטסטראָפּנס,
הלואי וואָלט איך שוין בעסער אין מיין וויג געשטאָרבן,
איידער יונג-געקעפּטע ברידער זאָלן באָמבלען זיך צוקאָפּנס.

איז צו וואָס האָב איך זיך אויסגעלערנט לייענען און שרייבן,
און צו וואָס האָב איך פאַרקנסט זיך מיט די „איבערשטע צענטויזנט"—
איז ניט בעסער טשערעדעס אויף גראָזלאָנקעס צו טרייבן —
צווישן שטילע חיות זאָל אויך מיין לעבן פויזן.

גאָט, מיין גאָט, איך קאָן שוין ניט דיין צלם מער פאַרטראָגן,
גאָט, מיין גאָט, זע מעק מיך אוים פון דיין פאַר'קינ'טן געזינדל.
איך קען שוין מער ניט הענגען אַ געקרייציקטער אויף אַלע ראָגן —
כ'קאָן שוין מער ניט טראָגן אָט דעם עפּנטלעכן זינד-עול.

פּאַריז, 1925.

# מלחמה לידער

## א

### פּאַריז לויפֿט

סע שמעקט היינט דער דרויסן מיט שוועבל
און ס׳הוסט ערגעץ־וואו אַ קאַנאָנע;
די זון קוקט אַרוים דורכן נעבל,
ווי זי וואָלט געווען אַ לבנה.

די הינט האַלטן היינט אין איין בילן,
די קעץ שמעקן אָפּ אַלע קעלערס
און ס׳פֿליען די אויטאָמאָבילן,
ווי זיי וואָלטן האָבן פּראָפּעלערס.

ס׳זעט אויס, אַז די שטאָט וויל אַנטלויפֿן
פֿון עפּעס אַ נייער סכנה. —
איך מוז היינט אַ גאַז־מאַסקע קויפֿן,
אויב ניט — בלייבט מיין פֿרוי אַן אַלמנה.

פּאַריז, 1940.

## ב

### אין אָקופּירטן פּאַריז

וואָס וועל איך איצטער טאָן
מיט אַלע מיינע טעג
מיט אַלע מיינע נעכט —
וואָס וועל איך איצטער טאָן?

איך האָב געשטעלט אין קאָן
מיין ווירדע און מיין רעכט —
מיין גאַנצן האָב־און־גוטס
האָב איך געשטעלט אין קאָן!

איך שפּיל מיין לעצטע קאָרט
אויף אומזין, צי אויף זין ?
כ׳פאַרליר, צי איך געווין
אויף אָט דער לעצטער קאָרט ?

פּאַריז, ניו־יאָרק, לובלין —
אַ וואו וועט זיין מיין סוף ?
און וואָס וועט זיין מיין שטראָף :
פּאַריז, ניו־יאָרק, לובלין ?

פּאַריז, 14־טער יוני, 1940.

ג

## אָקופּאַציע־פּערזן

זאָל דוכטן, אַז אַ טשאַטע הונגעריקע וועלף
איז מיך באַפאַלן אין אַ מיטן וואַלד,
איך בין געווען דאָך איינער קעגן צוועלף —
וואָלט דאָך אומזיסט געווען מיין לעצטער גוואַלד !
— — — — — — — — — —

ביז איך וועל מיין פולן קרוג
צו יענער וועלט דערטראָגן —
וועל איך האָבן נאָך גענוג
צו זינגען און צו זאָגן !
— — — — — — — — — —

כ׳בין שוין עלטער פון מיין טאַטן
און פון זיך אַליין — אַוואַדע.
דוכט מיר אָפט, אַז ס׳איז מיין לעבן
אַ פּאַרצייטיקע באַלאַדע.
— — — — — — — — — —

ס׳ווערט מיר אָפט צעמישט מיין קאָפּ
און כ׳קאָן זיך נישט קיין אָרט געפינען,

מיר דוכט זיך דאָן, אַז גאָט אַליין
גייט אויך אַראָפּ פון זינען.

— — — — — — — — — — —

כ׳דערמאָן זיך אַ ווערטל פון טיוטשעוו
אין זיין פילאָזאָפישער דיכטונג:
„דער מענטש מוז זיך שטילערהייט מוטשען
פון סאַמע געבורט ביז פאַרניכטונג״.

יע, דער מענטש האָט נאָך גאָרנישט געלערנט
פון זיינע נביאים־מאַרטירער.
דער פערד האָט אַ גרעסערן שטערן,
ווי ס׳האָט אים זיין רייטער, זיין „פירער״!

— — — — — — — — — — —

ס׳ברענען שטעט, ס׳ברענען לענדער,
גאַנצע קאָנטינענטן ברענען,
סיי דעם קרבן, סיי דעם שענדער
קאָן מען נישט אין רויך דערקענען.

ס׳איז די ערד איין שייטערהויפן,
ס׳פלאַמען אַלע האָריזאָנטן,
ס׳איז נישטאָ וואוהין צו לויפן
זיך אַליין אַ מיתה אָנטאָן.

פּאַריז, 1940.

ד

## ווער זיצט ביי מיין טיש אין פּאַריז?

ווער זיצט ביי מיין טיש אין פּאַריז? —
אַ הונגעריקער ייד,
וואָס וואַרט נאָך אויף זיין גורל־שעה,
צי אַ פראַנצויז
געפאַנגען אין זיין אייגן לאַנד,
צי גאָר אַ נאַצי־אָקופּאַנט
מיט האַקנקרייץ און שפּיז? —

ווער זיצט דען איצטער ביי מיין שרייבטיש
אין פּאַריז ?

מיר דוכט זיך אָפט, אַז איך אַליין —
איך זיץ נאָך ביי מיין שרייבטיש אין פּאַריז
און כ'שרייב מיין לעצטן ליד
ביים אונטערגאַנג פון זון און זין.
כ'מאַך צו דאָס פענסטער מיטן לאָד
(עס איז דאָך קאַמופּליאַזש)
און כ'עפן מיט קוראַזש
מיין יעטווידן שופליאָד.
ס'איז יעטווידער שופליאָד
אַ טייל פון מיין אַרכיוו
פול כתבים, לידער, בריוו
פון גאָר צו גאָר דער וועלט —
ווערט גלייך מיין מידער גוף באַזעלט
מיט נייעם מוט.
כ'דערשפיר אין זיך דאָס בלוט
פון מיינע אָבות
אין שפּאַניען און אין פּאָרטוגאַל.
כ'נעם אָן אַ פולע פען מיט גאַל
און סם המות
און כ'שפּיי זי אוים צוריק
צום האַקנקרייץ.
כ'דערשפיר אין זיך דעם רייץ
און אויך דעם גרויסן גליק
צו קאָנען אויסשפּייען מיט בלוט און גאַל
דעם ביטול-האַס צום פיינט —
צום קאַניבאַל !

אַזוי-אַ ווערט מיין לעצטער היינט
געלייטערט
אין אַלע דורות פון אַמאָל,
איך ווער דערהויבן און דערווייטערט
פון יאָמערטאָל
און איך דערהער דעם ווידערקול

פון זיך אליין —
דעם פרייד־געוויין
פון „שמע ישראל,"
„שמע........."

עס איז א חלום נאר אזא
געוועז.
איך האב דערזעז
איז בעט
מיין אייגענעם סקעלעט,
ווי כ׳וואלט געשלאפן זאלבענאנד
מיט זיך אליין
אין נייעם לאנד.
איך האב דערהערט :
דער ים־גלאק קלינגט,
ווי ס׳קלינגט א קלויסטערל אין דארף
פאר א לויה,
און שיפן רעוועז אין דער נאכט,
ווי אקסן פאר דער שחיטה,
און יעדע כוואליע פון דעם אקעאן
פאטשט אוים מיר אומגליקן גאנץ נייע
פון רוסלאנד, פוילן, ליטע,
און ס׳ווערט דאס לעבן מיר נישט ניחא
פון דער פארווילדערטער רציחה
אויף יענער זייט פון אקעאן. —
ווערט ס׳לעבן מיינס נאך קלענער פון א שפאן
און כ׳וויים נישט, וואס צו טאן,
וואס זאל איך אנהויבן צו טאן,
ווען ס׳קלינגט מיר טאג און נאכט
דער ים־גלאק מאנאטאן :
גלין־גלאן, גלין־גלאן,
ווי ערב אלעמענס לויה.

מען זאגט :
איך מוז מיין לעבן דא באנייען
אין רו און זעט.

איך מוז מיין אָבל־האַרץ באַפרייען
פון אייגענעם סקעלעט,
נאָר כ׳בין שוין מיד פון זיך אַליין
און פון דער וועלט,
און ווי קאָן איינגיין מיר די פרייד
פון אייגענעם געביין,
און ווי קאָן איינגיין מיר די רייד
פון פען־ברידער און פריינט,
ווען כ׳ווייס נאָך נישט ביז היינט,
ווער ס׳זיצט דאָרט ביי מיין שרייבטיש
אין פּאַריז ? —
אַ הונגעריקער ייד,
וואָס וואַרט נאָך אויף זיין גורל־שעה,
צי אַ פראַנצויז
געפאַנגען אין זיין אייגן לאַנד,
צי נאָר אַ נאַצי־אָקופּאַנט
מיט האַקנקרייץ און שפּיז,
צי, אפשר, טויזנט מאָל להבדיל,
אַ נייער לעקערט, שוואַרצבאַרד, גרינשפּאַן, —
ווער זיצט דען איצטער ביי מיין שרייבטיש
אין פּאַריז ? !

ניו־יאָרק, 1942.

ח

## אַ פּאַפּיראָס

אין מיטן ים —
אַ פלאַם,
אַ פּייערזייל,
אַ מייל
די הויך,
דער רויך
פאַרשטעלט
די וועלט !

דער ים איז טיף,
דער ברעג איז ווייט,
עס ברענט אַ שיף
מיט טויזנט לייט.
דער ראַדיאָ־מאַן
קלאַפּט „עס־אָ־עס" !
דער קאַפּיטאַן
וואַרט אויף אַ נס.

נאָר איין מאַטראָס
וויל פאַרן טויט
אַ פּאַפּיראָס.
ער איז שוין גרייט !
ער שפּרינגט אין ים,
אין וואַסער־פלאַם
אָן אַ פאַרוואָס ?
אָן אַ פאַרדראָס !
עס איז אים וואויל,
ער האַלט אין מויל
אַ פּאַפּיראָס !

דער ראַדיאָ־מאַן
קלאַפּט „עס־אָ־עס" !
דער קאַפּיטאַן
וואַרט אויף אַ נס.

ניו־יאָרק, 1942.

ו

## ס'פעלן ווערטער

אַמאָל — אַמאָל פלעג איך באַזינגען אָדלערס, נאַכטיגאַלן, שוואַנען
און טעכטער יידישע פון ווילנע, ביאַליסטאָק און קיעוו,
נאָר איצטער שפּאַלטן זיך די הימלען פון די באָמבערס-עראָפּלאַנען
און יעדן טאָג באַקום איך בשורות ערגערע, ווי איוב.

איצט ווערן אַלע מיינע ווערטער בלאַס און טויט-דערשראָקן,
ווען כ'רוף זיי אויף צו ווערן עדות פון מיין קיינעמס-לעבן.
די תוכחה אַליין זיצט שבעה אין צעפּליקטע זאָקן
און איבער אַלע מיינע היימען שוואַרצע ראָבן שוועבן.

יע, איצטער וואָלטן אויך אַפילו די נביאים ניט געקאָנט געפינען
די ווערטער פּאַסיקע צו טרייסטן, מוסר'ן און שטראָפן.
עס זיינען פעלקער גאַנצענע אַראָפּ פון זינען
און גאָט אַליין איז פון די הימלען ערגעץ-וואו אַנטלאָפן.

מיט אים אינאיינעם זיינען אויך די אָבות אונדזערע פאַרשוואונדן
און די אמהות זיצן, ווי עגונות אויף די פריזבעס פון גן-עדן —
מען זאָגט, אַז גאָט אַליין האָט זיך אַ געלע לאַטע אָנגעבונדן
און ער מאַכט דורך מיט אונדז אינאיינעם אַלע פּיין און ליידן.

מען זאָגט, אַז גאָט וויל אומברייינגען זיין ווילד-געוואָרענע יצירה,
און אַז אין חורבן גופא איז אַ נייער מעשי בראשית-זין פאַראַנען —
וועט מיין געליטערט פאָלק באַלד ווידער אָנהויבן צו זינגען שירה
און איך וועל ווידער קאָנען זינגען פון אָדלערס, נאַכטיגאַלן, שוואַנען.

ניו־יאָרק, 1943.

ז

## אויף מאָרגן נאָך דער וועלט־מלחמה

אויף מאָרגן נאָך דער וועלט־מלחמה וועלן מיר ערשט אָנהייבן צו ציילן
די יידישע מאַרטירער אין רוסלאַנד, ליטע, פוילן,
די קדושים אין די געטאָס און אויף אַלע וויסטע וועגן,
וואו ס׳בערגלען זיך די קברים פון ברידער, פריינט, קאָלעגן.

אויף מאָרגן נאָך דער וועלט־מלחמה וועט מען ציילן אויך די שיפן
פאַרזונקענע אויף אייביק אין אַלע טיפסטע טיפן.
און מען וועט שוין ווידער אויף אַלע קאָנטינענטן
צעשטעלן דענקמעלער פאַר דעם סאָלדאַט — דעם ניט־דערקענטן.

אויף מאָרגן נאָך דער וועלט־מלחמה וועט מען מוזן אַלץ פאַרגעסן —
וועט מען ווידער מיט די רוצחים פון איין שיסל פרעסן,
וועט מען אַלע וועלט־בית עולם׳ס פאַראַקערן אויף תבואה
און עס וועט מקוים ווערן ישעיה׳ס געטלעכע נבואה.

אויף מאָרגן נאָך דער וועלט־מלחמה וועלן די פּאָעטן ווידער
שוין קאָנען שרייבן צאַרטע ליבע־ און לבנה־לידער.
מען וועט פון אַלע ווערטערביכער אויסקראַצן דעם וואָרט „נקמה“ —
ווי גוט עס וועט אונדז זיין אויף מאָרגן נאָך דער וועלט־מלחמה!

ניו־יאָרק, 1943.

# פאַרשיידענע לידער

## א

### מאַרק שאַגאַל

ביידע אין איין יאָר געבוירן
און איין לאַנד האָט אונדז דערצויגן —
טראָגן מיר דיזעלבע יאָרן,
אָבער ניט דיזעלבע אויגן.

דיינע זיינען בלויער הימל
נאָך אַ שטורמישן געוויטער,
ווען ס׳גייט אויף דער רעגנבויגן —
גאָטס פילפאַרביקער פּאַליטער.

מיינע זיינען שטיקער כמאַרע
אָנגעפילט מיט שווערע האָגלען —
צימבלט אוים מיר גאָטס גיטאַרע
ס׳ליד פון וואַנדערן און וואָגלען.

טראָגן מיר דיזלעבע יאָרן,
אָבער ניט דיזעלבע אויגן,
כאָטש איין יאָר האָט אונדז געבוירן
און איין לאַנד האָט אונדז דערצויגן.

פּאַריז, 1937.

ב

# אַ יידיש הויז אין דעטראָיט

אַ פולע הויז מיט וואונדערלעכע לאָמפּ-פיגורן —
ס'לויכטן ים-פיש, אָדלערס און זשיראַפן.
די למד-קעפּ פאַרהימלט אונטער בונטע אַבאַזשורן,
ווי שטיקער נאַכט-זונען דורך מענטשן-הענט באַשאַפן.

פון אַלע ווינקלען פינקלען גאָלד- און זילבער-אותיות
אויף רוקנס לעדערנע פון ספרים און פון ביכער.
(דער קאַווע שמעקט, ווי ווײַן פון פּסח'דיקע כוסות —
ווערט אויך מײַן וואַנדער-רוקן לעדער-פעסט און זיכער!).

איך פיל, ווי ס'אָטעמען די ווענט מיט רו און נחת-רוח
און טעכטער יידישע מיר שמייכלען: אסתר, ברכה, רינה! —
ס'ווערט יעדער נאָמען זייערער אַ נייער בלאַט אין מײַן באַיאָרטן לוח,
אַ שטיק פאַרגאַנגענהייט באַשטראַלט מיט גינגאָלד פון באַגינען.

גייט אויף אין מיר אַ גרויסע ליבשאַפט צו די אַלע מענטשן,
וואָס האָבן אונטערוועגנס מיך באַלויכטן און דערהויבן.
איך וועל זיי שוין אויף אַלע מײַנע וואַנדער-וועגן בענטשן
און אונדזער מעשי בראשית-מייסטער אָן אַן אויפהער לויבן.

דעטראָיט, 1941.

ג

## צו אַ רעדנער

דו האָסט מיך היינט באַרואיקט און באַגליקט,
ווי גאָט אַליין וואָלט דיך צו מיר געשיקט.
דו האָסט פאַר מיר אַנטפּלעקט דעם בונטן אָריענט
און כ׳האָב אין דיינע רייד גאָטס ווידערקול דערקענט.

איך האָב דערזען פאַר זיך דעם ירדן און דעם ניל
און אויך דעם גרויסן מעשׂי בראשית׳דיקן פאַרבן-שפּיל,
ווען זון גייט אויף, ווען זון פאַרגייט אין מדבר-זאַמד
און דו אַליין — דו שטייסט נביאות׳דיק-צעפלאַמט,
ווי ס׳וואָלט נאָך איבער דיר דער סנה געברענט —
האָב איך צו דיר מיט צוטרוי אויסגעשטרעקט די הענט
און כ׳פיל זיך איצט באַרואיקט און באַגליקט,
ווי גאָט אַליין וואָלט דיך צו מיר געשיקט.

פּאַריז, 1940.

ד

## צו אַ דיקטער

כ׳ווער אויפגעלייזט אין דיינע לידער,
ווי שוואַרצער רויך אין הימל־בלוי.
דיין בוך ליגט אָפן, ווי אַ סידור —
ס׳איז יעדער אות — אַ טראָפּן טוי.

נאָר ס׳ווערן טוי־טראָפּנס באַגינען
פאַרוואַנדלט אָפּט אין טראָפּנס בלוט.
דאַן גייט אַראָפּ דיין ליד פון זינען,
ס׳ווערט יעדעס וואָרט — אַ פייער־קנוט.

דיין ליד ווערט פול מיט צער און צאָרן
און ס׳ברענט, ווי אָנגעגליטער דראָט.
פאַרשילטסט דעם טאָג פון דיין געבוירן
און זוכסט דעם קץ ביי מענטש און גאָט.

נאָר באַלד ווערט אויסגעלייטערט ווידער
דיין דיכטער־גאַנג דורך בלוט און טוי
און דו ווערסט אויך דורך דיינע לידער
שטיל אויפגעלייזט אין הימל בלוי.

ניו־יאָרק, 1942.

ח

## זשורנאַליסטן־ליד

איך האָב מיין וואָרט פאַרשמאָלצן מיט די לאָזונגען פון טאָג,
איך האָב מיין ליד צעשטויבט אין שטורם פון דער צייט —
איז פול מיט מיר אַצינד אויף יעדן צייטונגס־ראָג
און ס׳צאַפּלט איצט מיין האַרץ אין אַלערווייטסטער ווייט.

ניו־יאָרק, פּאַריז, יאָהאַנעסבורג, בירא־בידזשאַן,
ווי אויך — אין אַרגענטינע און בראַזיל,
און אומעטום וואו ס׳איז דאָס יידיש וואָרט פאַראַן
בין איך מיט אים אין ערנסט און אין שפּיל.

ס׳איז גוט אַזוי צו רייטן אויפן רוקן פון דער צייט
און אונטערוועגס פאַרשענקען אַלץ, וואָס איך פאַרמאָג —
עס זאָל מיין האַרץ זיך צאַפּלען אין אַלערווייטסטער ווייט
און פול זאָל זיין מיט מיר אויף יעדן צייטונגס־ראָג,

בערלין, 1938.

ז

## ביכער

געבענטשט זאָלן זיין אַלע ביכער
געשריבן אין פּראָזע און גראַמען.
איך פיל זיך מיט זיי אַזוי זיכער
און יום טובדיק, ווי ביי דער מאַמען.

זיי ברענגען מיר גוטע גערים,
פון ברידער, פון פריינט און קאָלעגן —
איך פריי זיך אַזוי צו געניסן
פון אונדזער געדרוקטן פאַרמעגן.

איך וואַנדער מיט זיי אַזוי זיכער
דורך אַלע יבשות און ימען —
געבענטשט זאָלן זיין אַלע ביכער
געשריבן אין פּראָזע און גראַמען.

פּאַריז, 1938.

# א י נ ה אַ ל ט

**ערשטער טייל:**

זייט


א שמועס מיט א לונגען־דאָקטאָר................7
ערשטע נאַכט אין סאַנאַטאָריע..................11
באַגעגעניש מיט אַן אַלטן אַפּיקורס...............15
ימים נוראים אין א לונגען־סאַנאַטאָריע...........21
שווינדזוכט און ליבע.......................25
שווינדזוכט און אייפערזוכט.....................30
א בריוו פון בערלין.........................34
אויך די נאַטור איז פול מיט רציחה..............41
די סיסטעם פון „באַלאַנגען"......................45
ביקור חולים־בריוו.........................50
א מעשה מיט א בהמה.........................55
א לבנה־נאַכט אין די בערג.....................59
איך פלי צו דער לבנה..........................63
אַן אכסניה צו יענער וועלט......................67
שלום עליכם און טשעכאָוו......................73
אומשטערבליכקייט...........................78
ווי אַזוי איך בין געוואָרן א שרייבער..............82
די וועלט דרייט זיך, זאָגט חבר יאָסל...............87
א גאַנג איז א גאַנג!..........................91
ס'איז שולדיק דער קלימאַט......................96
איך פּראָקלאַמיר א לעזער־טאָג.................101
דריי וועגן פירן צו די קעטסקיל־בערג.............105

„חורבן הגוף הוא תיקון הנפש" ........ 110
ניין מאַם שווייגעניש ........ 114
דעלעגאַטן פון יענער וועלט ........ 118
פון די קעטסקיל־בערג צום באַרג סיני ........ 122
אויפן שוועל פון יענער וועלט ........ 124
אויף די קראַנקע האַלט זיך די וועלט ........ 129

## צווייטער טייל:

### לידער (1907 - 1946)

מעשיות פון דריי „קאַצעטלער" ........ 134
די מזוזה'לע ........ 139
אין אַמעריקע ווערט פון אַלץ אַ „קיים" ........ 144
אַ באַרמהערציקער קוש ........ 148
די געשפּאָלטענע מצבה ........ 153
אַ בריוו צו מיינע לייענער אין אייראָפּע ........ 158
צווישן מתים און משוגעים ........ 163
ב. וולאַדעק — דאַניע (פאָרווערטס) ........ 171
זעכציק יאָר מיינע (אַריינפיר־ליד) ........ 173

### התחלה־לידער:

איינזאַמקייט ........ 174
קום צו גיין ........ 174
דיינע אויגן ........ 175
מגן דוד'ס ........ 176
פּסולת ........ 176
שוואַנען־ליד ........ 177

## וואַנדער־לידער :

אונטערוועגנס ........................... 178
א האָגל ........................... 179
דער פאַרפרוירענער ........................... 179
ים־שווינדל ........................... 180
וואַנדער־בעטן ........................... 181
ס׳טרעפט א מינוט ........................... 181

## טויט־לידער

דער פינפטער ........................... 183
דאָס געוויין פון אַ פליג ........................... 183
צום טויט ........................... 184
מיין לעצטער באַרג־אַרויף ........................... 185
מיין לויה־רעפּאָרטאַזש ........................... 185
יתום־ליד ........................... 186
אויפן שוועל פון זעכציק ........................... 187

## וולאַדעק־לידער

ווי גיך דו האָסט געלעבט ........................... 188
אויפן שוועל פון משוגעת ........................... 188
דרייסיקסטער אָקטאָבער ........................... 189
ביי וולאַדעקס מצבה ........................... 190

## סאָציאַלע לידער

דער צעשאָסענער ציפערבלאַט ........................... 192
צופוסנס דעם אייפל־טורעם ........................... 193
טויט שטראָף ........................... 194

## מלחמה־לידער


פאריז לויפט ... 196
אין אקופירטן פאריז ... 196
אקופאציע־פערזן ... 197
ווער זיצט ביי מיין טיש אין פאריז? ... 198
א פאפיראס ... 202
ס'פעלן ווערטער ... 203
אויף מארגן נאך דער וועלט־מלחמה ... 204


## פארשיידענע לידער


מארק שאגאל ... 205
א יידיש הויז אין דעטרויט ... 206
צו א רעדנער ... 207
צו א דיכטער ... 208
זשורנאליסטן־ליד ... 209
ביכער ... 210

# ביכער פון דניאל טשאַרני

„לייכטע פּערזן״ (1908 — 1918).

פאַרלאַג „קולטור,״ ריגע, 1926.

„משפּחה־כּראָניק״ (קינדער־יאָרן).

פאַרלאַג ב. קלעצקין, ווילנע 1927.

„אונטערוועגס״ (לידער).

בערלין, 1929.

„באַרג־אַרויף״ (מעמואַרן).

פאַרלאַג „ליטעראַרישע בלעטער,״ וואַרשע, 1935.

„דניאל טשאַרני־בוך״ (צום פופציקסטן געבורטסטאָג).

פאַרלאַג פון א. ב. צעראַטא, פּאַריז, 1939.

„אַ יאָרצענדליק אַזאַ״ (מעמואַרן).

ביכער — פאַרלאַג „ציקאָ״, ניו־יאָרק, 1943.

געזעצט און געדרוקט ביי
מאַרסטין פּרעס, אינק.,
228 איסט 45 סט., ניו-יאָרק
אייגנטימער: ישראל לאַנדאָן
438